גרשון מינקאָװיטש

# פון ביאשן ביז ירושלים

האוואנא, קובא — 1955

הבנה, קובה — תשט"ו

UNIVERSITY OF FLORIDA
3 1262 08301 979 3
G
463
.M67X
JUDAICA
LIBRARY

50

~~75~~ Lempl –



גרשון מינקאָוויטש

UNIVERSITY OF FLORIDA LIBRARIES

גרשון מינקאָוויטש

# פון בימשן צו ירושלים

האוואנא, קובא — 1955

הבנה, קובה — תשט"ו

GERSZON MINKOWICZ

# Fun Biten Biz Jerushalaim

Copyright 1955
by Gerszon Minkowicz
Habana, Cuba

ג ע ו ו י ד מ ע ט :

מיין געבורט'ס שטעטעלע ביטען,
ביי דעם טייך שטשארא צווישן
סלאָנים און באַראַנאָוויטש, פוילן.

IMPRESO POR:
"VIDA HABANERA"
SOL 153
LA HABANA
1955

אָפּטײלונגען:

1. — פּוילן.

2. — אוראַל.

3. — גלות דײטשלאַנד.

4. — קובאַ.

5. — מדינת ישראל.

6. — ציוניסטישע טעמעס.

# פוילן

(קינדער יאָרן)

## איך זוך אין ניו יאָרק מיינע לאַנדסלייט

אין יאָר 1953, ווען איך בין געווען אין ניו יאָרק, האָב איך זיך באַמיט אויפצוזוכן מיינע לאַנדסלייט פון מיין שטעטעלע ביטען. שוין אין יאָר 1947, ביי מיין ערשטן אָנקומען אין ניו יאָרק, ווי איינער פון דער שארית־הפליטה, האָט אַ בענקשאַפט מיך ארומגענומען נאָך מיין געבורט׳ס־שטעטעלע ביטען. גלייך ביים שטעלן די ערשטע טריט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, האָט זיך דאָס שטעטעלע ביטען אוועקגעשטעלט פאַר די אויגן. די בענקשאַפט נאָך די אידן פון ביטען, און נאָך דעם אָרט פון מיין געבורט, האָט אָבער אויף אַ צייט אויפגעהערט. איך בין פארטראָגן געוואָרן אין אַ ניי לאַנד, אויף דעם טראָפּישן שיינעם אינזל קובאַ.

איך האָב זיך קוים אָנגעוואָרעמט פון די זון־שטראַלן אין דעם טראָפּיש־הייסן קובאַ, און בין אוועק צום לאַנד פון די אבות — קיין ארץ ישראל. עס איז געווען דאָס יאָר 1948, די באַפרייאונגס־מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין נייעם ישראל. איך האָב געהערט דעם רוף פון מיין האַרצן און איך האָב זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער נייער ישראל־אַרמיי, — די „צבא הגנה לישראל״.

נאָכן קריג, ווען דער שטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט די באַזיגטע אַראַבישע מלוכות איז געשלאָסן געוואָרן, בין איך צוריקגעקומען קיין קובאַ. און דאָ האָט מיך די אַרבעט פאַר ישראל אינגאַנצן פאַרכאַפּט, ממש מיך איינגע־שלונגען אינגאַנצן.

דאָס זיין אַ סאָלדאַט אין ישראל, עפּעס מער ווי אַ יאָר, האָט מיר געגעבן אזוי פיל אמונה, אַזאַ ליבשאַפט צו דער נייער מדינה, אַז איך האָב זיך מיט באַנייטע כוחות אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו העלפן ישראל זיך שטעלן אויף די פיס, כדי זי זאָל ווערן אַ מלוכה ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך בין ווייטער געבליבן אַ סאָלדאַט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין קובאַ און געטאָן אַלץ כדי צו פאַרשפּרייטן די אידייע פון ציוניזם דאָ

אין לאַנד און שטיין צום דינסט דער ציוניסטישער פאַרייניקונג אין קובא ביי איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

די זכרונות פון מיין געבורט'ס־שטעטעלע ביטען האָבן געטליעט טיף אין דער נשמה. איך האָב פאַרגליכן דאָס אַמאָליקע אידישע לעבן אין מיין שטעטעלע צו דעם אויפגעקומענעם אידיש־זעלבסטשטענדיקן לעבן אין ישראל, און געזען דעם המשך וואָס וועבט זיך אין נייעם ישראל. נצח ישראל לא ישקר! אין דעם נייעם אויפגעקומענעם פאָטערלאַנד ישראל האָב איך געזען, ווי עס ווערט פאַרגעזעצט דאָס אידישע לעבן פון מיין קליין שטעטעלע ביטען: צענדליקער און צענדליקער משפחות פון מיין שטעטעלע האָבן מיט יאָרן צוריק נאָך אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל, און איצט, נאָך דער גרויזאַמער וועלט־שחיטה פון מיליאָנען אידן, זענען געקומען די שארית־הפליטה. אין דעם גרויסן יער־הקדושים זענען אויך פאַרפלאַנצט געוואָרן ביימער אין הייליקן אָנדענק נאָך אַלע אומגעקומענע קדושים פון מיין שטעטעלע ביטען. די ווערטער פונעם נביא — „ואראה אותך מסבוסת ברמיך, ואומר לך — ברמיך חיי", האָבן אויפגעשיינט פאַר מיינע אויגן מיט דעם אַלטן טראַגישן אמת וואָס איז אין זיי פאַרבליבן אויף דורות און דורות, יאָ „איך האָב דיך געזען קאָנוואולסירנדיק אין דיין בלוט און איך האָב געזאָגט: אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן". אידן האָבן קאָנוואולסירט אין זייער בלוט בעת דעם גרויסן חורבן דורך דער מערדער־האַנט פון היטלער ימח שמו וזכרו, און דורכן בלוט פון די העלדן אין ישראל האָט מען באַפרייט דאָס לאַנד פון די אבות. די קרובים אונזערע, בלוט פון אונזער בלוט, און ביין פון אונזער ביין, די לאַנדסלייט אונזערע, צעזייטע און צעשפּרייטע אין אַלע לענדער, אין ישראל, אַמעריקע, אין די שטעט ניו יאָרק אָדער אין שי־קאַגאָ, אין אַרגענטינע, זיי אַלע הערן אונזער רוף, און קומען מיט זייער הילף אַז ישראל זאָל קענען אריינברענגען די טויזנטער היימלאָזע אידן. ברמיך חיי...

און ווען איך בין אַביסל פריי געוואָרן פון מיין ציוניסטישער טעטי־קייט אין קובאַ, האָב איך, אין יאָר 1953, קומענדיק אויף אַ באַזוך אין דער שטאָט ניו יאָרק, זיך באַמיט אויפצוזוכן מיינע ליבע לאַנדסלייט, די יוצאי־ביטען.

אין דער רעדאַקציע פון אַ אידישער צייטונג אין ניו יאָרק, האָט מען מיר איבערגעגעבן דעם אַדרעס פון אַ פרוי, און מען האָט מיר געזאָגט אַז דורך איר קען איך אויפזוכן דעם ביטענער לאַנדסמאַנשאַפט.

איך האָב גלייך געשריבן אַ בריוו צו דער פרוי, און איר געבעטן מיר צו העלפן אויפזוכן נעמען און אַדרעסן פון ביטענער אידן וואָס געפינען זיך אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד. איך האָב, דעם אמת געזאָגט, שטאַרק גע־צווייפלט צי איך וועל גאָר קריגן אַ געהעריקן ענטפער. זאָגט מען דאָך אַז אין אַמעריקע זענען אידן פאַרשמייעט, פאַרביזנעוועט. און ווער ווייס צו די פרוי קען גאָר לייענען אידיש? אָבער צו מיין גרויס איבעראַשונג, האָב איך באַקומען אַ בריוו וואָס האָט מיך אויף אַן אמת אָנגענעם איבעראַשט. אַ טייל פון דעם בריוו גיב איך דאָ איבער: —

„...איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט אייער בריוול און אין האַרצן האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. פאַר מיינע אויגן האָט אויפגעטויכט די שלאַנקע צאַרטע געשטאַלט פון אייער מוטער רייזל. אפילו איר קול איז אָפּגעפרישט געוואָרן אין מיין זכרון, ווי זי רופט אייך „גערשעלע! גערשעלע!"

מיר דוכט זיך, אַז איך האָב קיין טעות ניט. איר זייט בערל מינקאָוויטש'עס זון. אייער פאָטער איז געווען מיין ערשטער לערער. דער וואונדערבאַרער מענטש, מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, איז געווען דער, וואָס האָט מיך געלערנט צו שטעלן אַן אות, מיך געלערנט אידיש לויט דער מאָדערנער אָרטאָגראַפיע. אַ נאָענטקייט איז מיר פאַרבליבן צו מיין ערשטן לערער בערל מינקאָוויטש, איך געדענק זייער גוט אייער שוועסטער און ברו־דער. איך געדענק ווי אייער שוועסטער מינע האָט אַמאָל רעצי־טירט ביאַליק'ס „במרתף" און אַן אַנדער פּאָעמע „השמונאים קטנים אנו". דעם טאַטנס אויגן האָבן ארויסגעבליצט פון איר שוואַרץ־חנ'דיקן פּנים.

מיינע דריי ברידער, די מאַמע און איך זענען אין אַמעריקע זינט 1924. דאָך דאָס אָרט וואו ס'איז געשטאַנען מיין וויגל, — דאָס פּינטעלע ביטען, איז געבליבן ווי אַ וויכטיקער פּונקט; דורך די אַלע וואַנדערונגען אין מיין לעבן, איז יענער פלאַץ נאָך אַלץ דער פונדאַמענט, דער שורש, פון וואַנען איך צי די גייס־טיקע יניקה כדי בייצוקומען די אומדערקלערבאַרע אומרוען, בענקשאַפטן, און זוכענישן"...

דער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. שפּעטער, אין הויז פון מיין לאַנדסמאַנפרוי אין דער בראָנקס, האָב איך געלייענט איר בוך

דערציילונגען „זון אויף בארג", וואָס איז ארויס אין יאָר 1951, אין ניו יאָרק. אויפן בוך שטייט דער פולער נאָמען פון דער שרייבערין. מיין ליבע לאַנדספרוי, רייזל, האָט מיר אויך געוויזן אַרטיקלען אין וועלכע זי האָט באַשריבן אונזער שטעטעלע ביטען.

מיין בת־עיר רייזל האָט מיך צונויפגעפירט מיט צענדליקער לאַנדסלייט, אידן פון ביטען און אומגעגנט. זי האָט מיך אויך געגעבן אַדרעסן פון ביטענער אידן וואָס וואוינען אין שיקאַגאָ און אין פילאַדעלפיע. אפילו מיט אַדרעסן פון ביטענער לאַנדסלייט וואָס געפינען זיך אין קאַנאַדע און אין אַרגענטינע האָט מיין בת־עיר מיר באַזאָרגט.

מיין שטעטעלע ביטען האָט אויפגעוואַכט פאַר מיינע אויגן.

# אַ באַגעגעניש מיט מיינע לאַנדסלייט

מיינע לאַנדסלייט אין ניו יאָרק האָבן מיך איינגעלאַדן צו דער פייערונג לכבוד דעם פינף יעריקן יובל פון דער פרויען אָפּטיילונג פונם „ביטעגער לאַנדסמאַנשאַפט פאַריין". די פייערונג איז פאָרגעקומען אין שיינעם זאַל פון דער ניו יאָרקער „אַרבעטער רינג היים", פאַר עלטערע מיטגלידער. די דאָזיקע „היים" איז באמת ווערט מ'זאָל וועגן איר באַזונדערס שרייבן. דער בנין איז אַ גראַנדיעזער. אגב, געפינט זיך אין דעם דאָזיקן „מושב זקנים" פון אַרבעטער רינג אַ צימער אויפן נאָמען פון דעם ביטענער אַרבעטער רינג ברענטש. איך האָב זיך גלייך דערפילט היימיש ביים אריינקומען אין דעם דאָזיקן צימער. כ'בין ווידער צווישן אייגענע, צווישן מיינע ביטענער לאַנדסלייט.

דאָס איז געווען אין אַ רעגנדיקן זונטיק אין דער פרי. איך האָב זיך געפונען ערגעץ אין לאָנג איילאַנד און האָב געדאַרפט פאָרן אַ היפּשן לאַנגן וועג ביז אין דער בראָנקס, ניט ווייט פון דעם בראָנקס־פּאַרק, זיך צו טרעפן מיט מיינע לאַנדסלייט, די שרייבערין רייזל און ישראל. פון דאָרטן. אין דער בראָנקס, האָבן מיר געדאַרפט צוזאַמען צופאָרן צו דער „אַרבעטער רינג היים", צו דער פייערונג פון די ביטענער פרויען־פאַריין.

אָבער דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן, איך האָב זיך אריינגעזעצט אין דעם אויטאָבוס וואָס האָט מיך צוגעפירט צו דער דזשאַמייקע סאָבוויי־סטאַנציע. די סאָבוויי איז געלאָפן הענדום־פּענדום מיט אַזאַ שנעלקייט ווי נאָר אַמעריקאַנער סאָבווייס קענען פליען, און אָט בין איך אין אַ אידישן געגנט אין דער בראָנקס. כ'דערפיל אַ היימישקייט אין די גאַסן. כ'זע אידן, און כ'הער רעדן מאַמע־לשון. נישקשה, אַ איד קען שוין דאָ נישט פאַרלוירן גיין.

מיינע לאַנדסלייט האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים ארויסגאַנג פון דער סאָבוויי סטאַנציע. מיר האָבן גענומען אַ טעקסי וואָס האָט אונז געבראַכט צו דעם שיינעם בנין פון דער „אַרבעטער רינג היים".

פריינט ישראל האָט אונז געפירט ווייזן די צימערן פון איין שטאָק צום

אנדערן, מיט די אַלע איינריכטונגען צום וואוילזיין פון די, וואָס זענען גע־קומען דאָ אויסלעבן זייערע יאָרן אין דער „היים" וואָס דער ארבעטער רינג האָט פאַר זיי געבויט. די געביידע מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן שיינעם איינדרוק. קענטיק אַז מען האָט געבויט אַלץ לויט דער לעצטער מאָדערנער אַרכיטעקטור. און די עלטערע אידן, די זקנים און זקנות האָבן ווירקלעך אַלץ וואָס אַ בן אדם דאַרף האָבן אין שפּייז, אין רו, אין מעדיצינישער באַ־האַנדלונג און באַקוועמלעכקייט בכלל. דאָך זענען מיר געדאַנקען געקראָכן אין קאָפּ: „אַל תשליכנו לעת זקנה" — די תפילה וואָס איך פלעג הערן אַמאָל אין גרויס געוויין פון עלטערע מענטשן ביי מיר אין מיין שטעטל ביטען — האָב איך ווידער דערהערט, און איך האָב געטראַכט אַז אָט די אַלע עלטערע מענטשן דאָ אין דער שיינער „היים" וואָלטן געקענט אויסלעבן זיי־ערע יאָרן אין דער סביבה פון זייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך וואָלט אַ סך בעסער געווען. אָבער ווייזט אויס, אַז דאָס לעבן דאָ, אין אַמעריקע, איז פּאָרט אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים, אין קליינעם שטעטל. דאָס פּראָבלעם פון קינדער און עלטערן און דאָס צוזאַמענלעבן זייערס איז אַ מער קאָמפּליצירטער. און די דאָזיקע „היים" איז מסתמא זייער נויטיק.

אין זאַל טרעף איך שוין אַ גרויסן עולם. מען זאָגט מיר אַז דאָס זענען ביטענער לאַנדסלייט. אָבער איך קען קיינעם ניט. איך בין פון יונגן דור. אָבער ווען איך האָב זיך געגומען גוט איינקוקן אין זייערע פּנימ'ער האָב איך דערקענט אַז דאָס זענען מיינע לאַנדסלייט. יאָ, איך קען זייערע קרובים, און זיי אַלע געדענקען מיינע עלטערן. איך דערקען אין די משפּחה־שטריכן מיינע היימישע אידן פון ביטען, מיין שטעטעלע.

איך האָב זיך באַקענט כמעט מיט יעדן פון דעם פאַרזאַמלטן עולם. און זיך דערוואוסט ווער איז ווער, און דעם גאַנצן יחוס פון וואַנען מען קומט ארויס. איך האָב ממש פאַרגעסן אַז איך געפין זיך ווייט, ווייט פון דער היים, און געדוכט האָט זיך מיר אַז איך בין גאָר אין שטעטל מיינעם, אין ביטען.

כ'בין געזעסן צווישן מיינע טייערע לאַנדסלייט און אויסגעהערט די שיינע רעדעס וואָס האָבן דערציילט פון די אויפטוען זייערע, פון די טעטי־קייטן לטובת הכלל, און שטאַרק הנאה געהאַט וואָס מיינע לאַנדסלייט דאָ אין אַמעריקע זענען ממשיך די גוטע מידות פון אונזערע אבות צו זאָרגן פאַרן כלל, און דינען געזעלשאַפטלעך, און העלפן די וואָס נויטיקן זיך אין הילף. איך האָב זיי געזאָגט, צום סוף פון דער פייערונג, אַ פּאָר ווערטער. איך האָב

אויסגעדריקט מיין פרייד זיך צו טרעפן מיט זיי, מיינע נאָענטע און אייגענע פון איין היים־שטאָט, און פאַרענדיקט מיט דעם וואונטש זיך טרעפן מיט זיי נאָכאַמאָל כדי נאָך מער אָפּצופרישן די ליבע, האַרציקע זכרונות וואָס פאַרבינדן מיך מיט זיי און מיין אַמאָליקער היים אין ביטען.

מיר האָבן שפּאַצירט אין דעם גרויסן גאָרטן ארום דער „היים". אונז איז נאָכגעגאַנגען אַן אַלטיטשקער, מיט וועלכן מיר האָבן געשלאָסן אַ באַקאַנטשאַפט. דער זקן האָט גערעדט מיט אַ וויינענדיקער שטימע. אים, דעם זקן איז טרויעריק. אין אונז — האָט ער געזאָגט — האָט ער געפונען פריינט, נאָענטע, צו שטילן זיין עלנטקייט.

איך האָב זיך געטראַכט: אומעטום קענסטו טרעפן עלנטע מענטשן, בפרט אין אַזאַ פּלאַץ, אין אַ מושב זקנים, און וואָס נויטיקן זיך אין אַ וואַרעם מענטשלעך וואָרט.

פאַרנאַכט זענען מיר, פרוי רייזל און נאָך אַ נאָענטער פריינט אירער, צוריקגעפאָרן אין דער בראָנקס. דער גאַנצער וועג האָט דערמאָנט אַז עס איז זונטיק, אַלץ ארום איז געווען פאַרוויגט אין אַ זונטיק רו. אפילו די נאַטור ארום, האָט זיך געדוכט, האָט איצט גערוט. אַ שטילקייט האָט געהערשט אויף די וועגן. געפאָרן זענען מיר דריי ביטענער, צוויי שוין פון לאַנג אויסגעוואַנדערטע פון ביטען, און איך — דער נאָר וואָס געקומענער, דער צופעליקער גאַסט אין ניו יאָרק.

מיר פאָרן אויף אַ וועג מיט ביימער פון ביידע זייטן. זיי פאַרשטעלן ממש דעם וועג. עס ווערט טונקל, די ביימער רוישן, און די געדאַנקען טראָגן אונז צוריק צום שטעטל פון וואַנען מיר אַלע דריי שטאַמען, און וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אונזערע קינדער־יאָרן.

ער, דער מאַן, איז שטימונגספול, השתפכות הנפשדיק און ער דערמאָנט זיך און דערציילט מעשיות פון שטעטל. איך האָב געזען אַז ער איז פול מיט אַ בענקשאַפט וואָס קען זיך ניט שטילן. און ער איז מיר נאָענטער געוואָרן.

„איך בענק — האָט ער אויסגערופן, — איך בענק נאָך דעם אַמאָל. איך לעב מיט דעם אַמאָל, און וואו זענען די אידן פון ביטען איצט, וואו איז ביטען?...

אויך די שרייבערין רייזל האָט זיך דערמאָנט פון איר היים־שטעטל, און גענומען מאָלן אין שטילע ווערטער בילדער פון אירע קינדער יאָרן.

זכרונות האָבן אונז פאַרוועבט אין יענעם טונקעלן פאַרנאַכט אויפן וועג צו דער בראָנקס.

איך האָב געשוויגן, זיך צוגעהערט צו זייער רעדן — און געשוויגן, איך האָב מיטגעפילט מיט זיי. דאָ לעבן מיר, זיצן ניט קיין אַמעריקאַנער, ־אָס זענען צוויי היימישע, יוגנטלעכע פון מיין שטעטעלע. זיי האָבן ניט איבער־געריסן מיט דעם עבר. אין זיי איז פאַראַן המשך, דערפאַר האָבן מיר זיך געטראָפן און ס'איז גאָר קיין צופאַל נישט וואָס מיר פאָרן איצט צוזאַמען, און די וואָס ווילן פאַרגעסן, אָדער מיינען אַז זיי האָבן פאַרגעסן און איבער־געריסן מיט זייער עבר, האָבן אַ טעות, דער אַמאָל לעבט אין אונז אַלעמען. ביי איינעם מער, ביי אַ צווייטן אפשר ווינציקער. אַן אייביקן בונד האָבן מיר געשלאָסן מיט דער היים, מיטן שטיקל ערד פון וואַנען מיר קומען אַרויס און אוואו מיר האָבן דאָס ליכט פונעם הימל איבער אונזערע קעפּ דערזען.

יענעם פאַרנאַכט האָב איך דאָס שטעטל ביטען געפונען. געפונען עס אין דער בראָנקס, ביי מיינע נאָענטע לאַנדסלייט.

# מיין געבורטס-שטעטל ביטען

מיין שטעטעלע ביטען!

איך וועל פרוואוון פארגעסן אויף א רגע נאר וואס דער בלוטיקער שונא, דער היטלער־מערדער און נאצי, האט צו דיר געטאן!

דער זייגער אויפן וואנט קלאפט אויס די נאכמיטאג שעה. א שטיל־קייט פילט אן מיין צימער. דורכן פענצטער דרינגט אריין די ווארעמקייט פון פארגייענדיקן זומער.

עס איז שטיל ארום מיר, און דורך דער שטילקייט הער איך דעם דופק פון דער רוישנדיקער, לעבעדיקער וועלט.

איך בין וואך, אין מיין דמיון בין איך צוריק אין מיין שטעטעלע. שיין, כאטש ניט גרויס איז מיין שטעטעלע ביטען, וואס ליגט ביים טייכל שטשארא, וואס פאלט אריין אין גרויסן טייך ניעמאן.

ביטען געפינט זיך אכט און צוואנציק קילאמעטער פון דער שטאט סלאנים און 50 קילאמעטער פון באראנאוויטש, וויים רוסלאנד.

פארוואס מיין שטעטעלע רופט זיך ביטען, זענען פאראן א סך מעשיות און לעגענדעס. פאראן א לעגענדע אז בשעת ביטען האט זיך געהאלטן אין בויען, זענען געווען דארט בלויז געציילטע אידישע משפחות, און ס'איז שווער געווען צוזאמענצושטעלן א מנין צום דאווגען. און ווען א איד איז צוגעקומען, איז א פריערדיקער אוועק. אזוי כסדר. פלעגט קומען אן אורח, איז די שמחה געווען גרויס, אבער אז ס'איז געקומען צום דאוונען האט מען זיך געכאפט אז א איד וואס איז שוין געווען א תושב אין דעם ישוב איז נעלם געווארן, דער שמש פלעגט אויסרופן: ביל...טען — אי אושאל... ביל...טען — אי אושאל... (דאס הייסט אויף רוסיש: געווען דער און אוועק, געווען דער און אוועק). פון דעמאלט אן האט מען דאס שטע־טעלע א נאמען געגעבן „ביטען".

דאס שטעטעלע ביטען האט דורכגעמאכט מלחמות, אפגעברענט גע־ווארן, צוריק אויפגעבויט געווארן, ביז דאס לעבן האט זיך איינגעשטעלט און ביטען האט דערגרייכט די צאל פון צוויי הונדערט משפחות.

א לאנגע גאס שניידט דורך דאס שטעטל און ציט זיך פון דער הילצערנער בריק ביים טייכל שטשארא ביז העט, העט ווייט, צום הויכן בארג וואס שטייט דארט מחוץ דעם שטעטלשן ישוב.

פאראלעל צו דער לאנגער גאס לויפט אויך דורך דאס שטעטל א קורצערע גאס און רעכטס און לינקס געפינען זיך זייטיקע קליינע אידישע געסלעך. די אידן אין ביטען האבן געוואוינט בשכנות מיט א סך גוים, וואס האבן געוואוינט אפגעזונדערט אין באזונדערע גאסן און געסלעך. די גוים האבן ווינציק־וואס זיך געמישט מיט די אידן, איינער האט דעם צווייטן קוים פארשטאנען, צוויי פעלקער, צוויי שבטים אויף איין שטיקל פרוכט־בארע ערד, מיט באזונדערע לשונות און קולטורן, צוויי באזונדערע וועלטן און עס האט זיך געדוכט אז אזוי איז עס נאטירלעך, און אזוי וועט זיך עס ציען דורך צייטן און דורות.

די צוויי באזונדערע פעלקער פלעגן אמאל יא זיך באגעגענען. מ'פלעגט האנדלען, קויפן און פארקויפן איינע צו די אנדערע. ארויסהעלפן אמאל אין אן ארבעט, בשעת א שרפה, וכדומה. דא און דארט האט זיך געשאפן א פריינטשאפט לפנים. אין תוך אבער איז געלעגן א תהום וואס האט פארנאנדערגעטיילט די אידן פון זייערע ניט אידישע שכנים, די ווייס־רוסן.

געווען דא אין ביטען א דריטער צד, דאס איז געווען די פוילישע מאכט. די שטאט־רעגירונג וואס איז געווען דורכאויס א פוילישע, די לערער פון די שטאטישע שולן, און די באאמטע פון דער שטאט־רעגירונג, וואס האבן זיך אויפגעפירט מיט גדלות, ווי די אמתע הערשער, און האבן ווינציק־וואס געהאט צו טאן סיי מיט די גוים, די ווייס־רוסן, און סיי מיט די אידן.

אויף דעם בארג, אין עק פון דער לאנגער גאס איז געשטאנען א גרויסער האלב־חרובער קלויסטער, דער דאזיקער קלויסטער איז געשטאנען ווי א מין אנדענק פון אלטע צייטן. די ארכיטעקטור, דער שיינער געבוי פון דאזיקן אלטן קלויסטער האט דערציילט אז געבויט האבן אים גרויסע מייסטער, און אז פיל ארבעט איז ארייגעלייגט געווארן ביים בויען. דער פלאץ ארום דעם קלויסטער איז געווען פארבויט מיט קליינע בנינים. אין איינעם פון זיי האט געוואוינט דער גלח מיט זיינע משרתים. צווישן די בנינים האט זיך אויך געפונען דער ניי־אויסגעבויטער קלויסטער אין וועלכן דאס פויערים־פאלק און די פרומע גוים פון שטעטל זענען געקומען אפריכטן זייערע געבעטן צום האר יעזוס.

אין דעם סקעלעט פונם אלטן חרובן קלויסטער האבן זיך געפונען פארשיידענע היילן. אלערליי פאנטאסטישע מעשיות זענען ארומגעגאנגען אין

פֿאָלק וועגן די דאָזיקע היילן. באַזונדערס פֿלעגט דאָס יונגוואַרג זיך איינ־הערן מיט קלאָפּנדיקע הערצער צו די פֿאַרשיידענע מעשיות וועגן די דאָזיקע היילן אינם אַלטן פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער. אָפּט פֿלעגן די שקצים אַראָפּגיידערן אין די דאָזיקע פּוסטע היילן, אין דער פֿינצטער פֿלעגן זיי גיין פֿון צימער צו צימער, האַלטן שטורקאַצן אין די הענט צו באַלייכטן די היילן, און מער ווי שאָטנס, שרעקנדיקע, אויף די ווענט — האָבן זיי ניט געזען.

דאָ לעבן דעם חרובן קלויסטער איז אויך געשטאַנען אַ הילצערנער קאָשטשאָל פֿאַר די פּאָליאַקן.

אַרום דעם באַרג זענען געשטאַנען הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם באַרג ווי אַ רייף. דאָ איז אויך געווען דער פֿי־מאַרק. איין מאָל אין חודש פֿלעגן דאָ די פּויערים ברענגען פֿון זייערע דערפֿער פֿערד, קי, קעלבלעך, אָקסן, שאָף און אַנדערע בהמות צו פֿאַרקויפֿן. דער טומל און געפּילדער פֿון די פּויערים און זייערע פֿי, דאָס הירזשען פֿון פֿערד, און דאָס מעקען פֿון די בהמות איז געגאַנגען ביזן הימל. פֿון אינדערפֿרי ביז אין שפּעטן אָוונט, נאָך זון אונטערגאַנג, פֿלעגט מען הערן די קולות פֿון דעם מאַרק אויף וויאָרסטן ווייט. אויף דער אַנדערער זייט באַרג איז אין דעם מאַרק־טאָג אויך געווען טומלדיק און פֿריילעך אין די אידישע קראָמען. מ׳האָט געלייזט צוביסלעך פֿון די פּויערים וואָס זענען געקומען איינהאַנדלען זאַלץ, נאַפֿט, מאַכאָרקע און אַנדערע נויטיקע זאַכן פֿאַר זייערע הויז געזינדן.

אויף דעם דאָזיקן מאַרק־טאָג פֿלעגט מען וואַרטן אַ גאַנצן חודש. דער פֿי־מאַרק איז געווען דער עיקר־קוואַל פֿון פּרנסה. נאָכן יריד־טאָג פֿלעגן די פּויערים פֿאַרפֿאָרן אין די דערבייאיקע קרעטשמעס, און פֿאַרטרינקען די לייזונגען מיט גלעזלעך ווייסן בראָנפֿן, און פֿאַרבייסן מיט הערינג, ווייסע חלה וואָס די קרעטשמע־באַלעבאָסטעס האָבן צוגעגרייט פֿאַר זייערע הונגעריקע קונים.

נאָכן טרינקען די גלעזלעך ווייסע משקה זענען די פּויערים געוואָרן בגילופֿין. אין שיכּרות האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען פּויערישע לידלעך וועגן ליבע און וועגן טויט, טייל פֿון זיי פֿלעגן וויינען און כליפּען אויפֿן קול, כּון די העלזער פֿלעגט זיך רייסן אַזאַ יאָמערדיק געזאַנג, וואָס האָט זיך פֿאַר־ענדיקט מיט אַ בלעקערצן סתם אין דער וועלט אַריין.

דערפֿאַר אָבער איז דאָס געזאַנג זומער־צייט, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פֿון די פֿעלדער געווען אָנגענעמער פֿאַרן אויער, אַלץ אַרום איז איינ־געטונקען אין גרינס. די תּבֿואות אויף די פֿעלדער זענען רייף, צעבליט,

און צייטיק צום שניידן. די געזאַנגען פון די פויערים אויף די פעלדער פלעגט מען הערן פון ווייטן, און די אידן אין שטעטל האָבן שוין געוואוסט, לויטן געזאַנג אַז איצט געפינט זיך דאָס פויערים פאָלק אויף די פעלדער וואו זיי זאַמלען איין די תבואות. עס פלעגט זיך טראָגן דאָס געזאַנג פון דעם פויער, דעם געזונטן מענטש וואָס איז צוגעבונדן צו זיין ערד, צו דער נאַטור, פון וועלכן ער איז אַ טייל, און נישט איין איד אין שטעטל, האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, זיך צוהערנדיק צום פויערס זינגען אויף די פעלדער. און ווי מקנא איז דער איד געווען דעם פויער! עך, ווי דערלעבט מען שוין צו זען זיין אין אַן אייגן לאַנד און געניסן פון גאָטס שפע אויף די פעלדער! דער איד אין שטעטל איז אָבער פאָרט געווען אַן אריינגעוואָקסענער אין דעם ארומיקן לעבן, און געהאַט אַ ליבשאַפט צו דער ערד אויף וועלכער ער האָט געלעבט פון אבות־אבותינו.

איצט, אַז איך טראַכט פון יענע יאָרן ווערט אומעטיק אויפן האַרצן. געווען אַמאָל רואיקע, נאָרמאַלע צייטן, ווען דאָס לעבן איז געפלאָסן שטיל און רואיק. אָבער עס האָט קיינער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַלץ וועט אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

# דאָס אידישע לעבן אין ביטען

אויב אין די אמעריקאַנער לענדער ווערט איצט גערעדט א סך וועגן דער צוקונפט פון אידן און אידישקייט אין אונזער העמיספער; ווי אזוי איינצוהאַלטן די אַסימילאַציע און איינצופלאַנצן און באַפעסטיקן דעם אי־דישן באַוואוסטזיין ביי די יונגע אידישע אויפקומענדיקע דורות — איז אין מיין אמאָליק אידיש שטעטל — ביטען, אזא פּראָבלעם ניט געווען. דאָרט אין ביטען זענען אידן געווען — אידן. אַלט און יונג. קורב צו צוויי הונדערט אידישע משפחות האָבן געלעבט, גערעדט, געטראַכט און גע־פילט ווי אידן.

געווען אין שטעטל א גרויסע צוויי שטאָקיקע הילצערנע געביידע — די שוהל פון שטעטל. געווען אויך אַ חסידים שטיבל, און א שטאָטישער בית המדרש אין דעם נייעם טייל פון שטעטל.

די בעלי־מלאכות האָבן, קורץ פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג, אָנגעהויבן צו בויען א אייגענע שול, דעם אזוי גערופענעם חייטים; זיי האָבן אָבער ליידער ניט געהאַט קיין געלט צו פאַרענדיקן די געביידע. איז זי געבליבן שטיין אזוי, און געוואַרט אויף א תיקון. און דאָ האָט דער בלו־טיקער קריג פון די נאַציס זיך אָנגעהויבן. וואָס עס איז געוואָרן פון דעם דאָזיקן ניט פאַרענדיקטן בנין קען מען זיך אַליין פאָרשטעלן.

געווען אין שטעטל, ווי דער שטייגער איז, א כשרע מקוה מיט א שוויץ באָד ווי אין אַלע אידישע שטעטלעך, געווען אויך א הקדש, א גמילת־חסדים־קאַסע, א ביקור־חולים פאַריין א. א. וו.

די שוהל און דער בית המדרש האָבן אויסגעהאַלטן צוויי רבנים, א חסידישער און מתנגדשער רב. די הויפּט פּרנסה זייערע, פון וואָס צו ציען חיונה, איז געווען דאָס פאַרקויפן הייוון אַלע ערב־שבת און ערב יום־טוב.

אין שטעטל איז געווען א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט א גוט איינ־

געשטעלטע ביבליאָטעק, געווען אויך אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענער ביבליאָטעק.

די אידן האָבן געצויגן זייער פרנסה דאָס רוב פון האַנדל, אַ טייל האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה. געווען האַנטווערקער, שוסטערס, שניידערס וכדומה. געווען כלי־קודש אין שטעטל, אידן מיט לופט־פרנסה, און סתם אָרעמעלייט, מדינה גייערס. יאָ, געווען אויך אין שטעטל, ווי אין אַלע אידישע שטעטלעך — אַ שטאָט משוגענער.

אַמאָל, נאָך פאַרן ערשטן קריג, האָט דאָס שטעטל פאַרמאָגט אַ גאַרבער פאַבריק, און אַ וועבעריי פאַבריק, אין די יאָרן צווישן ביידע מלחמות זענען די דאָזיקע צוויי פאַבריקן געשטאַנען פוסט.

געווען אין שטעטל מער ווי אַ צענדליק אידישע בעלי־עגלות, וואָס פלעגן פירן פאַרשוינען און משא אין די נאָענטע שטעט סלאַנים און באַראַנאָוויטש, געווען ביי אונז אין שטעטל אַ סך גרינס און אויבסט הענדלער וואָס האָבן בשפע געהאַט פרנסה.

די אָנגעזעענע אינטעליגענץ פון שטעטל זענען געווען: דער שטאָטיש־ער דאָקטאָר און דער אַפּטייקער. זיי זענען געווען די חשובע לייט פון שטעטל וואָס האָבן געהאַט צוטריט צו דער מאַכט, און בכלל געווען קרוב למלכות, דורך זיי האָבן אידן זיך משתדל געווען ביי דער רעגירונג.

די אידישע יוגנט האָט געלערנט אין די צוויי אידישע שולן וואָס האָבן עקזיסטירט. אין איינע פון זיי איז מיין פאָטער ע"ה, בערל דער לערער, געווען דער גאַנצער באַלעבאָס, אַ טייל פון דער שטאָטישער יונגוואַרג האָט געלערנט אין דער פוילישער פאָלקס שול, און גאָר אַ קליינער פּראָצענט אידישע בחורים און מיידלעך האָבן ממשיך געווען זייער לערנען אין די גימנאַזיעס פון סלאַנים, באַראַנאָוויטש אָדער אין דעם העברעאישן לערער סעמינאַר אין ווילנע.

שבת ביייטאָג פלעגט אין בית־המדרש דרשענען איינער פון די רבנים אין שטעטל, און אַמאָל אַ מגיד וואָס איז פאַרפאָרן אין ביטען, איבער שבת. אַמאָל פלעגט אין שטעטל געגעבן ווערן אַ חזנישער קאָנצערט, אַ חזן וואָס פלעגט דורכפאָרן דאָס שטעטל, האָט זיך פאַרהאַלטן אַ פּאָר טעג ביז מוצאי שבת.

די מער פאָרגעשריטענע אידישע יוגנט האָט אין די יאָרן פאַרן קריג אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז, און זיי פלעגן געבן פאָשטעלונגען אין

דעם שטאָטישן טעאַטער־זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון די שטאָטישע פייער־לעשער.

די פייערלעשער זענען, אגב, געווען גוט אָרגאַניזירט. אַלע פייערלעשער זענען געווען אידישע, קיין גוי האָט, על־פּי צופאַל, אָדער ניט געוואָלט זיך אַנשליסן אין דער אידישער פייערלעשער קאָמאַנדע. די פייערלעשער קאָמאַנדע איז געווען גוט אָרגאַניזירט. געווען אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, מיט פאַרשידענע מונדירן לויטן ראַנג. די פייערלעשער האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער, וואָס פלעגט שפּילן ביי יעדן אָפיציעלן פּוילישן מלוכה יום טוב. געווען שיין צו קוקן ווי די פייערלעשער מיט זייער אָרקעסטער מאַרשירט אין די גאַסן, זייער שפּילן פלעגט ארויסרופן פרייד ביי אַלע אידן. די אידישע פייערלעשער פלעגן גיין די ערשטע ביי יעדן פּאַראַד וואָס די שטאָט רעגירונג פלעגט אָרגאַניזירן.

ארום דעם שטעטל האָבן זיך געצויגן ברייטע גרינע פעלדער; וועגן אויסברוקירטע וואָס האָבן געפירט אין די דערפער און זאַמדיקע שליאַכן וואָס האָבן זיך געצויגן מיילן ווייט און געפירט אין דער ברייטער גרויסער וועלט אריין.

הינטערן שטעטל האָבן זיך געפונען פיל סעדער און גערטנער, אין וועלכע עס זענען געוואַקסן עפל, באַרן, פלוימען און אַנדערע פרוכטן. זומער צייט פלעגן אָט די סעדער ארויסגעבן וואונדערלעכע ריחות, דורכפאָרער פלעגן פשוט פאַרציובערט בלייבן שטיין און איינזאַפּן די כישופדיקע אראָמאַטן וואָס פלעגן זיך טראָגן פון די סעדער אויף מיילן ווייט.

די גאַסן פון שטעטל זענען געווען ברוקירט מיט שטיינער. די זייטיקע געסלעך אָבער זענען געווען זאַמדיקע, און פול מיט גריבער, אין רעגנדיקע טעג פלעגט די בלאָטע גרייכן ביז די קני, און ס'איז געווען פשוט א סכנה ארויסצוגיין.

וואַסער צום טרינקען און קאָכן פלעגט מען שעפּן פון די ברונעמער, וואָס זענען געווען פאַרמויערט ביי די זייטן מיט צעמענטענע קאַריבעס. אין דעם „קליינעם געסל”, ווי מען האָט גערופן איינס פון די קלענסטע געסלעך אין שטעטל — האָט זיך געפונען א קרעניצע מיט קרישטאָל קלאָרן וואַסער וואָס איז געפלאָסן טאָג און נאַכט. פלעגן טאַקע די אידן פון שטעטל זיך ציען אהער צו דער ליבער קרעניצע און שעפּן וואַסער וויפל עס האָט זיך זיי געגלוסט.

כמעט יעדער איד אין שטעטל האָט הינטערן הויז זיינעם פאַרמאָגט א

גאָרטן. און זומער צייט האָט יעדער אידישער באַלעבאָס געהאַט גרינסן פאַרן גאַנצן הויז געזינד. און עס איז נאָך געבליבן זיך אָנצוגרייטן אויפן ווינטער, מערן, בוריקעס, אוגערקעס, קרויט. מ'האָט די אַלע שאַר ירקות באַשאָטן מיט געלן זאַמד. ווינטער פלעגט מען ארייגשטעלן אין די פענצ־טער די דובעלטן, מ'פלעגט פאַרשמירן די לעבער ארום די פענצטער מיט ליים; פאַרשפאַרן כדי די בייזע ווינטן זאָלן ווינטערצייט נישט אריינבלאָזן אין די שטיבער.

אין די לאַנגע ווינטער אויפדערנאַכטן, ווען דער שניי האָט אַלץ ארום פאַרדעקט מיט זיין בלענדענדיקער ווייסקייט און דער פראָסט פלעגט זיך זילבערן און מאָלן כלערליי בילדער אויף די פאַרפראָרענע שויבן, פלעגן אידן זיצן אין הויז, אָדער אין וואַרעמען בית־המדרש אויף דער ליזשאַרקע און זיך דערציילן מעשיות, אָדער רעדן פון פּאָליטיק, אַנדערע פלעגן געשמאַק לערנען גמרא מיטן באַקאַנטן ניגון, די פשוטערע אידן פלעגן לערנען משניות.

שכנים פלעגן זיך אריינכאַפּן איינער צום אַנדערן אין די שטיבער, שמועסן פון דעם און פון יענעם, זיך אַראָפּרעדן פונם האַרצן עס זאָל גרינגער ווערן אויף דער נשמה.

אַז דער הייליקער שבת איז אַוועק, און די מלכה שבת פלעגט מיטנע־מען איר מאַיעסטעטישע הערשאַפט, איז די פולע וואָך ווידער אָנגעקומען מיט אירע דאגות און קאָפּדרייעניש. אידן האָבן זיך אויסגעשפּאַנט פון זייער שבתדיקייט. מ'האָט געעפנט די קראָמען גלייך נאָך הבדלה. קונים פלעגן זיך באַווייזן, און מ'האָט אָנגעהויבן זיך צוגרייטן פאַר דער וואָך האָרע־וואַניע. מ'האָט אַראָפּגענומען די שבת'דיקע טישטעכער מיט די לייכטער פון די טישן, און די וואָך האָט זיך ווידער אריינגעקליבן אין די אידישע שטי־בער, אָבער ניט מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכוויין. אין די מער פרומע שטיבער האָט זיך נאָך געפילט די מנוחה פון דעם שבת'דיקן טאָג. אויף די פנימער פון אַלט און יונג האָט נאָך גערוט דער שיין פון דעם רו־טאָג, פון דעם הייליקן שבת, ביז אין די שפּעטע שעה'ן פון דער נאַכט.

בעלי־עגלות האָבן איינגעשפּאַנט זייערע אויסגערוטע פערד און זיך געלאָזט אין וועג אריין קיין סלאָנים אָדער באַראַנאָוויטש פירנדיק פאַרשוי־נען אַהינצו. צוריק פלעגן זיי קומען מיט פולע בוידן אָנגעלאָדענע מיט סחורות. שעה'ן, טעג, מעת־לעת'ן גאַנצע פלעגן זיך די בעלי־עגלות גע־פינען אויף די וועגן וואָס פירן פון ביטען קיין סלאָנים און פון סלאָנים קיין

באַראַנאָוויטש און צוריק ווידער קיין ביטען. אָפּט פלעגן פאַלן רעגנס שנייען און די בוידן פלעגן זיך טאָפּטשען אין בלאָטעס. גאָר אָפּט פלעגן די בעלי־עגלות נאָכגיין די בוידן און וועגנער, און העלפן שטופן די פערד באַרג אַרויף די שווערע משאות.

:: :: ::

ביטען האָט געשמט פאַר אַן אינטעליגענט אידיש שטעטל. ביטען האָט אויף אַן אמת געהאַט מיט וואָס זיך צו גרויסן. די רבנים פון שטעטל רב מתותקע און רב מרדכילע זענען געווען גאוני־הדור. צו זיי פלעגן קומען הונדערטער אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך נאָך ברכות און נאָך אַן עצה אין אַן עת־צרה. אפילו די גויאשע פריצים פלעגן אויך קומען צו זיי, אַז די ראַבינס זאָלן זיי בענטשן, דאָס שטעטל האָט אויך אַרויסגעגעבן אידישע שרייבער, דיכטער, און ציוניסטישע פירער. פון ביטען זענען אַרויסגעקומען צענדליקער חלוצים וואָס זענען אַוועק קיין ארץ ישראל בויען דאָס לאַנד.

צביה לובעטקין, די באַרימטע העלדין פון דער וואַרשעווער געטאָ שטאַמט פון ביטען. דאָרט איז צביה געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט.

ביטען האָט פאַרמאָגט גרויסע ביבליאָטעקן מיט טויזנטער ביכער אין העברעאיש, אידיש און אַנדערע שפּראַכן.

אין בית המדרש האָבן זיך געפונען אַרום די וואַנט טויזנטער ספרים אויף די פּאָליצעס. אידן זענען תמיד דאָ געזעסן און געלערנט, און דאָס קול פון תורה האָט זיך שטענדיק געהערט אין די ווענט פון בית מדרש.

געווען דאָ אידן לומדים, שאַרפע קעפּ. לאָמיר דאָ דערמאָנען די אידן ר׳ שמאי, ר׳ הירשל שאַרובסקי, וואָס האָבן געשעמט אַלס בקיאים אין ים התלמוד און אַנדערע.

מיין פאָטער ר׳ דוב ז״ל האָט מחנך געווען הונדערטער און הונדערטער תלמידים, אין מאָדערנעם העברעאישן גייסט.

ביטען האָט ניט געלאָזט פאַלן קיין אביון. יעדער נויטבאַדערפטיקער איז ניט פאַרזען געוואָרן, צי דאָס איז אין טעג פאַר דעם פריילעכן יום טוב פסח, צי פאַר אַן אַנדער יום־טוב, אָדער אפילו אין אַ פּשוטן ערב־שבת פון אַ גאַנץ יאָר. באַזונדערס טאַקע פסח צייט. פלעגט מען בודק זיין צו יעדער פון די אָרעמע אידן האָט אַלץ אויף יום טוב. מען האָט געזוכט און גע־

נישטערט צווישן די וואָס זענען געווען צו שטאַלץ אָנצוקומען צו „מעות חטים". קיין איד איז חלילה ניט געבליבן אָן מצות. און ווייסע חלה האָט תמיד באַשיינט דעם טיש פון דעם נויטבאַדערפטיקן, פרייטיק צו נאַכטס.

א קראַנקן פלעגט מען בייגאַכט ניט לאָזן אַליין. דער ביקור־חולים פאַריין פלעגט שוין זען אַז אַ פּאָרל זאָל זיך געפינען לעבן קראַנקן די גאַנצע נאַכט.

אין דער ביבליאָטעק פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי האָבן זיך געפונען טויזנטער ביכער. דאָס זעלבע אין דער ביבליאָטעק פון „בונד". הונדערטער אידישע לייענער פלעגן ארויסנעמען ביכער יעדן טאָג, אויף צו לייענען.

אין ביטען פלעגן אָפט פאָרקומען ציוניסטישע צוזאַמענפאָרן פון די ארומיקע געגנטן. אין דער עליה קיין ארץ ישראל איז ביטען היפּש פאַר־טראָטן, אין קיבוץ, אין דאָרף און אין שטאָט.

# מײן מאַמע ע״ה

מײן מאַמען האָב איך ניט געקענט. װען זי איז געשטאָרבן בין איך אַלט געװען דרײ יאָר. אָן אײביקע בענקשאַפט איז מיר פאַרבליבן, און א טיפער צער נאָך איר אװעקגײן איז געװאַקסן אין מיר פון קינדװײז אָן. דאָס װאָרט מאַמע, איז אַ הײליק װאָרט. װיפל לידער, װיפל לױב־װערטער זע־נען שױן אָנגעשריבן געװאָרן צו דער מוטער. פאַראַן אַ רוסיש ליד װאָס גײט מיר ניט ארױס פון זכרון:

„מאַמע, ניטאָ קײן װאָרט װאָס זאָל אױסדרוקפולער און ליבלעכער זײן װי — „מאַמע".
ניטאָ קײן װאָרט קײן שענערס און בעסערס װי — מאַמע.
גוט איז מיר צו לעבן
מיט דיר, מאַמע טײערע.
איך גיב אַ קוק אױף דיר הײנט,
ביסט שױן גרױ, מאַמע ליבע.
דײן האַרץ האָסטו מיר אָפּגעגעבן
װיפל נעכט האָסטו מײן שלאָף געהיט?
צי װעל איך קענען, מאַמע, דיר אָפּצאָלן אמאָל?
דיר, מאַמע טײערע, אױף דער עלטער?
צו דיר מאַמע זינג איך איצט מײן ליד,
מאַמע.
װי גוט איז מיר צו לעבן מיט דיר,
מאַמע.
אומעטום זע איך דײן געשטאַלט.
אין צײט פון נױט, אַ שװײגנדיקע.
אין טעג פון יום טוב — אַ פאַרשמײעטע.
מאַמע, טײערע מײן.
מיר איז ליכטיק, אױפן האַרצן גרינג,

ווייל כ'ווייס דו ביסט ערגעץ, ניט ווייט פון דאנען,
אפשר, לאָמיר האָפן, דו וועסט צוריק באַגעגענען
די יאָרן דיינע, יונגע,
די יאָרן דיינע, קינדישע.

מיין טאַטע איז געווען תמיד אַ פריינטלעכער, אַ גוטער. אין זיינע אויגן האָט זיך געשפּיגלט אַ קוואַל פון גוטסקייט. אין לעבן מיט מענטשן איז ער ערלעך, ערנסט, און גוט. פאַראַן מענטשן וואָס זענען געבענטשט פון דער נאַטור מיט אַן אייביקע גוטסקייט און וואַרעמקייט אין זייערע אויגן. ווען דו באַגעגנסט אַזאַ מענטשן, דערקאָנסטו אין זיין פּנים גלייך יעם גוטן כאַראַקטער זיינעם. דו ווייסט פאָרויס אַז דער דאָזיקער מענטש איז ניט עלול צו טאָן קיין שום שלעכטס און קיין שום אומרעכט אין לעבן.

אָבער דווקא די דאָזיקע מענטשן לעבט זיך עס זייער שווער; זיי, די אמת גוטע און ערלעכע אויף דער וועלט וואָס פאַרטראָגן נישט קיין שקר —זיי קענען זיך ניט צופּאַסן צו דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס פאָדערט אָפט צו מאכן קאָמפּראָמיסן, שקר'נען און איבערהויפּט זיך ניט צו גריבלען צו פיל אין פּראָבלעמען פון לעבן.

מיין טאַטן ע"ה, איז דאָס לעבן געווען שווער. ער איז געווען אַן איש אמת. ער האָט זיך געגריבלט און געהאַט ספקות און געפרעגט דעם רבונו של עולם אַ סך קשיות . און זעלטן האָט ער געהאַט אַ פולן ענטפער אויף אַלע זיינע פרעגענישן...

איך געדענק ווי היינט, ווי ער פלעגט פאַרבלייבן לאַנגע שעהן אין בית־המדרש, שוין נאָכן דאַווענען, ווען סרוב אידן זענען שוין געווען אין דער היים. ער פלעגט זיצן און שמועסן מיט ר' שמאַין, און ר' שארובסקי'ן, וואָס זענען געווען גרויסע לומדים, אָדער גאָר מיטן רב פון שטאָט.

מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער לערער, ער האָט הונדערטער אידישע קינדער אין שטעטל אויסגעלערנט העברעאיש. ער האָט געלערנט מיט צוויי דורות. אַ פריער מיט די טאַטע מאַמעס און דערנאָך מיט זייערע קינדער. ער האָט זיינע תלמידים ליב געהאַט ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע קינדער.

דערמאָנענדיק מיין פאָטער ע"ה, דערמאָן איך זיך אין דעם אומגליק וואָס די דייטשע מערדער האָבן געטאָן צו מיינע אייגענע. זיי האָבן אומ־געבראַכט מיין שוועסטער יוכבד ע"ה, צוזאַמען מיט איר מאַן און זייער

איינציק קינד. מיין שוועסטער איז געווען א שטילע, רואיקע ערלעכע נשמה, מיט שווארצע אויגן פול מיט חן. זי האָט פשוט ניט געקענט הויך רעדן. ד׳ ינקום דמם.

:: :: ::

געווען נאָך פיל פון מיין משפחה אין שטעטל; אויך אין די דערבייאיקע שטעטלעך און אין באראנאָוויטש. זיי זענען אַלע אומגעקומען פון די נאַציישע הענט, געהאָלפן אין דער בלוטיקער אַרבעט פון פארטיליקן אידן האָבן די ווייס־רוסישע גוים אין שטעטל, די פּאָליאַקן זענען אויך געווען שותפים אין דער דאָזיקער בלוטיקער אַרבעט.

א שיין אידיש לעבן געווען אין ביטען — און ניטאָ.

עס ציט זיך אָבער דער המשך פון ביטען. אין ארץ ישראל לעבן צענדליקער ביטענער אידישע משפחות, פאַראַן אויך א סך ביטענער אידן אין אַרגענטינע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער.

די לאַנדסלייט מיינע דערמאָנען מיין פאָטערס נאָמען מיט גרויס דרך ארץ. דאָס איז אַ שטיקל טרייסט אין דעם צער וואָס איך טראָג אין הארצן נאָך מיינע נאָענטע און אייגענע.

# שבת און יום טוב אין שטעטל

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס שטעטל געווען פאַרטאָן אין אירע טאָג־טעגלעכע דאגות. קרעמער, סוחרים זענען פון פרי אָן ביז פאַרנאַכט געשטאַנען אין קראָם און זיך געפּרייט מיט יעדן קונה וואָס איז אַריינגעקומען. בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט. געמאַכט שיך, גענייט אָנטועכצן. רימערס האָבן פעל געשניטן. שניידער׳ס און שניידערינ׳ס האָבן אָנצוגער גענייט אין אויסגענייט פאַרשיידענע קליידער און חפצים.

בעלי־עגלות זענען איבער שליאַכן געפאָרן און געפירט פאַרשוינען נאָך סלאָנים, באַראַנאָוויטש און געבראַכט פון דאָרטן סחורות. פערד־הענדלער און קאַראַבעלניקעס זענען אין די דערפער געפאָרן. דאָס שטעטל איז געווען פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן היונה פאַרן גאַנצן טאָג און פאַר דער וואָך.

איז געקומען פרייטיק האָט זיך יעדער שטוב צום שבת געגרייט. נאָך דאָנערשטיק ביינאַכט פלעגט חלה טייג פאַרקנאָטן ווערן, ראַשטשינעס פאַרשיידענע צוגרייטן. פון פרייטיק פרי אָן פלעגן די קוימענ׳ס פון יעדער הויז רויכערן. די שטובן האָט מען גערייניקט, געוואַשן און געפוצט. דאָס הויף פלעגט מען מיט געלן זאַמד אויסשיטן. פרייטיק נאָך מיטאָג זענען שוין די קעפּלעך פון די קינדער געווען אויסגעצוואָגן און ביי די מיידלעך אַ שלייפל אין די צעפּלעך אַריינגעשלייפט. לאַדן פון געשעפטן האָבן זיך צוגעמאַכט. וואַרשטאַטן זענען פאַרמאַכט געוואָרן. יעדער האָט זיך איבערגעטאָן, צוגעפוצט און האָט אויפגענומען דעם שבת מיט פרייד און מיט אַ וואַרעמקייט אין די אויגן. פון יעדן הויז האָט זיך דערטראָגן דער ריח פון פיש און פרישע חלות. ליכט זענען אָנגעצונדן געוואָרן און דער אָפשיין פון די ליכט האָט זיך געלייגט איבערן שטוב און אָנגעפילט איר מיט הייליקייט.

און אַז פון שול האָבן שבת׳דיקע אידן דערנאָך געשפּאַצירט אַ היים נאָכן דאַווענען, זענען זיי געווען ווי אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דעם טאָג־טעגלעכן יאָך פון דער וואָך. רחבותדיק און בנעימותדיק זענען זיי געגאַנגען, מיט גע־

מאַסטענע טריט, ניט אײַלנדיק זיך, שפּאַצירט פון שול הויף איבער די גאַסן און געזעגנט זיך צו זיך אַ היים.

אין דער היים האָט דער „גוט־שבת" געקלונגען ווי אַ זיסער אָפּקלאַנג פון אַ געזונגענער מעלאָדיע. די חלות אויפ'ן טיש זענען געווען איבערגע־דעקט מיט אַ ווײַס טישטעכל. די אָנגעצונדענע ליכט האָבן העל געלויכטן. אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט און אַ וואַרעמקייט. די לופט, ממש פול מיט קדושה. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש און דער טאַטע פלעגט קידוש מאַכן, און דאַן פלעגט מען אָנהויבן די שבת'דיקע סעודה באַ־גלייט פון זמירות זינגען. נאָכן עסן פלעגן די אידן אין די קליינע שטעטלעך זיך אויסזעצן אויף די פריזבעס לעבן זייערע הײַזער, שמועסנדיק געמיטלעך צווישן זיך. אויף די טראָטואַרן פון די גאַסן פלעגן שפּאַצירן יונגע פּאָרלעך. דאָס שטעטל האָט גערוט, פולשטענדיק געראָטעוועט פונעם טומל פון דער גאַנ־צער וואָך. די מסורה זאָגט אַז שבת גייט די נשמה יתירה אַרײַן אין יעדן אידן. יאָ — עס איז אַזוי. מ'האָט באמת געפילט אַז פון פרײַטיק אָן, איז עפּעס יעדער איד אַן אַנדערער. טאַקע ווי די נשמה יתירה איז אַרײַן אין אים.

איצט — דער שבת פרימאָרגן: די קאַווע אינדערפרי. ווידער אין שול. דער טשאָלנט — דאָס שלאָפן נאָכן טשאָלנט. דער נאָכמיטאָג שפּאַציר. מנחה און מעריב דאַווענען און דאַן דער שבת צו נאַכט'ס.

דער איבערגאַנג פונעם שבת צו דער וואָך איז געווען אַ לאַנגזאַמער. עס האָט אויסגעזען ווי דער שבת פלעגט זיך קלאַמערן און יעדן אידישן הויז, כדי ניט צו דערלאָזן אַזוי גיך, דאָס אָנקומען פון דער וואָך. דער בין־השמשות פונעם שבתדיקן פאַרנאַכט האָט אײַנגעהילט יעדער שטוב אין אַ פאַרהלומטקייט און די מענטשן אין טיפע טראַכטענישן, אויף די ווענט פלעגן זיך לייגן שאָטנס פונעם פאַרנאַכט. אַ שטילקייט האָט געהערשט אין שטוב. אין ווינקל פון שטוב פלעגט זיצן די באָבע און לעבן איר, אירע אייניקלעך. זי פלעגט זיי דערציילן מעשה'לעך שײנינקע און פאַנטאַסטישע. און אַז מ'פלעגט אַרויסבליקן פון הויז אין דרויסן און קיין שטערן האָבן זיך נאָך ניט געזען, האָט מען נאַטירלעך קיין ליכט נאָך ניט געטאָרט אָנצינדן.

נאָר אָט האָבן זיך שוין באַוויזן אין הימל די ערשטע שטערן. האָט מען אָנגעצונדן ליכט. דער זיידע האָט געמאַכט הבדלה, אַ זופּ געטאָן פון הבדלה כוס און אויך געגעבן די קינדער צו פאַרזוכן פונעם הבדלה־ווײַן. די וואָך איז אָנגעקומען און די דאגות פון פרנסה האָבן זיך אָנגעהויבן.

אַז יום טוב האָט זיך דערנעענטערט האָט יעדע אידישע שטוב זיך געגרייט מיט וואָכן פריער. באַזונדערס פאַר די ימים נוראים. דאָס איז געווען די צייט פון חשבון הנפש. צו ערשט די נעכט פון סליחות, אין וועלכע אידן פלעגן זיך איבערטראָגן מיט זייער געדאַנק און האַרץ צו דעם אָנקומענדיקן טאָג פונם יום הדין: — דער הייליקער טאָג — יום כפור. דער טאָג ווען אין דער פמליא של מעלה פלעגן אויף דער וואָגשאָל געלייגט ווערן די מעשים פון יעדן אידן. ראש השנה און יום־כפור דאָס זענען געווען ערנסטע טעג. אפילו דאָס האַרץ פון דעם פריידענקער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ציטער. יום כפור באַנאַכט האָט געהערשט אַזאַ ערנסטקייט אין שול, אין גאַס און אין יעדן הויז, אַז אפילו די שכנותדיקע קריסטן פלעגן פילן די הייליקייט פון טאָג.

די טעג פון סוכות זענען דאַגעגן שוין געווען מער פריילעכע. יע־דער איד האָט געפילט ווי ער האָט דורך זיינע תפילות, תחנונים און פאַסטן זיך אויסגעבעטן אַ גוט יאָר און אַז דער רבונו של עולם האָט מכפר געווען זיינע זינד.

פסח איז געווען דער יום טוב פון פרילינג. די הייזער פלעגן ירינמ־לעך געריייניקט ווערן און ווי באַנייט ווערן. דער סדר איז געווען אַ טראַ־דיציע וואָס האָט באַווירקט די הערצער. גרויס און קליין האָט יעדעס מאָל פון דאָס נייע איבערגעלעבט יציאת מצרים, די דערוואַרבונג פון פרייהייט. די סדרים האָבן געוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן ווי געדרעמלט אין באַוואוסטזיין פון יעדן אידן אין גלות, און האָט פאַרבונדן דעם עבר מיט דער טויזנט יעריקער אַלטער שטרעבונג פון אידישן פאָלק צו שיבת ציון.

שבועות איז געווען דער יום טוב פון זמן מתן תורה, דער יום טוב פון גרינס און דערמוטיקונג. שבועות צייט האָבן אידן זיך פאַרטיפט און גע־פילט יעדער נאָך אַ מאָל די חשיבות זיינע אַלס פאָלק צו וועמען די תורה איז געגעבן געוואָרן, די תורה וועלכע שטאַרקט די מאָראַל, און ווייזט אָן דעם אמת׳ן וועג ווי אזוי די מענטשהייט דאַרף זיך פירן. אָט די צען גע־באָטן זענען ביז היינט, די גרונט פרינציפן פאַר ערלעכקייט און יושר.

תשעה באב איז געווען דער טאָג ווען אידן האָבן באַוויינט דעם חורבן פון בית המקדש און אין טיפערן זין דעם חורבן פון זייער היימלאַנד. תשעה באב זענען די אידן פון שטעטל אויך געגאַנגען אויפן בית־עולם צו די קברים פון זייערע נאָענטע. דורך פעלדער, וואו עס פלעגט שוין זיך געלן דער צייַ־טיקער תבואה שניט, פלעגן אידן אין מיין שטעטעלע תשעה באב גיין צום

בית עולם. מען פלעגט זיך אויסוויינען און זיך דורכרעדן אויפן קבר מיט די נאָענטע און אייגענע.

פורים איז געווען דער יום טוב פון נצחון און גבורה פון אידישן פאָלק. פורים האָט אָנגעפילט מיט שטאָלץ און גלויבן די הערצער פון די אידן. אין דעם יום טוב פלעגט געשטאַרקט ווערן דער גלויבן פון יעדן איד, אַז די שונאים מוזן דאָך באַזיגט ווערן, און אַז דער אידישער גייסט וועט ניט געבראָכן ווערן פונם שטאַרקסטן שונא.

און אַזוי האָבן אידן פון ביטען, פונקט ווי אידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, רומעניע, ליטע און אונגאַרן געפייערט שבתים און יום טובים. געלעבט אין אַ אייגענער וועלט, וואָס איז געווען אַ גאַנץ באַזונדער וועלטל, אַן אינזל אין דער גרויסער וועלט. געלעבט און געהאָפט. געשטרעבט און זיך געראַנגלט מיט עקשנות און מסירת נפש פאַר המשך און צוקונפט.

# אויף דער טייך שטשאַרא

דער טייך שטשארא אין ביטען איז געפלאָסן שטיל און לאַנגזאַם. דאָס וואסער האָט זיך דורכגעשניטן דורך די צוויי פאַסן ערד מאַכנדיק פאַר זיך אַ וועג. די שטשארא איז געפלאָסן ווייט, ווייט ביז ער איז אריינגעפאַלן אינם גרויסן טייך ניעמאַן. איבער דער שטשארא איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסע הילצערנע בריק, איבער וועלכן פורן פלעגן פאָרן צו די דערביי־איקע דערפער. איבערן בריק פלעגן אָפט שפּאַצירן פארחלמטע יונגע פּאָר־לעך. די ארומיקע שיינע לאַנדשאַפט, פון פעלד און וואסער, פלעגט וועקן געפילן פון ליבע און טרוים ביי יונג און אַלט. אויף די קוים זעבארע קליינע אינדזלעך פון דער שטשארא פלעגן וואַקסן וואסער־ליליעס, געלע און ווייסע. מיר יונגוואַרג, פלעגן אָפט צושווימען אַהין און רייסן די ליליעס מיט זייערע לאַנגע גרינע שטעקנ׳ס. ארום די ליליעס פלעגן זיך אויסשפּרייטן אויפן וואסער גרינע ברייטע בלעטער, וואָס האָבן ווי אָפּגעהיט די שיינע וואסער־ליליעס פון אַלדאָס בייז. אין דעם טייך שטשארא האָבן זיך היימען געמאַכט פילע סאָרטן פיש. לעבן די ברעגן פון טייך האָבן פישער אויף אודעס גע־כאַפּט פיש. פויערים פלעגן פאַרציען זייערע נעצן איבער דער לענג פון טייך און פלעגן פאַנגען, די רואיקע שיינע פיש פון טייך, פאַרקויפנדיק זיי דערנאָך אין שטאָט.

אין טייך פלעגן זיך באָדן, זומער צייט, יונג און אַלט. אַז מיידלעך האָבן אָנגעהויבן באָדן צוזאַמען מיט אינגלעך, האָבן טאַטעס אַ ויצעקו געמאַכט, געזען אין דעם אַ עבירה. זיי האָבן אין שול וועגן דעם פאַל פון „פּוריץ גדר" זיין גערעדט און געמוסרט דאָס יונגוואַרג.

די שטשארא האָט מיט איר שטילן פליסן, מיט איר סודותפולן שעפּ־טשען דערציילט היסטאָריע פון דער שטעטעלע ביטען פאַר דורות לאַנג. יונגוואַרג פלעגט אָפט אַ מדורה מאַכן אויפן ברעג פון טייך און ביז שפּעט אין דער נאַכט זינגען פאַרשידענע לידער.

געוועזן אויך אַ פאַבריק פון קאָלדרעס און טיכער. אירע הויכע קוימנ׳ס

האָט מען ארויסגעזען פון אומעטום אין דער קלײנער שטעטעלע. די פּאַ־בריק איז געװען דער „װאָלקן קראַצער“ פון ביטען. זי איז אָבער אױפגע־ריסן געװאָרן אין צײַט פון דער צװײטער װעלט מלחמה. עס איז פּאַרבליבן בלױז דער סקעלעט פון דער געבײדע, מיט אירע הױכע קױמענס, װאו די בושלען האָבן זיך אַ נעסט געמאַכט. די בושלען האָבן מיט זײער נעסט צוגעצױגן צו זיך אַלעמענס אױפמערקזאַמקײט אין שטעטעלע. מאַיעסטעטיש האָבן זײ אױסגעזען, שטײענדיק לעבן זײער נעסט אױף זײערע הױכע רױטע פיס קוקנדיק מיט גאוה אױף אַלע זײַטן. נאָך אײדער דער װינטער איז געקומען פלעגן די בושלען שױן אָפּפליען אין די װאַרעמע לענדער. װען זײ פלעגן זיך אומקערן איז עס געװען דער אָנזאָג, אַז דער פרילינג קומט אָן.

אָסיען צײט פלעגט די שטשאַרא זיך צוגיסן. װײט איבער אירע ברעגן איז דאָס װאַסער ארױס און פלעגט פאַרטרינקען דעם גאַנצן ארום. די גראָזן און פאַרשײדענע בלימעלעך אױף אירע ברעגן פלעגן אַראָפּגע־װישט װערן. שפּעטער, נאָך דער פלײצעניש, פלעגן די בלומען און גראָזן קריגן אַ טונקעלן קאָליר.

װינטער צײַט האָט דיקער אײַז באַדעקט דעם טײך, דאָס װאַסער איז װי פאַרשװאונדן אונטער דעם הארטן אײַז צודעק. די פױערים פון די דערפער פלעגן קירצן זײער װעג פון דאָרף קײן ביטען מיטן אריבערפאָרן מיט זײערע שליטנס דעם פאַרפראָרענעם טײך. איבער דעם פאַרפראָרענעם טײך פלעגן יונגװאַרג פון שטאָט זיך גליטשן אױף גליטשער׳ס.

װען דער פרילינג איז געקומען, האָבן די ברעגן ארום דער שטשאַרא זיך באַדעקט מיט גרינעם גראָז פון װעלכן פאַרשײדענע בלומען האָבן ארױסגע־קוקט. לעבן דער שטשאַרא פלעגן אין די פאַרשײדענע אױסגוסן פון װאַסער שװימען װײסע גענדז און קאַטשקעס. דאָרטן פלעגן פױערטעס זײער װעש װאַשן. ארום און ארום האָט געהערשט אַ שטילקײט. די גאַנצע נאַטור ארום איז געװען אײן שטיק צױבער לאַנד. לעבן דעם טײך שטשאַרא איז געפלאָסן אַ קלײן טײכל, װאָס איז ערגעץ װאו פון אַ באַרג ארױסגעשװאָר־מען. שמאָל איז געװען דאָס טײכל, ניט טיף דאָס װאַסער. אין דעם טײכל פלעגן די קינדער פון שטעטל פאַרברענגען פיל צײט. עס האָבן מאַמעס ניט מורא געהאַט װאָס זײערע קינדער לױפן און שפּילן זיך לעבן דעם טײכל, װײל דאָס װאַסער איז דאָרט געװען זײער פּליטקע.

אַמאָל איז אַ װאַסער מיל געשטאַנען בײ דעם דאָזיקן טײכל. דאָס װאַ־סער איז צונױפגעקליבן געװאָרן אין אײן פּלאַץ און אזױ ארום באַװעגט די

שטיינער פון דער מיל צו מאָלן ווייץ און קאָרן. דערנאָך איז דאָס וואַסער־מיל פאַרביטן געוואָרן אויף אַ דאַמף מיל. דער דאַמף מיל איז אויפגע־שטעלט געוואָרן הינטערן שטאָט און איז געווען די גרעסטע און העכסטע געביידע אין שטאָט.

ווען עס פלעגן ביי די בושלען קליינע בושלקעלעך געבאָרן ווערן, פלעגן זיי אַראָפּברענגען זייער קליינוואַרג צו דער בלאָטע לעבן טייכל און זיי לער־נען ווי צו געפינען שפייז. נאָך דעם ווי זיי פלעגן פאַרטיק ווערן מיט זייערע מאָלצייטן פלעגן זיי קרייזן אונטערן פרייען הימל אין שורות, לערנענדיק זייער קליינוואַרג די קונסט פון באַהערשן די לופט און מאַכן קורצערע און לענגערע וועג וואַנדערנישן.

עס האָט שטענדיק געצויגן צו דעם שיינעם בושל, ווען ער פלעגט שפּאַצירן גאוהדיק אין בלאָטע. פאַר די קינדער, אין זייער וועלט פון פאַנטאַזיעס, איז דער בושל געווען דער טשיקאַווסטער און שענסטער פויגל.

אין קליינעם טייכל האָבן זיך געפונען אַ סך זשאַבעס. אין די הייסע זומער פאַרנאַכטן פלעגן די זשאַבעס אין אַ געמיינזאַמען „כאָר" אויסזינגען זייערע קוואַקרייען.

אַלץ האָט געזונגען אין די הייסע דושנע זומער אָוונטן אין שטעטל. גרילן האָבן געגרילט, זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. עס האָט אָפּגעקלונגען ווי מוזיק־טענער. די לופט ארום איז געווען פריש, זי האָט זיך דערטראָגן פון די דערבייאיקע פעלדער, מיט וועלכע דאָס שטעטל איז געווען ארומגערינגלט.

לעבן דעם קליינעם טייכל זענען געשטאַנען נידעריקע הייזלעך. איינע אַזאַ הייזל איז געווען ארומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָט. יונגוואַרג וואָס האָבן זיך געבאָדן אין טייכל פלעגן דערנאָך פאַרבלאָנדזשען אין דעם קליי־נעם שטיבעלע. עס האָט געלאַקט, די פאַנטאַזיע האָט געמאָלן בילדער. עס האָט זיך געדוכט אַז דאָס שטיבעלע איז פול מיט וואונדער. און די מענטשן וואָס וואוינען דאָרט זענען אַ אַנדער סאָרט מענטשן, ניט קיין געוויינלעכע. ביי די ברעגן פון טייכל זענען גרינע פּאַנעם געוואַקסן. מיט די דאָזיקע פּאַ־נעם פלעגט מען אויף שבועות באַצירן די ווענט פון די הייזער.

געפלאַסן זענען די וואַסערן פון טייכל אַריין און ארויס פון שטשאַרא, שטיל און רואיק; זיך געצויגן אין דער ווייטקייט; האָבן צוגעגעבן חן און רײַ־

מאנטישקייט דאָס שטעטעלע. פליסן נאָך איצט אויך אזוי רואיק די וואַ־
סערן פון די טייכן? אָדער זענען זיי באַפאַרבט מיטן רויטן קאָליר פון דעם
פאַרגאָסענעם בלוט פון דער עדה אידן פון ביטען? אַלענפאַלס — ווען איך
זע איצט די וואסערן פון די טייכן, וואָלטן זיי פאַר מיינע אויגן שוין ניט
געווען אזוי קלאָר ווי ווען איך פלעג זיי זען אין די קינדער יאָרן. איך זע
אין די וואסערן דאָרט דעם קאָליר פון פאַרגאָסענעם בלוט פון אַ שטאָט מיט
אידן...

אזוי אַ, מאָלט זיך דאָס בילד פון די ביטענער וואסערן. דאָס שטעטעלע
איז שוין ניט מער קיין שטעטעלע און דאָס טייכל און די שטשארא, זענען
שוין געווים אויך ניט די זעלבע...

# ראָמאַנטיק און ליבע

ביטען האָט געהאַט אַ שיינע שטאָלצע יוגנט. די יוגנט איז דער־צויגן געוואָרן אין אידישן גייסט. ניט געווען קיין קינד וואָס זאָל פון 6־7 יאָר ניט געשיקט ווערן אין חדר אָדער אַן אַנדער סאָרט אידישע שולע. צו 8־9 יאָר האָבן קינדער שוין געמאַכט פאָרשריטן אין זייערע קענטענישן אין לייענען און אין שרייבן העברעאיש. שפּעטער צו האָבן זיי תנ״ך און חומש געלערנט. אינגלעך האָבן גמרא געלערנט. מאַמעס און טאַטעס האָבן געפּלאַנצט אידישקייט אין דער היים. ניט געווען קיין פראַגע פון אַסימי־לאַציע, ווייל די גוישע גאַס האָט ניט געלויערט מיט דער געפאַר. אפילו אין די גרעסערע שטעט איז די פראַגע ניט אַקטועל געווען. אויב קינדער זענען אפילו שפּעטער צו אין גימנאַזיעס קריסטלעכע געגאַנגען, האָבן זיי אָבער ביז זייער אָנקומען אין גימנאַזיע אַ שטרענג אידישע דערציאונג באַ־קומען. אַך פּוילן! דיין אידנטום איז דאַן געווען אָרגאַניזירט ווי אין ערגעץ ניט אין איין גרויסע אידישע געמיינדע וואו אידישקייט, תורה און אידיש וויסן האָבן געשפּראָצט אין יעדן ווינקעלע. מיין שטעטעלע ביטען איז גע־ווען אַ קליין פּינטעלע אַזאַ אין דעם גרויסן אידישן לעבן פון פּוילן. עס זע־נען געווען פיל קליינע קינדערלעך אין ביטען. מאַמעס האָבן זיי גע־פירט אין חדר אריין ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן. מ׳האָט אַראָפּגע־וואָרפן דעם קינד געלט פון אויבן און ס׳האָט געהייסן אַז דער מלאך האָט עס אַראָפּגעוואָרפן. מאַמעס זענען מיט ציטער געקומען יעדן טאָג צו נעמען זייערע קינדערלעך אַ היים נאָכן לערנען. מיין טאַטע ע״ה, דער געטרייער לערער און ליבהאָבער פון אידישע קינדער, פלעגט די קינדער ארויסבלאַגייטן, נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרענדיקט זייערע לימודים, מיט ליבשאַפט.

די קינדערלעך זענען אונטערגעוואַקסן, זענען זיי אין ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס געגאַנגען, זיך דערצויגן אין ארץ ישראל גייסט; ארץ ישראל לידער אין די אָוונטן געזונגען, הויראַס געטאַנצט. די יוגנט פון ביטען איז געווען געזונט אין קערפּער און אין גייסט. געוואָקסן מיט זייערע

יונגט טרוימען און האָבן זיך אויסגעלעבט אין גע‌זועלשאַפטלעכן לעבן. זייערע טרוימען און פאַנטאַזיעס זענען ווייט איבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן וואָס די יוגנט האָט געהאַט פאַר זיך, כדי איינצואָרדענען איר צוקונפט אין דעם קליינעם שטעטל. די מעגלעכקייטן זענען געווען זייער באַגרענעצטע. קיין צוקונפט פאַר זייערע אַספּיראַציעס איז ניט געווען. פיל פון זיי האָבן געווענדעט זייערע בליקן צו דער ברייטער וועלט קלערנדיק וועגן עמיגרירן אַהין, איינצעלנע האָבן זיך ארויסגעריסן אין גרעסערע שטעט ווי סלאָנים, באַראַנאָוויטש, ווילנע, ווארשע צו שטודירן אין גימנאַזיעס, סעמינאַרן אָדער אין העכערע לערן אַנשטאַלטן. שפּעטער צו האָט די יוגנט אויך אָנגעהויבן באַזוכן די פּוילישע שול פון שטעטל וואָס האָט זיך באַגרענעצט צו 8 קלאַסן.

דער פונדאַמענט איז דאָך געווען די אידישע דערציאונג פון שטוב, און דער עיקר אין דער אידישער שול. דאָ האָבן זיי געלערנט תנ"ך און די קלאַסיקער אונזערע. דערגענצט האָבן זיי זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג מיט די ביכער פון די שיינע ביבליאָטעקן וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די „פּועלי־ציון" פּאַ טיי, „בונד" און אַנדערע.

אין דער קליין שטעטעלע ביטען האָבן זיך געפונען אין די ביבליאָטעקן פּאָליצעס מיט ביכער פון אַלע אידישע קלאַסיקער, איבערזעצונגען פון דער שענסטער וועלט ליטעראַטור א. א. וו. הונדערטער לייענער האָבן די בי־בליאָטעקן באַזוכט. דער גייסט פון דער אידישער יוגנט האָט זיך אויך געפורעמט דורך איר דערציאונג אין די ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן מיט דער אַנט־וויקלונג פון דעם געדאַנק צו בויען אַ אידישע היים אין ארץ ישראל.

דאָס לעבן אין שטעטעלע וואָס איז פון איין זייט געווען באַגרענעצט און מיט גאָר ניט קיין ברייטע האָריזאָנטן, איז אָבער פון דער אַנדער זייט געווען אידיליש און ראָמאַנטיש.

געזונט קערפּערלעך און גייסטיק האָט די ביטענער יוגנט געטרוימט, געחלומט און געליבט. די נאַטור ארום איז געווען שיין און קלאַנגפול. איז פאַרוואָס ניט דערמאָנען יענע שיינע טעג ווען דו האָסט באַמערקט אויף וועגן, זועלכע האָבן זיך געצויגן ארום שטאָט, צווישן גרינע פעלדער און וועל־דער, שפּאַצירנדיקע ביטענער יוגנט וואָס האָבן אין זייערע יונגנט טרוימען און דורשט נאָך ליבע, געמיטלעך געשפּאַצירט, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט

און איבערגעבנדיק זייערע געפילן איינער צום אנדערן. דאָס איז געווען ריינע, שיינע ליבע.

:: :: ::

... און ס'האָט געקוקט נחמן פאַרחלומט אין דער העלקייט פון דער זומערדיקער נאַכט מיט זיין בליק אין דער ווייטקייט פון וועג וואָס האָט זיך געצויגן פאָרויס. ארום האָבן גרינע פעלדער מיט צייטיקער תבואה זיך אויסגעפרישט. פון ווייטן האָט זיך געזען אַ גרינער וואַלד וואו די ביימער זענען אין דער נאַכט איינגעוויקלט געווען אין אַ טונקעלער געדיכטער גרינקייט. ער האָט געהאַלטן שרה'ס האַנט אין זיינער און געפילט די וואַרעמקייט פון איר. שוין אַ יאָר צייט ווי ער האָט געפילט אַז ער ליבט שרה'ן, ער האָט איר געליבט און ניט געוואַגט צו געבן איר אפילו זיין ערשטן קוש. זיין פנים האָט איצט אויסגעדריקט פרייד און טרויער. פרייד וואָס ער איז מיט שרה'ן, אָבער טרויער ווייל ער האָט געקלערט וועגן זייער צוקונפט. ער האָט ניט געזען קיין מעגלעכקייט פון דערפילן זיינע אַספּיראַציעס פאַר איינאָרדענען זייער צוקונפטיקן לעבן אין דעם קליינעם שטעטעלע. ער האָט ניט געזען קיינע אויסזיכטן צו קענען בויען אַ לעבן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט פאַר עקזיסטענץ, ווען ער זאָל הייראַטן מיט שרה'ן. האָט ער געזען און איבערגעלעבט אין דער מינוט דעם האַס און די אומצופרידנקייט פון דער קריסטלעכער סביבה וואָס האָט ארומגערינגלט זיין שטעטעלע. ער איז אַריבערגעשפּרונגען מיט זיינע געדאַנקען ווייטער ווי איבער דעם תחום המושב פון די גרעניצן פון אידישן לעבן פון ביטען און האָט געפילט ווי ער און אַלע אידן וואָלטן געלעבט אויף אַ אינדזל, וואָס איז ארומגערינגלט מיט אַ ים פון שנאה. ער האָט ווייטאָקלעך געפילט דעם תהום וואָס ליגט צווישן דעם לעבן פון די צוויי הונדערט אידישע פאַמיליעס אין ביטען מיט דעם לעבן פון די צענדליקער קריסטלעך־פּויערישע דערפער אַרום צוזאַמען מיט די פּוילישע, רוסישע און וויים רוסישע אין שטעטל.

ער האָט עס אַלץ געפילט און דאָס האָט אים פאַרביטערט. שרה וואָס האָט געליבט יצחק'ן, איז געווען באַווירקט היינטיקן אָוונט פון דער שיינקייט פון דער זומער נאַכט און נאַטור ארום. זי האָט געדריקט נחמנ'ס וואַרעמע האַנט צו איר קערפּער, אָבער זי האָט זיך געוואונדערט אויף דער צוריקגעהאַלטנקייט פון נחמנען, „זיין אײדעלע נאַטור דערלויבט עס אים ניט"... האָט שרה געקלערט. אָבער פּלוצלינג האָט נחמן ווי אויפגעוועקט זיך פון

זיינע געדאַנקען, ער האָט צוגעדריקט שרה'ן צו זיך שטאַרק, און אַרייַנקוקנדיק איר מיט ליבשאַפט אין די אויגן, האָט ער געקושט אירע וואַרעמע ווייכע ליפּן.

— שרה — האָט נחמן געזאָגט. איך זע ניט קיין צוקונפט פאַר אונ־זער לעבן דאָ אין שטעטעלע, לאָמיר פאָרן אַהין וואו ס'בויט זיך אַ נייַ אי־דיש לעבן. לאָמיר פאָרן קיין ארץ ישראל, וואו אידן בויען פאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיקע היים, לאָמיר אַוועק אַהין ניט נאָר צוליב זיך אַליין, נאָר צוליב אַלע אידן פון אונזער שטעטעלע...

שרה האָט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'האָט זיך פּלוצלונג גענומען אַזאַ וואַרעמער צופּלוס פון געפילן צו נחמנ'ען. דער געדאַנק פון דער געבאָרע־נער אידייע האָט עס אַרויסגערופן. זי האָט זיך אפילו ניט געפּרובירט קעגנ־שטעלן זיין ווילן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. דער געדאַנק האָט איר געלאַקט און מיטגעצויגן. די זומערדיקע נאַכט האָט זיי אַרייַנגענומען אין איר כישוף און האָט זיי געוויגט אין איר שוים. אַרום האָבן זיך געטראָגן וואונ־דערלעכע מוזיק קלאַנגען וואָס פעלד און וואַלד אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט זינגען אַרויס צו דער וועלט.

## עמיגראַציע אין דער גרויסער וועלט און נאָך ישראל

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע עמיגראַציע אין דער גרויסער וועלט אריין האָבן ביטענער אויך אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, בראַזיל און אין אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער. ניט אזוי גרינג איז געווען אַמאָליקע יאָרן פאַר אַ מאַן זיך צו שיידן מיט זיין פרוי. האָבנדיק פאַר זיך דעם ציל, זיך איינצואָרדענען און שפּעטער אַריבערנעמען אויך דאָס ווייב און קינד. ניט גרינג איז געווען פאַר טאַטע מאַמע זיך צו שיידן מיט אַ זון וואָס האָט באַשלאָסן צו עמיגרירן אין דער גרויסער וועלט אריין כדי צו זוכן גליק און איינאָרדענען זיין צוקונפט. אַמאָל איז דער בונד אין יעדער אידישער משפּחה געווען שטאַרק. עס זענען ניט פאָרגעקומען קיין גטן. זעלטן, זעלטן ווען דאָס האָט געטראָפן אינם לעבן פון די אידן אין קליינעם שטעטל. די ליבע צו קינדער איז געווען גרויס און שטאַרק. טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט בטחון אין אויבערשטן און זענען ניט געווען באַאומרואיקט פאַר דער צוקונפטיקער עקזיסטענץ פון זייערע קינדער. דער גרויסער גאָט העלפט אַלע אידן — האָבן זיי געזאָגט — וועט ער אויך העלפן אייך קינדער. זיי האָבן זיי בעסער געוואָלט האָבן לעבן זיך איידער זיי זאָלן אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין און אפילו דאָרטן שוין געפינען אַ גוטע פּרנסה. דאָך האָבן קינדער ניט געהערט טאַטע מאַמע און זיי פלעגן עמיגרירן. מאַמעס פלעגן אויסוויינען זייערע אידישע קלוגע וואַרעמע אויגן. טרערן פלעגן פאַרגאָסן ווערן, בענקשאַפט פון די עלטערן פלעגט באַגלייטן די עמיגראַנטן אין דער ברייטער וועלט. מיט ציטער און האַרץ־קלאַפּעניש פלעגט מען דערוואַרטן בריוו מעבר לים. פלעגן אָנקומען בריוו מיט אַמעריקאַנער פּאָסט מאַרקן, און אין די דאָזיקע בריוו פלעגן קינדער דערציילן וועגן די וואונדער אין די לענדער וואו זיי האָבן אויסגעוואַנדערט. אין די בריוו פלעגן זיי ביילייגן פאַר דער פאַמיליע גרינע דאָלאַרן וואָס פלעגן ארויסהעלפן די משפּחות פון שטעטל אין זייער קאַמף פאַר קיום. זיי פלעגן שיקן אויך אָפט פעקלעך אָנטועכץ מיט די משנה'דיקסטע פאַסאָנען. אָפט פלעגט צוריקקומען צו גאַסט, אין זיין געבורטס

שטעטל, אַן אויסגעוואַנדערטער. ער פּלעגט קומען נאָך אַ ריי יאָרן אַפּזיין אין די אַמעריקאַנער לענדער וואו ער האָט זיך שוין באַוויזן איינצואָרדענען און זיך „ארויפצואַרבעטן". פּלעגט דאָס גאַנצע שטעטל רעדן פון דער געשעעניש און באַוואונדערן דעם געקומענעם גאַסט מיט זיינע מלבושים, און מיט ענגליש רעדן. די אויסוואַנדערער האָבן ניט ווייניק געבענקט נאָך זייער שטעטעלע, ווי די שטעטלדיקע נאָך זיי. זייער בענקשאַפט האָבן זיי אויסגעדריקט דורך וואַרעמע לאַנגע בריוו און שפּעטער צו האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין לאַנדסמאַנשאַפטן. אזוי זענען אַנטשטאַנען ביטענער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו יאָרק, טשיקאַגאָ, וואַשינגטאָן, טאָראָנ־טאָ, בוענאָס איירעס און אין אַנדערע שטעט פון אַלע וועלט טיילן. האָט מען געדאַרפט בויען אַ שול, אַ היים, אַ מקוה, אָדער העלפן חתונה מאַכן אַ אָרעמע כלה אין שטעטל האָט מען זיך געווענדעט צום לאַנדסמאַנשאַפט וואָס האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן. נאָך די מלחמה יאָרן האָט דער לאַנדסמאַנ־שאַפט פאַריין געשיקט דעלעגאַטן צו ברענגען הילף פאַר דעם שטעטעלע.

אַ חוץ דער עמיגראַציע אין די אַמעריקאַנער לענדער איז אויך געגאַנגען אַן עמיגראַציע, אַן אַנדערע. די דאָזיקע עמיגראַציע האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. זי איז ניט געווען אויסגערעכנט אויף גליק־זוכעריי אָדער מאַכן זיך וועלכע עס איז מאַטעריעלע קאַריערע, זי איז געווען גע־שטויסן דורך אידעאַליסטישע מאָטיוון. דאָס איז געווען די עמיגראַציע קיין ארץ ישראל. אין ביטען איז געווען די יוגנט אָרגאַניזירט אין ציוניסטישע אָרגאַנזאַציעס. די „פּועלי־ציון" פּאַרטיי איז געווען די, וואָס האָט צוגע־צויגן הונדערטער יוגנטלעכע. אין דער פּאַרטיי האָבן געהערט דערוואַק־סענע; אין דער „פּרייהייט"־אָרגאַניזאַציע — די מער אינגערע; און אין דער „סקויטן" אָרגאַניזאַציע — די גאָר יונגע. די „פּועלי־ציון" פּאַרטיי האָט אויסגעהאַלטן אַן אייגענעם לאָקאַל, פאַרמאָגט אַ שיינע ביבליאָטעק און האָט געפירט אַ פּאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. עס איז געווען טעטיק אַ קרן קימת לישראל־קאָמיטעט און אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. די „פּועלי־ציון" פּאַרטיי האָט איינגעאָרדנט אָפטע צוזאַמענקונפטן, „צוזאַמענ־פליען" — ווי מען פלעגט עס רופן. עס פלעגן זיך צונויפפאָרן חברים פון די ארומיקע שטעטלעך ווי סלאָנים, קאָסאָווע, ריזשנאַי, מאַלטזשאַדז און אַנדערע.

דורך דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע פלעגן דורכגיין די, וועלכע האָבן קאָנקרעט באַשלאָסן צו מגשים זיין זייער שטרעבונג פון עולה זיין קיין ארץ ישראל. צו ערשט פלעגן זיי פאָרן אויף „הכשרה". די הכשרה פּונקטן

זענען געווען אויסגעשפרייט אין די שטעט און שטעטלעך. מאַמעס און טאַטעס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם שווערן וועג אויף וועלכן עס האָבן אויסגעקליבן צו גיין זייערע קינדער, אָבער דער ווילן און אידעאַל פון די קינדער האָט גובר געווען די עלטערנ'ס קעגנערשאַפט. צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע בימענער חלוצים זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל. צענדליקער און צענדליקער זענען עולה געווען אויף התישבות און געוואָרן פויערים אויף דעם באָדן פון קרן קימת לישראל. ביטען, האָט בייגעשטייערט פיל צום אויפבוי פון דער היינטיקער ישראל.

ווי ליכטיקע שטראַלן פאַר דער צוקונפט פון אידישן פאָלק זענען געווען די שטרעבונגען פון דער בימענער יוגנט פאַר ארץ ישראל. נאָענט פון ביטען, אין דעם האָלץ טאַרטאַק פון „בלאָק־ביטען", פון די באַוואוסטע האָלץ סוחרים יאָסעלעוויטש־אסטראַכאַן, איז געווען טעטיק אַ חלוצישער הכשרה פונקט און דאָס זעלבע אין האָלץ טאַרטאַק פון דער באַן־סטאַנציע איוואַצעוויץ. דאָרט האָבן צענדליקער יוגנטלעכע זיך מכשיר געווען צו עלית. איינגעזאַפּט און זיך צוגעפּאַסט צו פיזישער אַרבעט, ווייל דורך אַרבעט האָבן זיי געזען די מעגלעכקייט צו קענען אריינדרינגען אין נייעם ארץ ישראל לעבן, דורך צופּאַסן זיך צו אַ נייעם אַרט לעבן פון אַרבעט. קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן זיך, און חברישער זאָרג איינעם פאַרן אַנדערן. אין די „הכשרהס" האָבן זיי ערשט באַגריפן וועגן אַ לעבן פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט. אין שטרעבונג נאָך אידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג האָט די יוגנט צוגלייך מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע יוגנטלעכע זיך געגרייט און זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל, און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער היינטיקער זעלבסטשטענדיקער מדינת ישראל.

⁘ ⁘ ⁘

חיים פון ביטען האָט שוין אדורכגעמאַכט זיין הכשרה אין קבוץ „שחריה", פון באַראַנאָוויטש. ער איז געקומען אַהיים אין שטעטעלע וואו אויף אים האָט שוין געוואַרט זיין באַשערטע רבקה וואָס האָט אויך דורכגעמאַכט אַן „הכשרה" אין אַ ווילנער קבוץ. זיי זענען געווען אָפּגעבערענט פון דער זון, און פאַרהאַרטעוועט פון דער אַרבעט. זייערע בליקן זענען שוין געווען געווענדעט קיין ארץ ישראל.

אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט האָבן חברים זיך צונויפגעקליבן אויף אַ

מסיבה צו געזעגענען זיך מיט די עולים רבקה און חיים. אין ווייסע בלוזעס זענען חברים געזעסן ביי ווייסע געדעקטע טישן. פלעשער ווייַן האָבן גע־פינקלט אויף די טישן. ארץ ישראל געזאַנגען האָבן אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקעלעך פון זאַל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך פאַרצויגן די מסיבה. עס זענען ניט געווען קיין פיל רעדעס. מען האָט דעמאָלט ווייניק גערעדט און מער געטאָן. ציוניזם איז אַ זאַך פון מעשים. הגשמה, עליה דאָס זענען געווען די מאָטאָס פון די יונגע חלוצים. די טונקלקייט פון שבתדיקן פאַרנאַכט האָט זיך געלייגט איבערן זאַל. עס האָט זיך קיינעם ניט געגלוסט אָנצוצינדן קיין ליכט. פאַרבענקטע, פאַרחלומטע בליקן פון יוגנטלעכע האָבן זיך גע־צויגן אין דער ווייט. דער ארץ ישראל גייסט האָט געהערשט אין צימער און האָט געוואַרעמט די הערצער פון דער יוגנט. די יונגע עולים זענען שוין גע־ווען אין זייערע געדאַנקען ווייט פון זייער קליין שטעטעלע. עס האָט פאַר זיי העל און ליכטיק געשיינט די צוקונפט פון ארץ ישראל.

ניט אַלע יוגנטלעכע פון ביטען זענען אָבער עולה געווען. אַ גרויסער טייל איז געבליבן לעבן אין ביטען. קלער איך: וואו זייט איר אומגעקומען, איר יונגע אָדלערס, אין דער צייט פון דעם גרויסן אומגליק? האָט דער יונגער הייסער בליק פון אייערע אויגן און די ערלעכקייט פון אייערע לויטע־רע וואַרעמע הערצער ניט פאַרברענט אויף קויל די נאַצישע בלוטיקע הענט וואָס האָבן זיך צו אייך געצויגן אומברענגען אייך? — שווער זיך פאַרשטעלן די זאַך.

זאָל דער גייסט פון דער ביטענער ציוניסטישער יוגנט, אייך יונגע העלדן באַגלייטן אויף אייער וועג אין וועלכן דער מענטש גייט אוועק נאָך זיין איבערררייסן מיט דעם ערדישן לעבן...

# ביטען נאָך דער נאַצישער באַפרייאונג

אין יאָר 1941 ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשישע אינוואַזיע אויף רוסלאַנד, האָב איך אַלס מאָביליזירטער אין דער רוסישער אַרמיי, אין דעם אַרטילעריע פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין שטעטעלע סנאוו, צוגעזען דעם ווילדן איבערפאַל פון די דייטשישע חיילות. עס האָט ניט געדויערט קיין צען טעג ווי אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זענען שוין געלעגן אין די הענט פון די דייטשן.

סלאָנים און באַראַנאָוויטש זענען אַוועק אין פייער און אין רויך. מיין געבורט'ס שטעטעלע ביטען איז געלעגן אין דייטשע הענט. זיי זענען דאָס שטעטל בליץ־שנעל פאַרביי. עס האָט זיך צונויפגעדריקט און צוזאַמענגע־קאַרטשעט די ביטענער עדה אידן אונטערן שווערן שטיוול פון נאַצישן אָקופּאַנט. בליקן פון אומעט, אָן האָפענונג, האָבן אַרויסגעקוקט פון יעדן פּנים. די לאַגע פון דער עדה אידן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך.

דער דייטש האָט מיט חוזק און שפּאָט געקוקט אויף זיי, צוטרעטנדיק פּלאַנמעסיק צו פאַרניכטן אַלע אידן; צוערשט אויסנוצן דעם פיזישן כוח פון די אידן און דערנאָך זיי אומברענגען. דער דייטש איז געווען זיכער אין זיין קרבן. די ביטענער אידן האָבן אָבער געהאַט בטחון אַז „נצח ישראל לא ישקר". אין טעג פון יאוש און פאַרצווייפלונג האָבן ביטענער אידן געווענדעט זייער בליק צום עבר, צו די היסטאָרישע פּאַסירונגען וואָס האָבן כסדר באַגלייט דאָס אידישע פאָלק אויף זיין מאַרטירער וועג. נאָך די גרעסטע אומגליקן זענען זיי דאָך געבליבן ווי אַ פאָלק, ווען דער גרעסט־ער שטורעם האָט ניט געקענט אומברענגען. אידן האָבן אין די שווערסטע טעג געהאָפט און ממשיך געווען זייער לעבן. זיי האָבן געזען פאַר זיך דאָס ווייטע ארץ ישראל; ירושלים עיר הקדושה. זיי האָבן געפילט אין זיך גאָט'ס כוח, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט אין די הויכן און אין די טאָלן, ווי אַלץ ווערט געפירט מיט גאָטס השגחה, און דער בורא עולם משפּט די רשעים פאַר אַלע זייערע מעשים.

עס זענען געווען פיל פאלן פון קעגנשטעלן זיך דעם שונא אין ביטען. אידישע יונגעלייט האבן זיך באהאפטן מיט די פארטיזאנער אין די וועלדער. די פארטיזאנער האבן געקעמפט אין די רייען פון די אליאירטע ארמייען קעגן שונא. ד עדה אידן פון ביטען אלס גאנצע איז דאך אבער אומגעקומען, פארשניטן, אפגעווישט געווארן דורך דעם סאדיסטישן שונא און פאר־באהאלטן געווארן אין די טיפענישן פון דער ביטענער ערד, וואו עס איז ניטא אפילו קיין מצבה אויף זייער קבר.

עס פליסט ווייטער די שטשארא אין איר אייביקן שטילן פליסן. אירע וואסערן זענען אבער ניט אזוי קלאר ווי פריער. עס בליען גרינע וועלדער ארום ביטען ווי אמאל, אבער זייער גרינקייט איז פארטונקלט. עס גרינען פעלדער ארום ביטען, אבער זייער גרינקייט איז פארצויגן מיט דעם טוי וואס האט איינגעזאפט דאס בלוט פון די אידן קדושים און העלדן. עס איז שטיל און דורכזיכטיק די לופט אין ביטען פונקט ווי פריער, אבער אין הלל הערט זיך דער שטילער אויסגייענדער קרעכץ פון לעצטן ביטענער איד. עס לעבן קריסטן אין די הייזער פון דער אידישער ביטען. זיי שלאפן אויף דעם בעט־געוואנד וואו מיט יארן צוריק האבן גערוט, געטרוימט און געחלומט ביטענ־ער אידן. עס יאגט זיי נאך פון צייט צו צייט אן אומרואיקער גייסט און זיי הייזן ניט פארשטיין פון וואנען עס קומט. זיי קענען ניט פארשטיין אז דאס איז דער גייסט פון אן אומגעבראכטער עדה־מענטשן וואס וועלן זיי קיינמאל קיין רו ניט געבן.

מיט אומעט און שרעק, קוקט די גרויסע הילצערנע אויסגעליידיקטע שול, וואו עס קומט אמאל דער אלטער ר׳ ישכר וואס איז פון זינען אראפ און איז געבליבן לעבן על פי נס. אין זיין געדירטקייט גלויבט דער אלטער ר׳ ישכר אז די ביטענער עדה אידן לעבט ווייטער. און ער שטעלט זיך אויפן בעלמער פון שול, און לייענט יעדן שבת די פרשה פון דער וואך. ער טיילט די עליות צו די אידן ווי אמאל. צו כהן רופט ער אויף ר׳ חיים, דעם כהן. שלישי גיט ער צו א אנגעזעענעם בעל־הבית. און אז ער ענדיקט דאס דאווגען, זאגט ער „גוט שבת” צו אלע אידן... ווען ער גייט ארויס פון שול און באגעגנט די קריסטן אויפן וועג, ווערט זיי עפעס מאדנע אומהיימלעך. זיי קערן זיך אפ פון אים און ווילן זיך ניט באגעגענען מיט זיין צעטראגע־נעם בליק. שוין ניט איין מאל ווי זיי האבן געהאט צוגעטראכט אפצו־רויטען אים פון וועג, אים דעם לעצטן לעבן־פארבליבענעם איד פון ביטען. אבער יעדעס מאל ווען זיי באגעגענען זיך מיט דעם וואנזיניקן ר׳ ישכר, ווערט זיי אזוי אומהיימלעך, אז זיי הויבן זיך אן צו צלמען. זיי האבן אומ־

געבראַכט אַ סך ביטענער אידן, אָבער אומברענגען דעם לעצטן איד פאַרפעלט זיי כוח...

לעבט ר' ישכר אין ביטען. גייענדיק איבער די גאַסן פון שטעטל דער־מאָנט ער די קריסטן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די אידישע הייזער, אַז דאָ האָט אַמאָל אַן עדה אידן געלעבט. ער דערמאָנט זיי די גרוילן וואָס זע־נען דאָ פאָרגעקומען, און ער יאָגט אויף זיי אָן אַ שרעק און אַן אומרו...

עס באַוועגט דער ווינט די שפּיצן פון די הויכע בוימער אויף דעם אָרט וואו עס איז געווען דער בית־עולם אין שטעטל. שוואַרצע קראָען רייסן זיך אָפּ פון צייט צו צייט פון זייערע נעסטן און מיט אַן אומעטיקן קראַקעריי רופן זיי זיך איבער איינע מיט די אַנדערע. עס באַוועגן זיך די בוימער דורך דעם ווינט און דערציילן סודות און די טרויעריקסטע געשיכטעס פון בלוט און מאָרד... עס טראָגט זיך אַרום אין דער אויסגעלײַדיקטער ביטען אַ שטילער סוד, ווי אַ שטילער יאָמערן פון אַ מאַמען נאָך אַן אומגעבראַכט קינד...

:: :: ::

ביטען מיין שטעטעלע! איך וואָלט נאָך איין מאָל אין לעבן געוואָלט טרעטן אויף דיין בלוטיקער ערד. איך וואָלט נאָך איין מאָל אין לעבן גע־וואָלט גיין איבער דיינע גאַסן און געסלעך און אָנקוקן יעדער הויז און הייזע־לע. איך וואָלט קוקנדיק אויף יעדן הויז געזען אין מיין פאַנטאַזיע יעדן בעל־הבית. איך וואָלט געקענט רעדן, אין מיין פאַנטאַזיע, מיט יעדן פון זיי. איך וואָלט געפרעגט יעדן איינעם וועגן די שווערע טעג וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט און איך וואָלט געוואָלט הערן וועגן דעם לעצטן טאָג, אין וועלכן ער איז אומגעקומען. הערנדיק זיי רעדן, וואָלט איך געשטילט מיין ווייטאָג און צער וואָס פרעסט די נשמה און שטיקט ביז חלשות.

אין מיין פאַנטאַזיע זע איך אייך אַלעמען שפּאַצירנדיק שבת פאַרנאַכט איבער די גאַסן פון שטעטל און איך באַגריס יעדן באַזונדער און שמועס מיט דעם און מיט יענעם שכן...

דער זייגער אויפן וואַנט פון מיין צימער קלאַפּט אויס מינוטן און שעה'ן פון לעבן פון דער גאַנצער וועלט. איך הער דעם גערויש פון דער באַוועגונג פון גאַס. דאָס לעבן גייט אָן ווייטער. ער יאָגט אומברחמנת'דיק און וועבט אויס געשעענישן. די צייט קוקט זיך אויף גאַרניט אום און גייט פאָרויס מיט איר זיכערן טראָט.

דאָס לעבן איז שטאַרקער פון גרעסטן חורבן! איך וועק זיך איבער פון מיינע געדאַנקען. אויפן שרייב טיש ליגט מיין ניט פאַרענדיקטע אַר־בעט. איך בין מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן מיין טעטיקייט פאַר ארץ ישראל!

איך שרייב אַן ארטיקל וועגן „אונזערע פליכטן צו מדינת ישראל היינט צו טאָג" און מיין פען פארצייכנט:

„אַ גרויסער נס איז געשען צום אידישן פאָלק וואָס אונזערע זיידעס, טאַטעס, ברידער און שוועסטער האָבן קיינמאָל ניט אויפגעגעבן זייער האָ־פענונג נאָך ציון. וואויל און גוט איז צו אונז וואָס נאָך דעם גרויסן חורבן האָבן מיר דערלעבט זען מיט אונזערע אויגן די זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישראל. ישראל לייכט פאַר אונז ווי אַ לייכט טורעם אויף אַ טונקעלן וועג".

„לאָמיר געדענקען וועגן אונזערע פליכטן צו אונזער מדינה היינט צו טאָג".

ישראל איז מיין טרייסט פאַר דער אומגעבראַכטער ביטען...

# אזראַל

(אין דער תקופה פון נאַציזם באַרבאַריזם)

# איך האָב מיין היים מער קיינמאָל ניט געזען...

אסיען צייט פון יאָר 1939, קער איך זיך צוריק א היים, פון פוילישׂ־דייטשישן קריג, אין וועלכן כ׳האָב אנטיילגענומען אלס פוילישער זעלנער. מיין שטעטל געפינט זיך דעמאָלט אונטערן רשות פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווען די נאַציס האָבן שוין געהאַט פאַרנומען א שטיק פוילן און זיך דער־נענטערט צו די פוילישע געגנטן פון ווייס רוסלאַנד און אוקראַינע, איז די רויטע אַרמיי אַריבער אירע גרעניצן און האָט פאַרנומען טיילן פון פוילן וואָס איז אַמאָל געווען באַקטיש ווייס רוסלאַנד און ;ווייס אוקראַינע. צענדלי־קער ענדערונגען זענען פאָרגעקומען דאַן אין שייכות מיט די אַמאָליקע גרע־נעץ געביטן.

אין דער צייט פון דער פוילישער הערשאַפט איז די באַפעלקערונג פון די געגנטן נאַציאָנאַל אונטערדריקט געוואָרן. ס׳איז געפירט געוואָרן קעגן די ווייס רוסן א פּאָליטיק פון פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער און מאַטעריעלער דיסקרימינאַציע. איז ניט קיין וואונדער, וואָס די פוילישע הערשאַפט איז אזוי גיך פאַנאַנדערגעפאַלן און קיין איבעריקע קרעכצן זענען איבער דעם ניט געהערט געוואָרן.

די באָרנלאָזע פויערים האָבן באַקומען צוגעטיילט ערד פון די פּרי־צישע מאַיאָנטקעס. די פאַבריקן זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און דער פּרי־וואַטער האנדל איז אַריבער אין די הענט פון סאָוועטן מאַכט.

אומקערנדיק זיך א היים האָב איך געטראָפן אין מיין קליין שטעטעלע מיין פאָטער ע״ה און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אין באַראַנאָוויטש.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זיך באַקענען מיט רוסישע מענטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען צו אונז פון טיף רוסלאַנד. דער איינדרוק איז גע־ווען א העכסט באַווירקנדער. דער רוסישער מענטש איז נאַטירלעך, פּשוט און האַרציק.

ענדע יוני 1941, פאַלט נאַצי־דייטשלאַנד אָן אויף סאָוועט־רוסלאַנד. ניט דערקלערנדיק קיין מלחמה, גייען די דייטשן אַריבער די גרעניצן און

באמבארדירן א ריי שטעט, און עס פאלן טויזנטער ציווילע אומשולדיקע מענטשן.

כ'בין שוין דאן געווען אין דער רוסישער ארמיי. נאך דעם 18־טן מאי 1941, ווערן גערופן אין מיליטער פיל יונגעלייט פון די מזרח־ווייס־רוסישע און אוקראינישע געגנטן. כ'בין אויך געווען צווישן די. גערופן געווארן אויף 45 טעג דורכמאכן מיליטער איבונגען. בעת דעם אויסברוך פון קריג איז מיר פארבליבן בלויז 10 טעג צו אומקערן זיך א היים, די מלחמה האט מיך פארכאפט און כ'האב שוין מיין היים מער קיינמאל ניט געזען...

איך געדענק ווי היינט דעם טאג פון 22־טן יוני. גאנץ פרי זענען מיר, סאלדאטן אויפגעשטאנען צו טאן אונזערע מיליטערישע ארבעטן. פלוצ־לונג האט ווי א דונער דורכגעשניטן די שטילקייט די ידיעה, אז די נאצי־הארדעס זענען אריבער די רוסישע גרענעצן. מלחמה! מלחמה! א סוף צום פרידלעכן לעבן.

דער קאמיסאר פון פאלק האט אלע זעלנער צונויפגעקליבן אויף א מיטינג, דערקלערט דאס געשעענע און די זעלנער האבן געשווארן טריי מלחמה צו האלטן קעגן די אנפאלער.

פארנאכט זענען מיר ארויסגעפארן אויפן וועג נאך וואלקאוויסק. אונזער פאלק האט געדארפט דערפארן ביז וואלקאוויסק, מיר זענען שוין אבער אהין ניט דערגאנגען. די וועגן זענען געווען אפגעשלאסן. דער שונא האט מיט שנעלע טריט געטראטן פארויס, און געטראגן מיט זיך חורבן. די שטעט און דערפער ארום האבן געברענט. די דייטשישע אוויאציע האט באמבארדירט אן אויפהער פון אויבן. עס פאלן טויזנטער, טויזנטער קרבנות. דערצו נאך האבן דייטשישע דיווערסאנטן זיך באוועגט פריי אין דער טע־ריטאריע און זיי צו הילף זענען געשטאנען אינערלעכע שונאים.

אפטרעטנדיק צוריק זענען מיר דורכגעגאנגען די שטאט באראנאוויטש. ווי שרעקלעך איז געווען צו זען די אייגענע שטאט אין פלאמען און אויס־געליידיקט פון מענטשן.

כ'האב גערעכנט זיך דא נאך איינמאל כאטש זען מיט מיין משפחה, אבער די שטאט האט געברענט, קיין מענטשן איז ניט געווען צו זען.

דער ווייטאק איז געווען גרויס. מיט קלענערע און גרעסערע קאמפן זענען מיר אפגעטראטן צוריק, דורכשפאנענדיק גאנץ מזרח ווייס רוסלאנד אזש ביז סמאלענסק, די רוסישע היסטארישע שטאט, וואו דער שונא איז

ציטווייליק פארהאלטן געוואָרן. אָפּטרעטנדיק, האָבן מיר אויפן וועג צו־רגעזען די ערשטע נצחונות פון פיינט, געזען דעם חורבן וואָס דער שונא האָט געזייט ארום.

עס איז דערהערט געוואָרן דער רוף צו די פעלקער פון רוסלאַנד, אַז די נאַצישע חיילות וועלן צעקלאַפּט ווערן פונקט ווי ס'זענען אַמאָל צע־קלאַפּט געוואָרן די חיילות פון ווילהעלעמען און נאַפּאָלעאָנען. די מלחמה קעגן דייטש — האָט געזאָגט דער רוף — איז אַ מלחמה פאַר דער באַפרייאונג ניט נאָר פון די רוסישע פעלקער, נאָר פון אַלע פּראָגרעסיווע פרייהייט דענק־ענדיקע מענטשן, וואָס האָבן דעם קאַמף אויפגענומען. ס'זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן מאַסן אויסראָטונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געגנטן דורך דעם דייטש. די אידן אין דער ארמיי האָבן פאַר־שטאַנען די פליכט וועלכע ליגט אויף זיי און דאָס איז: צו זיין גוטע זעלנער.

און כ'פאַרגלייך די מלחמה מיטן דייטש אין אמאָליקן פוילן. די ווייס רוסן, אוקראַינער און אַנדערע מינאָריטעטן, אין דער פוילישער ארמיי, אין צייט ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָבן אָפּטמאָל געשטעלט זיך די פראַגע: פאַר וועמען זיך שלאָגן? טאָקע דער דייטש איז אונזער שונא, אָבער פוילן איז דאָך אויך פאַר אונז אַ שטיף טאַטע.

אפילו אין מילטער איז די אונטערדריקונג פון די סאָלדאַטן פון די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן געווען גרויס. אין פאָלק וואו איך האָב געדינט פלעגן די אידן דערנידעריקט ווערן. וואָלט דאָס ניט געווען וואָלט אפשר די פּוילי־שע ארמיי אין יאָר 1939 זיך געקענט בעסער קעגנשטעלן דעם דייטשישן שונא, כאָטש פאַרשפּילן האָבן זיי סיי ווי געמוזט.

אין דער רוסישער ארמיי איז געווען אַ פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער, דאָס האָט געשטאַרקט די קאַמפס־גרייטקייט פון דער ארמיי.

ווי כ'האָב דערמאָנט זענען מיר אָפּגעטראָטן מיט קאַמפן ביז סמאָ־לענסק וואו דער שונא איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט. ווען מיר זענען אָנגעקומען נאָך סמאָלענסק, איז די שטאָט נאָך געשטאַנען גאַנץ. דעם אָוונט פון אונזער אָנקום, האָט דער שונא צום ערשטן מאָל באָמבאַרדירט די שטאָט. און פון דאַן אָן טאָג איין טאָג אויס, נאַכט איין נאַכט אויס, האָבן עסקאַדריליעס נאַצישע עראָפּלאַנען פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ חורבה. די שלאַכטן ארום דער שטאָט זענען געווען פון אומאויפהערלעכן

פאַרנעם. די שטאָט איז אַריבער עטלעכע מאָל פון האַנט צו האַנט. זעקס וואָכן זענען מיר דאָ געווען און צום סוף געמוזט אָפּטרעטן. ווען מיר זענען אָפּגעטראָטן איז גאַנץ סמאָלענסק געלעגן אין חורבות. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ סקעלעט פון אַ מת.

דאָך איז דאַן געהערט געוואָרן דער רוף: דער שונא וועט זיין געשלאָגן. און מיליאָנען מענטשן האָבן אין דעם געגלויבט. דער שונא איז דערגאַנגען ביז לענינגראַד.

כ'געדענק ווי איין מאָל אין דער פרי זיך פאַרזאַמלענדיק לעבן ראַדיאָ הערן די נייעס פון טאָג, איז איבערגעגעבן געוואָרן די ווענדונג פון מאַרשאַל וואָראָשילאָוו צו דער באַפעלקערונג פון לענינגראַד. ער האָט גערופן די לענינגראַדער צו פאַרטיידיקן די אַלטע רוסישע שטאָט. דאָ איז דער שונא אָפּגעשטאַנען חדשים לאַנג און דאָ איז געווען דער אָנהויב פון זיין סוף.

# אין דעם ווייטן, קאַלטן אוראַל

די געוועזענע פּוילישע בירגער און בירגער פון די לעצטנ'ס פּאַריי־גיקטע געגנטן מיט רוסלאַנד, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין מיליטע־רישע אַרבעטס באַטאַליאָנען אין וועלכע עס זענען אויך אַריבערגעפירט געוואָרן רוסישע בירגער וואָס צוליב געזונטהייטס סיבות אָדער עלטער האָבן זיי ניט געקענט געהערן צו דער רעגולערער אַרמיי. אונזער אַרבעט'ס באַ־טאַליאָן איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין טאַמבאוו, וואָס געפינט זיך 180 קילאָמעטער פון דעם אַריאַל, וואו עס זענען פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן.

אָנקומענדיק קיין טאַמבאוו זענען מיר איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין די אַרומיקע דערפער, כדי צו קומען צו הילף די פויערים קאָלכאָזניקעס צו צונויפקלייבן דאָס גערעטעניש פון יאָר. כאָטש עס איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט איז נאָך דער שניט פון די פעלדער ניט צונויפגעקליבן געוואָרן, צוליבן פעלן פון אַרבעטס הענט.

איך, מיט נאָך אַ חבר, אַ יונגער רוס, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט און האָט איצט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג צו וועלכער איך האָב געהערט, זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן ביי דער קאָלווירטניצע באַרבאַראַנאַוואַ. צוויי זין אירע זענען געווען אויף די שלאַכט פעלדער אין קאַמף מיט דעם דייטש. די פּילע אַרבעט אין דער ווירטשאַפט אירער האָט זי אויסגעפירט צוזאַמען מיט איר שנור. ווי היינט שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן די ליבטיקע געשטאַלט פון דער קאָלווירטניצע באַרבאַראַנאַוואַ, וואָס איז געווען צו אונז ווי אַ מאַמע. זי האָט אונז געהאַלטן ביי איר ווי אייגענע קינדער. ביינאַכט פלעגט זי אונז איינדעקן, ס'זאָל זיין ווארעם צו שלאָפן, אין דער פרי פלעגט זי אונז אָנקאָרמענען ווי אייגענע קינדער. אַזאַ האַרצי־קייט און פשוטקייט האָט געמאַכט פאַרגעסן די עלנדקייט און היימלאָזיקייט, וואָס איך און אַנדערע זעלנער האָבן געפילט.

דעם טאָג ווען מיר זענען פון דעם דאָרף אוועקגעגאַנגען בכדי צו אי־בערפאָרן מיטן צוג אויף דעם ווייטן אוראַל, לויטן באַפעל פון דער מיליטער

מאַכט, האָט אונז באַגלייט דער גאַנצער דאָרף. זיי, די פּויערים, זייערע ווייבער און קינדער האָבן אונז באַגלייט אַ שטיק וועג אויסערן דאָרף, און זייערע אויגן זענען געווען פיל מיט טרערן. פאַר יעדן פון אונז איז געווען צוגעגרייט אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג. מיט ברכות אויף די ליפּן האָבן זיך די פּויערים מיט אונז צעזעגנט. אך! וויפל פּשוטקייט און ברייטקייט ס'פאַרמאָגט די נשמה פון דאָרפישן פּויער. זיין גוטסקייט האָט קיין גרעניץ ניט!

אויף דער נאָענסטער באַן־סטאַנציע, האָבן מיר זיך אָנגעלאָדעוועט אין לאַסט וואַגאָנעס, ווייל ס'האָבן דאַן אויסגעפעלט טראַנספּאָרט מיטלען, זע־נען מיר געווען צו 60 מאַן אין אַ וואַגאָן. ס'איז שוין געווען אָנהויב ווינ־טער און דורכמאַכנדיק אַ שווערן וועג פון 20 טעג פאָרן זענען מיר אָנגע־קומען נאָך סווערדלאָווסק — די הויפּט שטאָט פון אוראַל. דעם וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט איז געווען זייער אַ שווערער. עסן איז ניט געווען גענוג. נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס פאָרנדיק צו 60 מאַן אין אַ וואַגאָן, זענען מיר זייער פאַראומרייניקט געוואָרן.

ביינאַכט האָסטו ניט געהאַט קיין פּלאַץ וואו אַ ביסל זיך כאָטש אויס־ציען, אפילו פּלאַץ צום זיצן איז ניט געווען גענוג. קיינער האָט אָבער ניט געקרעכצט, קיינער האָט ניט געמורמלט. מען האָט געוואוסט אַז די לאַגע איז אַזאַ, צוליב דעם שטאַרקן שונא.

אָנקומענדיק נאָך סווערדלאָווסק, האָבן מיר זיך אָפּגערוט אַ טאָג, גע־נומען אַ הייסע באָד און זיך אַ ביסל דערפרישט. אונזער מאַרשרוט איז גע־ווען 180 קילאָמעטער נאָך סווערדלאָווסק, וואו מיר זענען איינגעקוואַר־טירט געוואָרן אין אַ דאָרף־קאָלכאָז. דער ציל פון אונזער קומען איז גע־ווען צו צוגרייטן דאָס בויען פון אַן אייזנבאַן ליניע, וואָס האָט געדאַרפט פאַרייניקן סיביר מיט די צענטערן פון רוסלאַנד דורך אוראַל. אַזאַ אייזן באַן ליניע דוכט מיר איז געווען בלויז איינע.

איך און מיין פריינט, דער סערזשאַנט איוואַן פּאַוולאָוויטש, זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן ביי דער קאָלווירטניצע אַנאַסטאַסיאַ מאַקסי־מאָוונאַ, וועלכע האָט געלעבט אין הויז מיט איר שנור, וועמענס מאַן איז מיט נאָך אַ ברודער זיינעם געווען אויפן שלאַכט פעלד. אויך האָבן ביי איר געוואוינט נאָך 2 אידישע עמיגראַנטן עוואַקואירטע פון כאַרקאָוו, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפ'ן ראַיאָן אויף אַרבעט.

הונדערטער עוואַקואירטע אידן האָבן זיך דאָ געפונען אין די אַרומיקע דערפער. די פאַרוואַלטונגען פון די דערפער האָבן געזאָרגט פאַר זיי מיט

דירה, אַרבעט א. א. וו. פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין איבעריקע באַקוועמלעכ־קייטן האָט מען דאָ ניט געהאַט, אָבער לויט דער קריטישער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע גאַסטפֿריינטלעכקייט.

די פֿאַרבליבענע אידן אין די געגנטן פֿאַרכאַפּטע שוין דורך די נאַציס, זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער זעלבער צייט אויף הונגער, פּיין, נויט און דאָס ערגסטע — אויף מאָרד און פֿאַרטיליקונג.

מירע, אויסגעמאַטערטע פֿון וועג האָבן מיר באַקומען דריי טאָג רו. די קאָלווירטניצע אַנאַסטאַסיאַ מאַקסימאַוונאַ איז געווען זייער אַ גוטע. זי האָט אונז געגעבן עסן פֿון דעם וואָס זי האָט נאָר געהאַט און מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט איינע צו די אַנדערע, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן איר צו צוהעלפֿן אין אַלע שטוביקע אַרבעטן. מיר האָבן האָלץ אָנגעשניטן, האָלץ פֿון וואַלד געבראַכט צופֿירן, געפֿאָרן נאָך פֿאַשע פֿאַר די פֿי. אין מיין קינדהייט בין איך געווען אָפּגעטיילט פֿון דער קריסטלעכער וועלט, עס האָט אָבער ניט געשטערט אין צייט פֿון קריג צוזאַמענלעבן זיך מיט דעם רוס איוואַן פֿאַוולאָוויטש, און צו וואוינען ביי אַ פֿויערישער פֿאַמיליע.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. אין אוראַל — וואָס צייכנט זיך אויס מיט שטאַרקע קעלטן און פֿרעסט — איז די טעמפּעראַטור דערגאַנגען ביז 50 גראַד פֿראָסט. איך בין צו דעם ניט געוואוינט געווען. ספּעציעל גוט אָנגעטאָן איז מען ניט געווען. דאָס עסן איז געווען ניט גאָר געהויבן. די מלחמה האָט זיך פֿאַרצויגן און מ'האָט געמוזט גוט אויסרעכענען די שפּייז און קליידער רעסורסן.

נאָך דריי טעג אָפּרו זענען מיר אַרויס צו דער אַרבעט. מיר האָבן געדאַרפֿט אויפֿגראָבן די האַרטע, געפֿראָרענע ערד און מאַכן אַ וועג צו לייגן אַ אייזנבאַן ליניע. ביי 50 גראַד פֿראָסט איז די ערד פֿאַרשטיינערט. מ'האָט געדאַרפֿט אויפֿרייסן מיט אייזערנע מכשירים. איך בין צו אַזאַ אַרבעט ניט געווען געוואוינט. איך האָב אָבער קלאָר געמאַכט פֿאַר מיר, אַז איך בין אַ איד און טאָר אַלס אַזעלכער ניט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט. איך דאַרף צוגלייך מיט אַלעמען אַרבעטן — און ספּעציעל ווען דער שונא איז אונזער דרייפֿאַכיקער שונא געווען.

מיר האָבן דאָ געאַרבעט קרוב צו דריי חדשים, און דאַן זענען מיר אַריבער 7 קילאָמעטער נאָך סווערדלאָווסק צו טאָן די זעלבע אַרבעט. אויב אין דאָרף זייענדיק האָבן מיר כאָטש געהאַט וואַרעמע וואוינונגען, זענען מיר דאָ איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין ספּעציעלע אויסגעבויטע הילצערנע

באראַקן. נאָך דער אַרבעט איז ניט געווען אפילו וואו זיך אָנצואוואַרעמען א ביסל.

די שטימונג איז דאַן גאָר שטאַרק געפאַלן ביי מיר און מ'האָט זיך גוט געדאַרפט האַלטן אין די הענט, כדי ניט צו פאַרלירן דעם מוט. עס זענען גע־וואַקסן דאָ שנעל פאַרלייגטע אייזן באַן ליניעס, דורך וועלכע עס האָבן אָן אויפהער געפלייצט טראַנספאָרטן פאַרן פראָנט.

זומער צייט ווער איך איבערגעטראַנספאָרטירט אויף אַרבעט אין דער דירעקציע פון אוראַלער אייזן־באַן קנופּ, וואָס געפינט זיך אין סווערדלאָווסק. איך דערקען די רוישיקע הויפּט שטאָט פון אוראַל, די שטאָט וועלכע האָט געשפּילט א אומגעהויער וויכטיקע ראָל אין צייט פון קריג, ווייל זי האָט באזאָרגט דעם פראָנט מיט אַלע נויטיקע מכשירים. דאָ האָט זיך קאָנ־צענטרירט די שווערע אינדוסטריע, וועלכע איז ארויסגעפירט געוואָרן פון די אָקופּירטע געגנטן. דאָ זענען אויסגעוואַקסן געגנטן, זאוואדן און הונ־דערטער פאַבריקן, די שטאָט סווערדלאָווסק איז זיך צעוואַקסן און האָט גע־ציילט אנדערהאלבן מיליאָן איינוואוינער.

# די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן

די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. עס איז אַריבער דער האַרבסט, נעקומען ווינטער, דערנאָך זומער. די צייט האָט זיך געצויגן און מ'האָט אָנגעהויבן ציילן די צייט פון דער מלחמה שוין אויף יאָרן. קיין צווייטער פראָנט וועגן וועלכן מען האָט גערעדט פיל, איז נאָך דערווייל ניט געווען. די רוסישע אַרמיי האָט געדאַרפט אויף איר אייגענער הויט איבערטראָגן די בסדרדיקע אָנגריפן. די טאַקטיק איז געווען: אָפּהאַלטן דעם שונא, וואו נאָר עס געלינגט, און אַריבערגיין אין אָנגריף וואו נאָר מעגלעך; צונישט מאַכן זיינע פּלענער און שעדיקן זיין טעכניק. אויב שוין יע אָפּטרעטן איז איבערלאָזן פאַר דעם שונא חרובע, פּוסטע שטעט און דערפער — אויסגעליידיקטע פון מענטשן.

דער שונא איז געווען שטאַרק. צענדליקער יאָרן האָט ער זיך געגרייט צום קריג. גאַנץ אייראָפּע איז געלעגן אין זיינע הענט. די אַרבעטס פּייאיקע מענער פון די פאַרכאַפּטע לענדער זענען ארויסגעפירט געוואָרן צו אים אין לאַנד אויף צוואַנגס אַרבעט. אין די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס האָט דער נאַציזם ווייניק געזאָרגט וועגן לעבן און וואוילזיין פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. ער האָט פון דאָרטן ארויסגעפירט וואָס נאָר מעגלעכעס. דער דייטש האָט געקראָגן מאַטעריעלן אינטערעס פאַרן קריג. די דייטשישע פּרייזים און פאַבריקאַנטן האָבן געקראָגן צענדליקער און צענדליקער אומזיסטע קנעכט און אַרבעטער. יעדער נישטיקער, נאַרישער אַריער, האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע יונגע מיידלעך — דינסטן פון פאַשיידענע נאַציעס. די יונגע שיינע מיידלעך פון די אָקופּירטע לענדער, זענען ארויסגעפירט געוואָרן אין טיף דייטשלאַנד. זיי זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין שאַנד הייזער, כדי צו פאַרשאַפן גענוס דער דייטשישער אַרישער ראַסע.

די זעלנער פון די פראָנטן האָבן געשיקט פּעקלעך מיט אָנגעראַבירטע גוטס, צו זייערע אַריש־בלאָנדע פאַמיליעס. דער זעלנער און דאָס דייטשישע פאָלק האָבן געיובלט פאַרשיכורט פון די ערשטע נצחונות און פון דעם אָנגע־

ראַבירטן גוטס. זיי האָבן געחלומט אין זייער צעשפּילטער פאַנטאַזיע, אַז זיי וועלן איינגעמען די גאַנצע וועלט. און ווער ווייס צו דאָס וואָלט ניט געשען, ווען עס שטייען ניט אויף צענדליקער מיליאָנען צום קאַמף מיט דער פעסט, וואָס האָט באַדראָט דער גאַנצער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט מיט אַלע פיבערן און נערוון געלעבט און געאָטעמט פאַר דעם אָנקומענדיקן נצחון. אַלע מענער זענען אַוועק אויף די שלאַכט פעלדער. עס זענען געבליבן נאָר די אומפּייאיקע צום אַקטיוון מיליטער דינסט. די אַרבעט אין הינטערלאַנד איז מערסטנטייל אויסגעפירט געוואָרן דורך פרויען, וועלכע האָבן אריינגעשריבן אַ העראָאישן קאַפּיטל אין דער מלחמה מיט דעם שונא.

די אָקטאָבער רעוואָלוציע וואָס האָט געגעבן גלייכהייט צו דער אָרמיקער פרוי האָט געבראַכט צו דעם, אַז עס איז ניט געווען קיין איין צווייג פון אַרבעט, וואו די פרוי זאָל ניט אַנטיילנעמען.

דער באַגריף אַז די פרוי איז נאָר באַרופן צום קינד און דער קיך איז צעשטערט געוואָרן.

האָסטו טאַקע באַגעגנט פרויען וואָס האָבן אויסגעפילט פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן, ווי אָנפירן מיט זאַוואָדן, און זיין אפילו קאָמאַנדירן פון אַוויאַציע פולקן. די פרוי האָט אַ טיפן אַנטיילגענומען אין קונסט און ליטעראַטור. אין צייט פון קריג ווען די מענער זענען אַוועק אויפן פראָנט האָבן די פרויען זייער אָרט פאַרנומען און אויסגעפירט זייערע אַרבעטן.

די עלנטקייט פון מענטשן איז געווען גרויס. פאַמיליעס זענען צעשיידט געוואָרן. ווער אויפן פראָנט, ווער מאָביליזירט אויף אַרבעט אין אַנדערע געגנטן, ווער עוואַקואירט, ערגעץ ווייט. יעדער איז צעשיידט געווען מיט דער פאַמיליע. מ'האָט אויך פאַרלאָרן אַ סך נאָענטע אין צייט פון די לופט אָנגריפן מצד דעם שונא. אידן איז באַזונדערס געווען ביטער. אידן וואָס זענען פאַרבליבן אין די פאַרכאַפּטע געגנטן, זענען געווען אויסגעשטעלט אויף פולשטענדיקער פאַרניכטונג. אין די דאָזיקע שווערע טעג האָבן פיל פון אונז געפונען גוטע פריינט ביי רוסישע משפּחות.

אַ רוסישע מאַמע פלעגט אָפט פאַרשטיין דעם עלנד פון אַ אידיש קינד. אַ רוסישע מיידל פלעגט אָפט פאַרשטיין דעם טרויער פון אַ אידישן בחור וואָס איז געווען פאַרוואָרפן ווייט פון זיין היים.

דאָס רוסישע מיידל איז אַ שטאָלצע, אומאָפּהענגיקע אין איר טאָגטעגלעכן לעבן. זי איז פריי פון געלט גיריקייט, לוקסוס און פאַרשווענדע-

רישקייט. אין צייט פון קריג פלעגן יונגע מיידלעך שיקן מיליאָנען פּעק־לעך מתנות צו זייערע אומבאַקאַנטע אויפן פראָנט. און פלעגן אריינלייגן דאָרט וואַרעמע האַרציקע בריוועלעך. אַזוי פלעגן זיך פאַרבינדן באַקאַנט־שאַפטן און דערנאָך הייראַטן. דער פילם „6 שעה אין אָוונט נאָכ'ן קריג" ווייזט אַזאַ בילד.

פון די פראָנטן זענען אָנגעקומען הונדערטער טויזנטער פאַרוואונדעטע. מ'האָט געדאַרפט אויפפּאַסן אויף אָט די אומגליקלעכע. אָפט פלעגן די פאַר־וואונדעטע צוריקקומען אין שרעקלעכן צושטאַנד.

ווי איך האָב דערמאָנט האָב איך לעצטנס געאַרבעט ביי דעם בויען פון דער אייזן־באַן ליניע. איך פלעג אָפט זיין אין דעם הויפּט וואָקזאַל פון סווערדלאָווסק, וואו צענדליקער, צענדליקער, עשאַלאָנען פלעגן טאָג־טעגלעך אוועק אויפן פראָנט. סיביר און אוראַל האָבן געשפּייזט דעם פראָנט מיט אַלעם מעגלעכן. דער טראַנספּאָרט האָט געאַרבעט אָנגעשטרענגט. דעם אַרבעטער דאָ, האָט מען גערופן אין צייט פון קריג: „דער לייבלעכער ברו־דער פון דער אַרמיי". אין דעם דירעקטאָרן־הויז פון דער אייזן־באַן־בויאונג, אַ פינף שטאָקיקע געביידע מיט 500 צימערן און טויזנטער באַאַמטע, — זע־נען מענטשן געעזסן ביי זייער אַרבעט גאַנצע טעג, ניט ארויסגייענדיק אפילו אַ היים עסן, אין משך פון גאַנצע מעת־לעתן. דאָס עסן פלעגט זיי געבראַכט ווערן אַהער אין צימער פון דער אַרבעט.

## סווערדלאָווסק — די הויפּט שטאָט פון אוראַל

סווערדלאָווסק — די אַמאָליקע יעקאַטערינעסבורג, איז געווען פאַר די צאַרישע צייטן אַ פּראָווינץ שטעטל, וואָס די רייכע גאָלד זוכער האָבן אויפגעבויט. זיי האָבן דאָ אַנטוויקלט די אַרבעט פון גאָלד זוכעריי.

אין דער צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דאָס שטעטל געווען פול מיט אַ פאַרצווייגטער אונטערערדישער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דאָ זענען פאָרגעקומען ערנסטע קאַמפן. אויף פילע הייזער זעסטו איינגעמויערט אָנדענקס טאָוולען וועלכע צייגן די ערטער וואו עס זענען פאָרגעקומען קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען פון די רעוואָלוציאָנערן. איך האָב באַגעגנט אַלטע איינוואוינער וואָס קענען די שטאָט פון אַמאָל. זיי האָבן מיר אָנגעוויזן פיל צענטערן וואָס זיי געדענקען, ווען זיי זענען געווען ניט מער ווי גרויסע בלאָטעס. די שטאָט איז זיך צעוואָקסן ספּעציעל אין צייט פון קריג. צענדליקער טויזנטער עוואַקואירטע, אַריבערגעפירטע זאַוואָדן, שולן, אוניווערזיטעטן, מוזעאומ׳ס און ווערטפולע היסטאָרישע אַרכיוון פון די געגנטן וואָס דער שונא האָט פאַרכאַפּט, אָדער האָט געדראָאָט פאַרנעמען.

די בעסטע אַרטיסטישע כוחות זענען געשיקט געוואָרן אַהער. האָט טאַקע דאָס אָפּערע טעאַטער דאָ פאַרנומען, נאָך מאָסקווער, דאָס צווייטע אָרט. דאָ איז אויך געווען אַ דראַמאַטישער טעאַטער, אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע טעאַטער און מאָדערנע קינאָ אַנשטאַלטן, געווען דאָ גרויסע ביבליאָטעקן, שיינע מאָדערנע געביידעס זענען אויפגעבויט געוואָרן. דער פּאַנאָראַמע פון שטאָט איז ניט געהאַמעוועט געוואָרן דורך דער מלחמה. אין די אָוונטן האָסטו באַמערקט פילע באַזוכער אין די טעאַטערן און קינאָס. דאָס לעבן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין אַלע זיינע פאָרמען, אפילו אין צייט פון קריג.

נאָך אַ שווערן אַרבעטס טאָג, פון צומאָל ניט דערעסן און ניט דערטרינקען, פלעג איך אין טעאַטער זיך קענען אַביסל פאַרגעסן און פאַרטרייבן די שטימונג וואָס האָט געדריקט אויף דער נשמה. דאָס פּובליקום

אין טעאַטער פּלעגט מיט לאַנג דויערנדע אָוואַציעס אויפנעמען די קינסטלע־ריישע פאָרשטעלונגען.

צום שבת פון רוסישן טעאַטער און קינאָ מוז געזאָגט ווערן, אַז מען וען ניט באַגעגענען קיין אויפפירונג פון ביליקע ליבע־ראָמאַנען, אָדער סענ־סאַציאָנעלע געשיכטעס פון גענגסטערס, רויבערייען און פאַרשווענדערישער פאַרפּוילטער ליבע צו געלט און לוקסוס.

אָפטמאָל זענען אָבער די פאָרשטעלונגען איבערדריסיק מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע כאַראַקטער.

אין אַלגעמיין פאַרנעמט דער טעאַטער און קינאָ הויפּטזעכלעך א דער־ציערישן פּלאַץ.

איך האָב בייגעוואוינט אַ קאָנצערט אין סווערדלאָווסקער פילהאַרמאָ־ניע, וואָס לאָזט זיך עד היום ניט פאַרגעסן. פילע קינסטלער זענען אויפגע־טראָטן מיט זייערע אינסטרומענטן, די קלאַנגען און מעלאָדיעס האָבן מיך מיטגעריסן, מענטשן זענען געזעסן אין זאַל ווי פאַרגאַפטע. אָוואַציעס אָן אויפהער האָבן באַגלייט די קינסטלער. דאָס רוסישע טעאַטער, מוזיק און קונסט, איז שטאַרק אַנטוויקלט. די רוסישע אָפּערע האָט אין זיך עפּעס ספּע־ציעל צוציענדיקס. די רוסישע פאָלקס מעלאָדיע פאַרכאַפּט מיט איר האַרצ־קייט און פּשטות.

די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. און אויב די ערשטע צייט פון קריג איז נאָך אין די געגנטן ניט איינגעפירט געוואָרן קיין קאַרטן־סיסטעם, האָט מען געמוזט שפּעטער צו אויך דאָ דאָס איינפירן, צוליב דעם מאַנגל אין שפּייז. דער שוואַרצער מאַרק האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט. די פּרייזן פון ברויט, פּוטער, צוקער א. ד. ג. האָבן דערגרייכט צו פאַנטאַסטישע הויכן, דערביי זענען אָבער די רעגירונגס פּרייזן אויף צוגעטיילטע פּראָדוקטן און קליידונג ניט געהעכערט געוואָרן. דאָס צוגעטיילטע אָבער האָט ניט גע־דעקט די טעגלעכע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג. עס האָבן אָנגע־הויבן אָנקומען מענטשן ארויסגעפירטע פון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע. זיי האָבן געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען.

איך געדענק, ווי איין מאָל, איז אַ פרוי אַן עוואַקואירטע פון לענינגראַד אריינגעקומען אין אַ ברויט געשעפט. זי האָט געעפנט אַ פּאָר אויגן אין גרויס חידוש, ווען זי האָט דערזען אַ קאַץ ארומלויפן... זי האָט זיך אָפּגע־רופן: איך קום איצט פון לענינגראַד און דאָרט האָט מען שוין אַלע קעץ אויפגעגעסן...

אויף די פנימער פון די עוואַקואירטע, ווי אויך אויף די אַרטיקע האָט זיך בולט געלאָזט מערקן דער הונגער. עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן שפּייז.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן די פאַלן פון „דיסטראָפיא" — די אָפּשוואַכונג פון אָרגאַניזם. אַזאַ קראַנקהייט האָט זיך געענדיקט פאַטאַל. דאָס איז אַ מין „מיתה בנשיקה". פון ניט דערעסן, ווען דער קערפּער באַקומט ניט די נויטיקע וויטאַמינען, הויבט דער מענטש אָן אָפּצושטאַרבן; ניט פילנדיק קיין שום ווייטאָק, פאַלט ער פּלוצלינג אַנידער טויט.

פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן עוואַקואירטע פלעגט מען פון די וואַגאָנען אַלץ אָפטער אַראָפּנעמען אַ סך טויטע. ניט קוקנדיק אויף דעם איז די אַרבעט אין די פאַבריקן און אַנשטאַלטן פאַרלענגערט געוואָרן אויף 12 שעה'דיקן אַרבעטס טאָג.

עס דערמאָנט זיך: גאַנץ פרי פלעג איך אויפשטיין צו דער אַרבעט. איך האָב געזען טויזנטער מענטשן אין די טראַמוואַיען, וועלכע איילן זיך צו דער אַרבעט. מאַמעס פירן אָפּ זייערע קליינע קינדערלעך אין די יאַסלעס און זיי איילן דערנאָך צו זייער אַרבעטס טאָג.

יעדער איינציקער האָט געאַרבעט. דאָס לאַנד האָט געאָטעמט מיט דער מלחמה. עקשנות און אויסדויער איז געלעגן אויף די פנימער פון די מענטשן. אין הארץ פון יעדן האָט געברענט אַ צאָרן אויף דעם דייטש, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן ווי אַ געמיינער ליגנער אפילו פאַר די וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די נאַצישע צוזאָגן. פון אָנהויב זענען געווען אַ סך פריינטלעך גענויגט צום דייטש, אוים קעגנערשאַפט צום סאָוועטישן רעזשים. באַטש די צייט איז געווען אַ העכסט שווערע און אָנגעשטרענגטע, דאָך איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען מיט זיין גאַנג. טעאַטערס, קינאָס פלעגן באַזוכט ווערן. יום־טובים פלעגן געפייערט ווערן. אין די אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפזאַמלען ביי שכנים. מ'פלעגט גיין צו געסט און מ'פלעגט מיט האָפענונג זאָגן: אויך אויף אונזער גאַס, וועט זיין יום טוב.

אַ סך אידן עוואַקואירטע האָבן זיך געפונען מיט מיר אויף דער אַרבעט. די מערסטע פון די אידן האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע און געאַרבעט מיט עקשנות. עס זענען געווען מיט מיר אידן פון ליטע און אַנדערע שטעט, מענטשן מיט הויכער בילדונג און פון רייכע היימען; געווען געוואוינט צו אַ רייך לעבן. זיי האָבן זיך אָבער צוגעפּאַסט צו די שווערקייטן.

דער יונגער גאָלדבערג איז קוים 18 יאָר אַלט געווען. ער האָט אויסגעזען ווי אַ אינגל נאָך. ער האָט אָבער געטראָגן דעם יאָך פון דער מלחמה

צייט. הער יונגער גאָלדבערג פלעגט מיר זאָגן: דער דייטש, דער מערדער ברענגט אום מיינע ברידער און שוועסטער, איז ווי זשע קען איך ניט צו העלפן מיט מיינע אַלע קרעפטן צו פאַרניכטן דעם דאָזיקן שונא?

נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט, פלעגט דער יונגער גאָלדבערג קומען אַ געפרוירערנער, אַ הונגעריקער, זיך דערוואַרעמען און עפּעס אָפּעסן. ער פלעגט שרייבן דאָן אין רו־צייט לאַנגע בריוו צו זיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך געפונען אַלס עוואַקואירטע אין אַ ווייטן דאָרף.

די עלנטקייט האָט געדריקט. קיינער פון מיין פאַמיליע איז דאָ ניט געווען.

אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן, פלעג איך נאָך דער אַרבעט בלייבן מיט זיך אַליין. איך פלעג מאַכן אַ חשבון פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין געבורטס שטעטעלע ביטען און אַ טראַכט געטאָן וועגן דער גרויזאַמקייט פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. געטראַכט פון דער צייט, ווען דער טייוול האָט זיך פאַרמאָסטן אויף צו פאַרניכטן דער מענטשהייט. איך האָב געבליקט ארום זיך און געזען איבעראַל ליידן, ליידן אָן אַ שיעור. שטומערהייט האָב איך געפרעגט: ביז ווי לאַנג נאָך וועט דאָס די מענטשהייט זיין אונטערגעוואָרפן אין די ימען פיין און אומאויפהערלעכע יסורים?... ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?

# די אָנגעשטרענגטע אַרבעט איז ניט געגאַנגען לאיבוד

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון דער מענטשהייט פאַר דעם נצחון איבערן נאַצי איז ניט געגאַנגען לאיבוד. די פּרוכט האָט זיך אָנגעהויבן זען. דער קריג האָט זיך פאַרצויגן און די היטלעריסטישע חיילות זענען שוין ניט געווען די זעלבע ווי ביים אָנהויב פון קריג. דער נאַצישער סאָלדאַט איז געווען געוואוינט צו לייכטע נצחנות. ער האָט ווי אויף אַ שפּאַציר אַדורכגעמאַרשירט גאַנץ אייראָפּע, דעראָבערנדיק איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן. גאַנץ אַנדערש האָט זיך פאַר אים אַרויסגעוויזן די מלחמה מיט רוסלאַנד. די עקשנות און אויסדויער פון רוסישן סאָלדאַט, האָט אים געמאַכט פילן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט ניט קיין לייכטן פאָרויסזעענדיקן נצחון. דער נאַצישער זעלנער זייענדיק נאָר פאַראינטערעסירט אין רויב און מאָרד, זוכנדיק לייכטע נצחונות און ניט זייענדיק דורכגענומען פון וועלכער עס איז אידייע, האָט צוזאַמענגעבראָכן. די אויסרעכענונג אויף דער אינערלעכער צעפאַלונג און דעמאָראַליזירונג פון גייסט און אייניקייט ביי די סאָוועטישע פעלקער, איז ניט מקוים געוואָרן. די אויסרעכענונג, אַז אינערלעך וועט דאָס פאָלק אים צוהעלפן אין זיין רויב־מאַרש האָט באַנקראָטירט. עס האָט זיך דערוועקט ביים רוסישן מענטשן די גרויסע ליבע צו זיין פאָטערלאַנד, וואָס האָט געבראָכן יעטווידן שונא, דער רוס האָט קיינמאָל ניט דערלאָזן אַז זיין „מאַטושקאַ ראַסיאַ" זאָל ווערן אונטערשטאָכט. אין הינטערלאַנד, אין די אָקופּירטע געגנטן האָט געברענט דער באָדן אונטער די פיס פון דעם אָקופּאַנט. הונדערטער, טויזנטער פּאַרטיזאַנער גרופּן, האָבן די נאַצים ניט געגעבן קיין רו. דאָס פאָלק אין די אָקופּירטע געגנטן האָט סאַבאָטאַזשירט דער נאַצימאַכט, קיין מיטאַרבעט האָבן די נאַצים ניט געפונען ווי זיי האָבן אויסגערעכנט. האָבן טאַקע אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן.

די אַליאירטע אַרמייען האָבן פון טאָג צו טאָג זיך איבערגרופּירט און זיך געגרייט צום צווייטן פראָנט און עס איז געגרייט געוואָרן דער טויטקלאַפּ פאַר דער נאַצישער שלאַנג.

דער שונא ניט נאָר, וואָס ער האָט זיך מער ניט גערוקט פאָרויס, נאָר ער האָט זיך גאָר געמוזט שטאַרק איינבייסן מיט די ציין, בכדי איינצוהאַלטן די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס. דער נאַצי האָט פּרובירט, ווי א ווילדע פאַר־וואונדעטע חיה זיין מזל דאָ און דאָרט, אויסאַרבעטנדיק יעדעס מאָל א נייעם פּלאַן פון אָנגריף. אָבער יעדעס מאָל איז ער צעקלאַפּט געוואָרן מיט מוראַדיקע פאַרלוסטן.

דער קולמינאַציע פּונקט פון קריג איז געווען ס ט א ל י נ ג ר א ד. דאָ איז געשעדיקט געוואָרן דער בעסטער טייל פון דער נאַצישער אַרמיי. דאָס קאַפּיטל „סטאַלינגראַד" איז פאַרבליבן ווי דער סימבאָל פון אומ־פאַרגלייכלעכער העראָאישקייט אין דער געשיכטע פון דער מלחמה מיט דעם נאַציזם. די אַרמיי פון פאָן פּאַולוס איז אריינגעפאַלן אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי און האָט אַלס באַזיגטע אַרמיי אַדורכגעמאַרשירט ווי קריגס געפאַנגענע, איבער די גאַסן פון דער רוישיקער שטאָט מאָסקווע. די מאָסקו־וויטשעס האָבן מיט פרייד און פאַראַכטונג צוגעקוקט צו די שמוציקע, דער־נידעריקטע, אויסגעליידיקטע פון געוויסן און מאָראַל, נאַצישע סאָלדאַטן, אָפיצערן און גענעראַלן וואָס זענען מחנותוויז געפירט געוואָרן איבער די גאַסן פון מאָסקווע. ווען די שמוציקע מחנה איז אַדורכגעגאַנגען זענען אויטאָ־בוסן מיט וואַסער נאָך זיי נאָכגעפאָרן און האָבן אָוועקגעשווענקט די שמוץ פון די גאַסן וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך די פאַראומרייניקטע אריש־בלאָנדע „קעמפער"...

די היטלעריסטישע חילות, האָבן שוין ניט געקלערט מער וועגן אָנ־גריף. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף זייערע פּאָזיציעס און זיך באַפעסטיקט.

דער גענעראַל שטאָב האָט אויסגעאַרבעט פּלענער פון אָנגריף און קאָנטראַ־אַטאַקע. ניט לאַנג און עס איז געקומען דער באַפעל צו די סאָ־וועטישע אַרמייען וועגן אריבערגיין אין אָנגריף. די רויטע אַרמיי וואָס האָט אין צייט פון קריג זיך איבערגעבויט און פאַרפולקאָמט, צופאַסנדיק צו דער נייער מאָדערנער מלחמה, איז געווען שטאַרק און גרייט צום אָנגריף. דאָס האָט געטראָפן דעם שונא אומגעריכט. ניט קענעדיק אויסהאַלטן דעם פייער, האָט זיך דאָס נאַצי־חיל אָנגעהויבן קייקלען אויף צוריק. עס האָט זיך אָנ־געהויבן דער באַרג אַראָפּ פון דער „אומבאַזיגבאַרער" דייטשישער אַרמיי.

יעדער טאָג האָט געבראַכט פרייַלעכע נייעס פון די פראָנטן. טראָט נאָך טראָט, שפּאַן נאָך שפּאַן איז די רוסישע ערד צוריק אויסגעלייזט געוואָרן. ווען עס פלעגט צוריקגענומען ווערן א וויכטיקער פּונקט, שטעטל אָדער

שטאָט, פלעגט די ראַדיאָ גלייך ברענגען די ידיעה. די נייעס פלעגט גע־בראַכט ווערן אויף אַזאַ אופן: די ראַדיאָ פלעגט אָנזאָגן דאָס פאָלק אַז אין קורצן וועט איבערגעגעבן ווערן וויכטיקע נייעס. דאַן פלעגן מיליאָנען מענטשן זיך צוהערן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צו דער מעלאָדיע וואָס פלעגט גע־שפּילט ווערן אויף ראַדיאָ. דאַן פלעגט קומען דאָס קול פונם רעדנער לע־וויטאַן: חברים! פּריינט! אין דער און דער שעה, וועט איבערגעגעבן ווערן וויכטיקע נייעס, הערט אונזער ראַדיאָ אווידיציע. עס פלעגט אָפּגעשטעלט ווערן די באַוועגונג, אַ מיסטעריעזע שטימונג פלעגט באַהערשן אַלעמען; מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס פלעגן אַלע וואַרטן אויף דער מינוט צו הערן די נייעס.

און אָט הערט זיך דאָס קול פונם רעדנער לעוויטאַן:

באַפעל פון הויפּט קאָמאַנדיר פון די סטראַטעגישע כוחות: היינט אין דער און אין דער שעה האָט אונזער מילטער, איבערגייענדיק אין אָנ גריף, דעראָבערט די און די שטאָט. די ראַיאָנען און האָבן דעראָבערט אזוי פיל און אזויפיל טעריטאָריע. דאַן פלעגט קומען די אויסרעכענונג פון די מיליטערישע פאַרייניקונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף. דער באַפעל פלעגט זיך שטענדיק פאַרענדיקן מיט אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע העלדן פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פאָטערלאַנד. אין די אויס־גערעכנטע פאַראייניקונגען פלעגסטו אָפט הערן נעמען פון גענעראַלן, פּאָל־קאָווניקעס פון אידישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט.

איך האָב דאַן געקראָגן אורלויב, אויף אַ חודש צייט, אין אַן אָפּרו־פּלאַץ וואו עס האָבן גערוט די אַרבעטער פון דער געבויטער אייזן־באַן ליניע. דאָס איז געווען 180 קילאָמעטער פון סווערדלאָווסק אין ווערק ניעווינסק, אין אַ הערלעכער געגנט פון וואַלד און גראָז. נים ווייט פון פּלאַץ איז געווען אַ גרויסע טיפע אזיערע וואו אין מיטן איז געווען אַן אינזל, מיט זייער אַ שיינער לאַנדשאַפט. די נאַטור איז דאָ געווען אַ פּרעכטיקע. נאָך דעם מאָנאַט קער איך מיך אום נאָך סווערדלאָווסק צו דער אַרבעט. די עקאָנאָ־מישע לאַגע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן. די מענטשן זענען געוואָרן מער פריידיק געשטימט. דאָס ביסל פרייד און יום טוב אויך אויף אונז־ער אידישער גאַס האָט זיך שוין געפילט אין דער לופטן.

## עס ברענט די ערד אונטער דעם נאַצישן אָקופּאַנט

די אַליאירטע אַרמייען האָבן ווי אַ לאַווינע פון פייער געשפּרייזט פּאָרויס, באַפרייענדיק שפּאַן ערד נאָך שפּאַן ערד. דער פאַרנעם פון אָנגריף איז געווען אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז די דייטשישע אַרמייען האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף און גענומען זיך קייקלען אויף צוריק.

דערשטוינטע האָבן די דייטשישע גענעראַלן, אָפיצערן און זעלנער זיך געפרעגט: ווי האָט עס געקענט פּאַסירן? — ערשט נעכטן זענען מיר געווען די זיגרייכע דעראָבערער פון כמעט גאַנץ אייראָפּע; עס איז קיינעם פון אונז ניט געקומען אין געדאַנק אַז עס קען זיך געפינען אַ כוח וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון אונז. פּלוצלונג זענען מיר געוואָרן שוואַכער אין כחות, און מיר גיבן צוריק דעם שונא איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. ערשט נעכטן האָבן מיר געהאַט פּלענער צו קאָלאָניזירן דעם ווייטן סיביר און אוראַל, און אָט שטייען מיר שוין ווייט ווייט אָפּגערוקט פון אונזערע דעראָבערונגען?...

עס האָט געברענט די ערד אונטער דעם דייטשן אָקופּאַנט. די אונטערדריקטע מאַסן אונטער דעם נאַצישן אָקופּאַנט, האָבן דערפילנדיק דעם שטאַרקן אָנגריף פון די אַליאירטע אַרמייען, אָנגעהויבן שלאָגן דעם שונא אין הינטער לאַנד. אויך די פּאַרטיזאַנען גרופּן האָבן פאַרשטאַרקט זייער אַרבעט. דער טאָג פון באַפרייאונג האָט זיך אָנגעהויבן. דער צווייטער פראָנט האָט זיך געעפנט און האָט צוגעאיילט דעם אָנהויב פון דעם סוף — די מפּלה. אַ געשלאָגענער פון אַלע זייטן איז דער דייטש אָפּגעטראָטן ווי אַ צעבלוטיקטע, פאַרוואונדעטע חיה.

די ערטער פון די באַפרייטע געגנטן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט חורבן. ווער עס האָט געזען די שרעקלעכע בילדער פון די באַפרייטע געגנטן, ווייס עס שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מ'האָט געדאַרפט האָבן שטאַרקן גלויבן בכדי אריינצוברענגען לעבן אין די באַפרייטע געגענטן. עס פלעגן צו ערשט אריינמאַרשירן אַהין די בוי און אַרבעט'ס באַטאַליאָנען, וואָס פלעגן אויפשטעלן פּראָוויזאָרישע הייזער פאַר די צוריקגעקומענע. די

אליאירטע ארמייען האָבן זיך דערנענטערט צו מיין היימישער שטאָט באַ־ראנאָוויטש. און אָט האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן וועגן דער באפרייאונג פון באראנאָוויטש. כאָטש איך האָב ניט געגלויבט אַז עמיצער פון מיינע נאָענטע קרובים זענען געבליבן לעבן, האָב איך דאָך גלייך געשיקט בריוו אויף די אַלטע אדרעסן פון מיינע קרובים און פריינט.

פון אומעטום האָב איך דערהאַלטן — דורך די אָרטיקע מאַכט אָרגאַנען — דעם זעלבן ענטפער: „אומגעקומען דורך דעם נאַצישן אָקופּאַנט". נאָר אָט איז מיר אָנגעקומען א בריוו פון מיינעם א ווייטערן קוזין פון ביטען אין וועלכן ער שרייבט:

טייערער...

מיט א ציטערדיקער האַנט, און א צעווייטאָקט, בלוטיק האַרץ בין איך דיר מודיע אַז אַלע קרובים דיינע זענען אומגעקומען, פונקט ווי ס'איז אומגעקומען מיין פרוי און איינציקער זון. איך האָב זיך געראַטעוועט, זייענדיק א פּאַרטיזאַן אין די וועלדער. כ'וואוין איצט אין מיין שטוב, וואו יעדעס ווינקל דערמאָנט מיר מיינע אומגעקומענע, איך בין מיד, אויסגעשעפּט און צעבראָכן און וואו זאָל איך נעמען כח, ווייטער אָנצו־האַלטן דעם פאָדעם פון מיין לעבן?

דיין מענדעלעוויטש

איך האָב דעם בריוו זיינעם איבערגעשיקט צו דעם קאָמיטעט וואָס זאַמלט מאַטעריאַלן פון דער דייטשישער אחזריות. פון קאָמיטעט האָב איך באַקומען דעם דאָזיקן ענטפער:

טייערער פריינט:

— מיר פאַרשטייען דיין גרויסן צער און טרויער. דאָס איז אונזער'ס אַלעמענס צער. לאָמיר האָפן אַז די דייטשן וועלן באַצאָלן פאַר זייערע מעשים. מיר גרייטן צו א „שוואַרצן בוך" אין וועלכן די רציחות פון די דייטשן איבער דעם אידישן פאָלק וועט אויפגעדעקט ווערן פאַר דער וועלט. מיר ווינטשן אייך געזונט און כוח.

פון די פראָנטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען הונדערטער טויזנטער דייטשישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן טיפער אין לאַנד אויף אַרבעט. די דייטשישע „ריטערס" האָבן נעבאַכדיק אויס־געזען. הכנעדיק ווי א בעטלער האָט אויסגעזען דער זיגרייכער דעראָבע־רער פון גאַנץ אייראָפּע...

דער טאָג פֿון נקמה איז געקומען.

דער שונא איז שוין געשלאָגן געוואָרן אויף דער ערד פֿון די אָקופּירטע — דורך אים פֿון פֿריער — לענדער ווי פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער דייטשישער גענעראַל שטאַב האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו פֿאַרהאַלטן די אַליאירטע אַרמייען. דער דייטש האָט דערפֿילט די נאָענטע געפֿאַר, אַז די אַליאירטע אַרמייען האַלטן שוין ביים אַריינמאַרשירן אין זיין אייגענער טעריטאָריע.

דער דייטשישער זעלנער האָט מיט דער גרעסטער איינגעשפּאַרטקייט געפּרואווט פֿאַרהאַלטן דעם אָנגריף. עס זענען פֿאָרגעקומען קאַמפֿן פֿאַר יעדן הויז, פֿאַר יעדן עטאַזש. געווען פֿאַלן ווען איין שטאָק פֿון הויז איז געווען פֿאַרנומען דורך איין צד און דער צווייטער שטאָק דורך דעם צווייטן צד.

עס איז געקומען דער רוף צו די אַרמייען, זיך ניט צו לאָזן פֿאַרשיכורן פֿון די נצחונות! אַרבעטן ווי פֿריער, בכדי פֿולשטענדיק צו דערשלאָגן די בייזע שלאַנג.

איז טאַקע די אַרבעט אָנגעגאַנגען מיט דעם זעלבן טעמפּאָ און עס איז געקומען דער טאָג ווען מען האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער דייטשישער ערד.

עס איז געקומען דער רוף זיך צו האַמעווען און איינהאַלטן דער כעס. אויב נאָכגעבן די געפֿילן פֿון נקמה, וואָס האָט געברענט אין האַרץ פֿון יעדן קעמפֿער, האָט באמת ניט געדאַרפֿט בלייבן אין דייטשלאַנד קיין סימן פֿון לעבן. אפֿשר וואָלט געווען גוט אַזוי, ווייל מ׳וואָלט פֿאַרשפּאָרט שפּעטער די אַזוי קאָמפּליצירטע אַרבעט פֿון „גוט־מאַכן“...

דער ווידערשטאַנד אויף דער דייטשישער ערד איז געווען שטאַרק מצד די דייטשן. דאָך איז געקומען דער טאָג, ווען אויף דעם רייכסטאַג — אויף דעם נעסט פֿון פֿאַשיסטישן, רוצחישן צענטער פֿון וואַנען עס איז געקומען פֿאַרניכטונג און טויט — איז אַרויפֿגעצויגן געוואָרן די פֿאָן פֿון באַפֿרייאונג.

## קען מען פאַרהיילן די וואונדן ?...

5 פאַרטאָג. דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען און מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. פריינט זאָגן מיר אָן די פריילעכע בשורה, אַז דער קריג איז געענדיקט. די דייטשן האָבן פולשטענדיק קאַפּיטולירט.

אַ געפיל פון פרייד. ענדלעך! ענדלעך וועט מער ניט פאַרגאָסן ווערן קיין בלוט און עס וועלן ניט פאַלן מער קיין קעמפער אויף די שלאַכט פעלדער. עס באַפאַלן מיך אָבער באַלד שווערע געדאַנקען: יע, דער קריג איז געענדיקט ווער וועט אָבער פאַרהיילן די וואונדן פון קריג? ווי לאַנג — אויב יע — וועט עס נעמען? די וואונדן זענען דאָך פאַר דער מענטשהייט אַזעלכע גרויסע און שמערצלעכע. מיליאָנען געפאַלענע, הונדערטער טויזנטער אייביקע קאַליקעס. חרובע שטעט און דערפער. אויף אייביק פאַרלאָרענע לעבנס. און מיליאָנען יתומים און אלמנות. ליידן, ליידן אָן אַ שיעור. און האָט דען דער טייוול אויפגעגעבן זיין פּלאַן? צו וועלן אין דער צוקונפט ניט אָרגאַניזרט ווערן נייע בלוט פאַרגיסונגען? און ווי קען מען גוט מאַכן אַ וועלט וואָס האָט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געטויט מיליאָנען מענטשן אין גאַז קאַמערן און אין קאַלך אויוונס?...

עס האָבן זיך געפלאָנטערט פאַרשיידענע געדאַנקען אין מח. דאָך האָט די פרייד באַהערשט די שטימונג. איך האָב מיך גיך אויפגעהויבן און ארויס אויף די יום־טובדיקע גאַסן, וואָס זענען געווען פאַרפלייצט פון מענטשן.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעקומען אין הויז פון מאַרטאַ איוואַנאַוואַ צו פייערן דעם טאָג פון נצחון. צווישן די געסט זענען געווען אויך אַ סך פראָנט־קעמפער. איך געדענק, ווי איצט נאָך, די ווערטער, וועלכע דער רעזערוו קאַפּיטאַן אפאנאסי גריגאָראָוויטש האָט דאַן געזאָגט. דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ אינוואַליד. ער האָט פאַרלאָרן אַ לינקע האַנט. זיין פּנים האָט געטראָגן סמנים פון אַ וואונד וואָס ער האָט באַקומען פון אַן אויפרייסנדיקער מינע.

ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און זיין איינציקע דריי יעריקע טעכטערל. אויסטרינקענדיק אַ ביסל משקה האָט זיך זיין פנים פאַררויטלט, די אויגן האָבן געקראָגן אַ פייערלעכן גלאַנץ. און אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך צוויי יאָר געשלאָגן אויפן פראָנט. איך האָב געזען מיט מיינע אויגן שרעקלעכע בילדער. דאָס בלוט פלעגט פאַרקילט ווערן אין די אָדערן, צוזעענדיק וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן, עס האָט אויסגע־זען ווי דער טייוול אַליין וואָלט אָנגעזאָגט זיין קאַמף דער וועלט. וויפל בלוט האָב איך געזען מיט מיינע אויגן! וויפל פיין האָבן פאַראורזאַכט די הענקערס. דער קריג האָט זיך געענדיקט. צו קען אָבער קומען די פול־שטענדיקע נקמה פאַר די בלוטיקע מעשים זייערע? מען וואָלט געדאַרפט מיליאָנען דייטשן אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס באַנק. די ריכטער וואָלטן ניט געדאַרפט זיין קיין געענדיקטע יוריסטן. מען וואָלט געדאַרפט דעם לעצטן ווײ געשריי פון די פאַרפייניקטע און געשענדעטע לאָזן הערן, דאַן וואָלטן די הענקערס, זעענדיק פאַר זיך זייערע קרבנות, אַראָפּ פון זינען! עס קען קיין רייד ניט זיין פון נעמען נקמה! עס מוז געקעמפט ווערן פאַר אַ העלערן און ליכטיקן לעבן, ווייל נאָר אין אַנבליק פון ליכטיקייט קענען פאַרשווינדן די פינצטערע געשטאַלטן, — די מערדער פון מיליאָנען לעבנס.

אויסטרינקענדיק אַ פולן גלאָז ווײן האָט אפאַנאסעוויטש פאַרצויגן די מעלאָדיע פון „אַך, דו ווייטער, ברייטער סטעפּ"...

עס איז געוואָרן שטיל און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע. דער פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן זיינע טונקעלע שאָטנס איבער דעם צימער און אויף די מענטשן ארום. קיינער האָט ניט געטראַכט אָנצו־צינדן ליכט. עס איז גוט געווען צו זיצן אזוי אין דער האַלב טונקלקייט און טראַכטן פון די פאַרגאַנגענע טעג: דער מאַרש דורך באַראַנאָוויטש, סלאָנים, מאגילעוו, שקלאוו, ארשע, באַברויסק און סמאָלענסק. עס האָט זיך דער־מאָנט מיט צער און טרויער אָן די ברענענדע שטעט און דערפער; און די טויזנטער הײמלאָזע אויף די וועגן...

שפּעטער צו האָט מיר דערציילט אַ לעבן געבליבענער עדות פון דער שטעטעלע ליאכעוויץ וואו מיין פאָטער, שוועסטער און איר פאַמיליע זענען אומגעקומען. ה' ינקם דמם.

אין איין טאָג האָבן די דייטשן געהייסן די אידן פון שטעטל זיך צי־נויפזאַמלען אין שטאָטישן מארק. מיין פאָטער ע"ה האָט געוואוינט ניט ווייט

פון אים. ער איז צו אים אַריין און האָבנדיק דעם פּאָרגעפיל פון דעם שרעק־לעבן וואָס וועט פּאָרקומען, האָט מיין פּאָטער זיך געזעגנט מיטן שכן און צוזאַמען מיט אים געזאָגט ווידוי. יענעם טאָג האָט מען אַלע אידן אין שטעטל און בתוכם מיינע בלוט און פלייש אומגעבראַכט. איך האָב פאַרצייכנט דעם טאָג, דאָס איז דער אַכטער טאָג אין חודש חשון. דער דאָזיקער טאָג בלייבט איינגעקריצט מיט זיין טרויער אין מיין לעבן און ער גייט מיר נאָך אויף אַלע וועגן...

# צוריק נאָך פּוילן אָבער ניט אַהיים...

לויט אַן אָפּמאַך צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דער ניי געשאַפענער רע־גירונג אין פּוילן, האָבן געוועזענע פּוילישע בירגער, געהאַט דאָס רעכט אויסצואוואַנדערן אַ היים. אַ סך פון מיינע חברים, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צוריק אַ „היים". איך האָב דערליידיקט מיינע פּאַפּירן; באַ־שטימט געוואָרן צו אַ טראַנספּאָרט און מיר זענען אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן.

אַ גוטן טאָג דיר גרויסע רוסישע ערד! אַ גוטן טאָג אייך אַלעמען דאָ וואו איך האָב דורכגעפּיבערט די יאָרן פון דעם מלחמה געשפּענסט! אַ גוטן טאָג דיר גרויסער אוראַל מיט דיינע אומברחמנת'דיקע פרעסט. אַ גוטן טאָג אייך אַלעמען פריינט און באַקאַנטע. איך וועל זיך ניט מישן אין קיין פּאָליטיק אין דעם מאָמענט און וויל לאָזן פריי גיין מיינע געפילן, צו באַ־דאַנקען האַרציק פאַר די יאָרן פון ליידן און פרייד. אמת, איך האָב גע־ליטן, ניט דערעסן און געאַרבעט שווער. איך האָב אָבער אויך גענאָסן פון די פיל שיינקייטן וואָס איך האָב געזען אין דעם לאַנד. עס וועלן פאַרבלייבן אין זכרון די יאָרן פון דער מלחמה, די שוועריקייטן וואָס איך בין דאָ דורכ־געגאַנגען. איך האָב געלערנט פון דעם אַלץ פיל, ווייל ליידן לייטערן דעם מענטשן, איך האָב אויך גוטע זכרונות מיטגענומען פון די יאָרן.

מאַריאַ איוואַנאָוואַ האָט זיך האַרציק מיט מיר געזעגנט. זי האָט מיט פריינטשאַפט מיך אַרויסבאַגלייט. פאַרן אָפּפאָרן האָט זי האַרציק געזאָגט: פאָרסט אין דער ברייטער וועלט, זאָלסט כאָטש דאָרטן געפינען גוטע פריינט, וואָס זאָלן דיך פאַרשטיין אין די מינוטן ווען צער און פיין וועלן פאַרפלייצן דיין נשמה.

6 וואָכן צייט זענען מיר געפאָרן מיט'ן עשאַלאָן ביז מיר זענען דער־פאָרן צו דער פּויליש־רוסישער גרעניץ. אויף דעם וועג האָבן מיר געזען מיט די אייגענע אויגן דעם חורבן פון דעם קריג. צוזעענדיק דעם חורבן וואָס דער דייטש האָט אָנגעמאַכט, אין די שטעט און לענדער איז די סומע פון 10

ביליאָן דאָלער אַנטשעדיקונג גאַנץ נישטיק. כמעט גאַנץ ווייס רוסלאַנד וואָס מיר זענען אַדורכגעפאָרן איז געלעגן אין חורבן.

אונזער עשאלאָן פלעגט שטיין גאַנצע שעה'ן און טעג אויף די סטאַנ־ציעס. איך האָב געזען די אָרעמקייט דאָרטן. מענטשן האַנדלען מיט וואָס עס לאָזט זיך נאָר. באַגעגנסט אויך פיל פראָדוקטן פון „אונרא". באַ־געגנסט אויך פיל אידישע פנימער — די דורך ניסים לעבנגעבליבענע. איך האָב מיט זיי געפּרואווט שמועסן. דאָ זענען מיר געבאָרן, וועלן מיר שוין דאָ אויסלעבן די פּאָר יאָר — האָבן זיי דערקלערט.

איך האָב שטיל אין מיין האַרצן געבענטשט אָט די אַלע היימלאָזע, צע־וויטאָקטע און צעפייניקטע ברידער און שוועסטער און אין דער שטיל גע־שיקט זיי מיין וואונטש, זיי זאָלן אויף וויפל מעגלעך געפינען אַ טרייסט, כאָטש איך האָב אַליין געצווייפלט, צו קען זיין אַ טרייסט פאַר אונזער אומ־גליקלעכן אידישן דור...

# גלות דייטשלאַנד

(מיט דער שארית הפליטה אין בייערן)

# אויפֿן וועג קיין דייטשלאַנד

אונזער עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין באַראַנאָוויטש. מיר זענען אָנגעקומען נאָך האַלבע נאַכט. אַזוי ווי אָפּפֿאָרן האָבן מיר געדאַרפֿט ערשט אין דער פֿרי, בין איך אַוועק באַקוקן מײַן שטאָט, וואו כ'האָב געוואוינט, און פֿאַרבראַכט יאָרן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, בין איך געגאַנגען דורך שאָסיינע גאַס פֿון דער אַלטער סטאַנציע. די גאַס איז גראָדע געבליבן גאַנץ. ווייטער באַגעגן איך נאָר פּוסטע פֿעלדער. אַלע גאַסן כמעט זענען אָפּגעמעקט. אין שטאָט הערשט אַ פֿינצטערניש. וואו ניט וואו לײַכטן פֿײַערלעך פֿון הײַזער, וואָס זענען געבליבן גאַנץ און וואו לעבן פּולסירט איצט. אָט איז קאָסמאָלסקאַיאַ גאַס. (אַמאָליקע נאַרוטאָוויטשאַ). דאָ איז געווען מײַן פּלאַץ פֿון אַרבעט. כ'גיי צו אולאַנסקאַ גאַס וואו מײַן אָנקל האָט געוואוינט, דער עלטערער, אײַביק־לוסטיקער אברהם, וואָס פֿלעגט זײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט ווידמענען וואוילטעטיקע אַרבעטן. אָט איז מינסקאַ גאַס. אַמאָל האָבן דאָרט אין אַ הויף געוואוינט מײַנע אָנקלס, קוזינס און קוזינעס מיט זייערע פֿאַמיליעס. אויף די אַלע פּלעצער איז איצט פֿאַרזייט קאַרטאָפֿל... איך בין געשטאַנען און די ערטער ניט געקענט דערקענען. אַן אַלטיטשקע קריסטן וואָס האָט געהיט די קאַרטאָפֿל, האָט מיר אָנגעוויזן דעם הויף, וואו מײַנע קרובים האָבן געוואוינט אַמאָל...

איך בין אַוועק אויף דער הויפּט גאַס שעפּטיצקיעגאָ, איצט סאָוועטן גאַס, וועלכע איז געבליבן טיילווייז גאַנץ. אויף די ראָגן גאַסן האָבן געברענט גרויסע פֿײַער ־ לאָמפּן, לעבן וועלכע עס זענען געשטאַנען רויט־אַרמייער אויף דער וואַך. די גאַס איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ האַלב טונקלקייט. וואו ניט וואו האָט געצאַנקט אַ ליכט. אין פֿיל קוואַרטירן זענען געזעסן מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט און געמאַכט שוין געוויס פּלענער וועגן צוריק אויפֿבויען די שטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער רויט־אַרמייער וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך וואָלט דאָס רעשט ביסל איבערגעבליבן לעבן אין שטאָט אָפּגעהיט, אַז עפּעס שלעכטס זאָל ניט פּאַסירן.

אזוי האָט אויסגעזען מיין שטאָט באַראַנאָוויטש, וואו 25 טויזנט אידן האָבן אמאָל געלעבט. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט טונקעלע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך אויסגעשפרייט אויף אויף דעם טייל הימל: וואָס איז פון אָנהויב אָוונט געוועזן העל. א פינצטערניש האָט איינגעהילט אלץ ארום. א ווינט האָט מיט א ווילדער קראַפט גענומען יאָגן און עס האָט אָנגעהויבן פאַלן א רעגן. צו ערשט מיט דראָבנע טראָפּנס און דערנאָך אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. א מבול פון וואַסער האָט זיך א גאָס געטאָן פון דער הויך. כ׳האָב מיך צוגערוקט צו א הויז, וואו כ׳האָב זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן שוץ פון א באַלקאָן.

דער ווינט האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, מיט מער קראַפט און א ווילדן וואָיען, געיאָגט איבער דער פוסטער שטאָט. עס האָט מאָדנע רואיק זיך געפילט מיין נשמה אין צייט פון שטורעם. ס׳האָבן זיך אזוי אריינגעפּאַסט די געדאַנקען — אין אָנבליק פון דער חרובער שטאָט — צום שטורעם און שלאַקס רעגן, וועלכער האָט געגאָסן אָן אויפהער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט דערציילט דאָס אַלץ וואָס האָט דאָ פּאַסירט און זאָגט אָן, אַז ער איז דאָ דער בעל־הבית נאָך דער צעשטערונג. עס האָבן זיך געבילדעט גאַנצע קאַלוזשעס וואַסער, וועלכע האָבן זיך פאַרביטן אין פלייצנדע טייכלעך אין די רינשטאָקן.

דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן און עס האָבן זיך אָנגע־הויבן באַווייזן שטערן. כ׳האָב אויף א מינוט פאַרגעסן די פּאַסירונגען אַרום און געהאַפּט צו דערזען די שטאָט איצט א באַלויכטענע מיט די הונדער־טער שפּאַצירנדע נאָכן שלאַקס רעגן, ווי אין אמאָליקע צייטן. די פינצטערניש פון שטאָט אָבער האָט מיך דערמאָנט וואו כ׳בין. מיט שנעלע טריט האָב איך געאיילט צום עשאַלאָן.

זיי געזונט, דו הרובע און אויסגעליידיקטע באַראַנאָוויטש! איך האָב זיך געזעגנט מיט דער שטאָט דורך מיין בליק. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די שטאָט האָט מיר א „זייַ־געזונט" געזאָגט.

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ליעבאָוויטש, די שטאָט וואו מיין משפּחה האָט געפונען איר קבר. 15 מינוט איז געשטאַנען אונזער עשאַלאָן דאָ. כ׳בין אַרוים אויפן וואָקזאַל, וואו א קריסט האָט מיר אָנגעוויזן: „אָט זע" — האָט ער מיר געצייגט א נאָענטן פעלד לעבן א וועלדל — „דאָרט האָט מען אַלע אידן באַגראָבן אין איין גרויסן גרוב".

און ער האָט ווייטער דערציילט:

— „מיך פלעגט פיינלעך זיין צו קוקן יעדן טאָג, ווען מען האָט זיי געפירט צו דער אַרבעט אָפּגעריסענע און געשוואָלענע פון הונגער. ווען כ'פלעג זיי באַגעגענען, פלעג איך די אויגן צו דער ערד אַראָפּלאָזן, כ'האָב מיך געפילט ווי שולדיק פאַר זיי"...

כ'האָב באַמערקט ווי ער איז שטאַרק בלאַס געוואָרן פון איבערגעבן די דאָזיקע זכרונות... וואָס האָב איך געקענט רעדן, ענטפערן און פרעגן? כ'האָב אים אַ גוטן טאָג געזאָגט און מיטנעמענדיק דאָס שטיקל פעלד און וועלדל אויף אייביק אין מיין געדאַנק, בין איך אַריין אין מיין וואַגאָן און מיר זענען אָפּגעפאָרן ווייטער. כ'האָב קיין זיי געזונט דעם פּלאַץ ניט גע־קענט זאָגן, דאָך שעלטן ניט געקענט, ווייל דאָרט זענען געלעגן הונדערטער קדושים.

מיר פאָרן ביז ברעסלאַו, איצט וורָאָצלאַוו. די שטאָט איז זייער צע־שטערט פון באָמבאַרדירונג. דאָ קריגן מיר וואוינונגען און מיר הויבן זיך אָן איינצואָרדענען צוביסלעך. די צייטן זענען אומרואיקע אין פּוילן, די באַנדעס הוליען נאָך. דאָך שטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג דער איינפלוס פון דער רעגירונג. די אידישע אינסטיטוציעס פירן אַ שטאַרקע טעטיקייט. אַלע אַמאָליקע פּאַרטייען און גרופּירונגען האָבן אויפגעלעבט, האָבן זייערע צענטראַל קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. אפילו דער „בונד" איז תחית המתים אויפגעשטאַנען און באַמיט זיך צופּאַסן זיינע פאַר־מלחמה'דיקע פּראָגראַמען צו דער נייער צייט. כאַראַקטעריסטיש! ניט קוקנדיק וואָס אונזער טראַגעדיע אין דער וועלט־מלחמה איז אַזוי גרויס, איז קיין איין פּאַרטייעלע ניט אָפּגעמעקט געוואָרן. אַלע זענען דאָ אין קאַמפּלעט.

אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. זיי־ענדיק אָפּגעריסן פיל יאָרן פון ממשותדיקע טעטיקייטן, איז זי צוגעטראָטן מיט אַ ברען צו איר אַרבעט פאַרן קאַמף פון אַ אידישע מלוכה, וועלכע איז איצט ווי אַ נויטווענדיקייט, אין אָנבליק פון דעם שרעקלעכן חורבן.

אין פּוילן זענען די אידן לאַנג ניט פאַרבליבן. די „בריחה" האָט אָר־גאַניזירט זייער מאַסן אויסוואַנדערונג, האָבנדיק דעם ציל צו דערפירן זיי צו די ברעגן פון ישראל. אָבער ביז'ן דערגיין צו די ברעגן פון לאַנד פון די אבות, וועלכע איז נאָך געווען דאַן אונטער דער הערשאַפט פון ענגלישן מאַנדאַט, האָבן די אידן געדאַרפט אַדורכמאַכן פאַרשיידענע וואַנדערונגען איבער גרעניצן און לענדער. וואָלט די מאַסן אויסוואַנדערונג פון די אידן

ניט אָרגאַניזירט געוואָרן ווער וויים צו זיי וואָלטן ניט געהאַט פאַרבליבן אין פוילן און אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער וואו זייערע היימען זענען אַמאָל געווען. עס איז געווען אַ ווייט זעעוודיקער בליק פון דער ציוניס־טישער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע דאָס אָרגאַניזירן די אויסוואַנדערונג פון די אידן.

קיין עסטרייך האָבן געשטראָמט אַ סך אידן. מחנות'ווייז זענען זיי געקומען, מיט קליינע קינדער אויף די הענט און רוק־זעק אויף די פּלייצעס. דער באַגאַזש פון די „רייכערע" איז באַשטאַנען פון עטלעכע וואַליזעס אַ צוגאָב צום רוק־זאַק. צו ערשט פלעגן זיי אַדורכגיין אַ מעדיצין־קאָנטראָל אין ווינער ראָטשילד שפּיטאָל. מ'פלעגט דאָ געבן די ערשטע נויטיקע הילף. כ'בין ארויסגעפאָרן פון פוילן מיט אַ קיבוץ פון 500 קליינע קינדער און האָב זיך פאַרהאַלטן אין ווין צוויי וואָכן.

מיט דער רעגיסטראַציע פון די אידן, זייער אָרגאַניזירונג, מאַטעריעלע און מאָראַלישע באַזאָרגונג, האָט זיך פאַרנומען די אַזוי גערופענע „בריחה". דאָס איז געווען אַ קאָאָרדינירונג פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען. מען מוז מודה זיין, אַז די „בריחה" האָט זיך גלענצנד אַן עצה געגעבן מיט איר׳ע אויפגאַבן.

דער שטראָם פון די אויסגעוואַנדערטע היימלאָזע אידן איז געגאַנגען נאָך דייטשלאַנד, הויפּטזעכלעך אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. אַ קליינער פּראָצענט איז געגאַנגען אין דער ענגלישער זאָנע. אַ טייל איז אויך פאַר־בליבן אין לאַגערן פון עסטרייך. די אַמעריקאַנער מיליטער מאַכט האָט ארויסגעוויזן פיל הומאַניטאַרישקייט, אויפנעמענדיק די שטראָמען אידן אין איר זאָנע.

צוזאַמען מיטן קינדער־קיבוץ בין איך איבערגעטראָטן די דייטשישע ערד. מיר זענען אָנגעקומען נאָך לאַנדסוט, הונדערט קילאָמעטער פאַר מינכען. דאָ זענען געווען אויפגעשטעלט טויזנטער געצעלטן, וועלכע האָבן געדינט פאַר אַ טראַנזיט לאַגער, וואו די אידן פלעגן דאַרפן אַדורכגיין אַ 2 וואָכעדיקן קאַראַנטין און דאַן פאַנאַנדערגעשיקט ווערן אין סטאַבילע לאַגערן. דער האַרבסט האָט זיך שוין דערנענטערט. ביי טאָג פלעגט נאָך שיינען די זון, אין די אָוונטן פלעגט אין געצעלט טרייסלען אַ צאָן אין אַ צאָן. די קינ־דער פלעגן פרירן דורך דער נאַכט. מיטן צוג זענען מיר אָפּגעפאָרן פון לאַנדסוט קיין ראָזענהיים, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון מינכען.

דער טאָג, ווען מיר זענען אריבערגעפאָרן פון לאַנדסוט נאָך ראָזענ־היים איז געווען אַ העל זוניקער. די זון האָט מיט אירע לעצטע סוף זומער־דיקע שטראַלן באַוואַרעמט אַלץ אַרום. דער צוג איז געגאַנגען שנעל. די רעדער האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט און דער לאָקאָמאָטיוו האָט פון צייט צו צייט דורכגעשניטן די לופט מיט אַ שאַרפן פייף. פאַר די אויגן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פעלדער, וועלדער, דייטשישע דערפלעך און שטעט. אויף די פעלדער איז נאָך אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט ביים צונויפקלייבן דאָס יאָר גערעטעניש און פאַרזייען דעם ווינטער פאַרזוי.

אַ מאָדנער געפיל פון אויפרעגונג האָט מיך באַהערשט ווען כ׳האָב באַטראָכט די דייטשישע ערד. דער געפיל האָט שוין מיך ניט אָפּ־געלאָזן, ביז כ׳האָב ניט פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע ערד. דער גורל האָט אָבער געוואָלט כ׳זאָל דאָרט מוזן פאַרברענגען גאַנצע ניין מאָנאַטן צייט.

דער צוג איז געלאָפן און פאַר די אויגן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַנאָראַמעס. כ׳האָב ליב די נאַטור און פעלד אַרבעט. מ׳קען אָבער ניט צוקוקן גלייכגילטיק, ווען עס דערמאָנט, אַז דאָס זענען דייטשישע פויערים. ס׳דערנערווירט אפילו וואָס די זון שיינט אזוי העל און ליכטיק אויף דער פאַרשאָלטענער ערד. ס׳פּלאָנטערן זיך געדאַנקען. אָט אזוי העל האָט די זון געשיינט, די אַרבעט איז ביי זיי אָנגעגאַנגען און זיי האָבן מחנות׳ווייז מיליאָנען אידן און אַנדערע פעלקער געטויטעט. ס׳דערמאָנט זיך ביאַליק׳ס ווערטער פון דער „שחיטה־שטאָט“:

„דער גאָרטן האָט געבליט — די זון געלויכטן
און דער שוחט האָט געשאָכטן.“

די דערפער און שטעטלעך אין בייערן, וואו עס געפינט זיך דער לאַגער ראָזענהיים זעען אויס ווי אַ לעגענדע. ריין, זויבער, אַלעס זאָרגפעליק איינ־געאָרדנט. איבעראַל פּינקטלעכע דייטשישע אָרדענונג. אומעטום וואַקסן בלומען. אַ פאַלק פון מאָרד און בלומען! די וואָקזאַלן זענען פול מיט מענער. מענער איבעראַל. און דאָס לעבן גייט אָן אין פולן טעמפּאָ.

עס זעען זיך ניט די סימנים פון קריג. ס׳דערמאָנט מיך ווידער ביאַליק׳ס ווערטער פון דער אויבנדערמאָנטער פּאָעמע:

„און נאָך אַמאָל פאַר דיר אַ וועלט ווי נעכטן,
און אומפאַרשעמט גיסט אויס די זון, ווי תמיד,
פאַר יעדער שוועל, פאַר יעדער טיר, איר שפּיל ליכט,
און וואַרפט אַרויס איר גאָלד פאַר די חזירים...“

מיר קומען פאַרנאַכט אויף דער סטאַנציע. ס׳וואַרטן שוין צענדליקער לאַסט וואָגנס אונז אָפּצופירן. דער דירעקטאָר פון „אונרא״, אַן אמעריקאַנער איד, מיט אַ וואַרעם אידיש האַרץ, האָט זאָרגפעליק אַלס צוגעגרייט. מיר קומען אין לאַגער, ס׳אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז 3 שטאָקיקע סטאַנדאַרט בלאָקן, אַרומגעצוימטע מיט אַ הויכן צעמענטענעם פּלויט און אַריינגאַנגס טויער. ס׳מערקט זיך, אַז די געביידעס זענען געוועזענע קאַזאַרמעס. ביים טויער שטייען פּליכטלינגען־פּאָליציי פון אוקראַינער, ליטווינער און יוגאָסלאַוון, פון די וועלכע זענען איצט אויך געבליבן אָן אַ היים. (זיי האָבן געהאָלפן אין צייט פון קריג דעם דייטש, האָבן גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין מאָרדן אידן און איצט האָבן זיי ניט וואו צו פאָרן). מיר מאַכן אַדורך די פאָרמאַליטעטן און נעכטיקן צום ערשטן מאָל איבער אין די ערטער וואו פריער האָבן דייטשישע ס. ס. זעלנער זיך געאיבט און געשולט צו זייער רויב מאַרש.

אַן איראָניע פון גורל!

# די דייטשן האָבן ניט קיין חרטה

אָנקומענדיק קיין דייטשלאַנד האָסטו מיט אַ ספּעציעלן נייגער זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צום דייטשישן אַרט לעבן אַרום. מ׳מוז זאָגן, אַז קיין פּאָלק אָרדנט ניט איין זיין פּלאַץ צום וואוינען, זיין דאָרף, שטעטל און שטאָט, אַזוי ווי דער דייטש.

אַלץ איז דאָ זאָרגפעליק איינגעאָרדנט. ניט פּראָוויזאָריש נאָר מיט אויסרעכענונג, פונדאַמענטאַל, אויף דורות. דער דאָרף איז ניט ענלעך צו אַ דאָרף נאָר ווי צו מאָדערן־איינגעריכטעטע שטעטלעך. איבעראַל בלומען, פּאַרקן, גרינס. אַלץ סימעטעריש אויסגעמאָסטן, פּלאַנירט. דער סטיל פון דעם הייזער געבוי, איז אַזאַ אַלטער, איינגעשלאָסענער אין זיך, מיט טיפע גרויסע פאַרקאַנעס טויערן. אויפשריפטן אויף יעדן הויז: זייט געהיט פאַר בייזע הינט. דער סטיל פון דייטשן הייזער־געבוי און בכלל די דערפער און שטעט דערמאָנען אָן אַלטע שלעסער פון פריערדיקע יאָרהונדערטער, געבויט און צוגעגרייטע צום פירן קריג און פאַרטיידיקונג. די קאָמוניקאַציע און פאַרבינדונג פון איין פונקט מיטן צווייטן איז אַ פּינקטלעכע און גוטע.

גאַנץ בייערן וואו כ׳בין געווען און וועלכע כ׳האָב באַזוכט, האָט ווייניק געליטן פון קריג און כאָטש גרינס, בלומען און זויבערקייט באַגעגנסטו אומעטום, דאָך יאָגט עפּעס אַ מאָדנע קעלט פון די פלעצער אַרום. אַלץ איז ווי איינגעשלאָסן אין זיך. צוקוקנדיק באַמערקסטו ווי די איינגעשלאָסנקייט ציט זיך פון דורות לאַנג און אַנטהאַלט אין זיך קאַלטע, פאַרבאָרגענע סודות, פּלענער פון דער פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט. פּלענער פון אַמאָליקע דייטשישע קרייץ מאַרשן, יונקערטום און וועלט העגעמאָניע.

באַגעגנסט צום ערשטן מאָל דעם דייטש אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער איז שטייף אָנגעצויגן ביי זיך, דעם קאָפּ שטאָלץ אויפגעהויבן און איז מעכאַניש העפלעך. מ׳מוז מודה זיין, אַז ער איז אַרבעטסזאַם. באַגעגנסט זיי אַלעמען פון פרימאָרגן אָן איילנדיק אויף זייערע ראָבוערן צו דער אַרבעט. דער ראָבוער איז צוגעפּאַסט אויך צום איבערפירן זיין באַגאַזש און

קליינע קינדער. דאָס אַנטועכץ פון דעם דייטש אין בייערן איז פון גרינעם שטאָף, מיט פאַרשידענע אויסנייעכצן, באַהאַנגען מיט שמוק פון זילבער־קאָליר, דאָס איז זיין נאַציאָנאַלער קאָסטיום. זומער טראָגן די מענער קורצע לעדערנע ספּאָרט הויזן, פאַרפעצטע און פאַרשמוצטע. מערסטנסטייל באַגענגסטו דייטשן מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס. ס'מאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען אַ וואַנדער פאָלק. און די באַהאַנגענע זילבער שמוק גיט זיי צו דעם אויסזען פון אַ ציוויליזירטן ווילדן שבט ערגעץ וואו אין אַפריקע. זייער ריידן איז אַ טרוקענער, מעכאַניש העפלעכער. די ווערטער באַקומען זיך ביי זיי אָן וועלכער ס'איז אינטאָנאַציע און וואַרעמקייט. ווען דו פרעגסט ביי זיי וואָס עס איז, ענטפערן זיי דיר העפלעך, אָבער בלייבן דערביי אין זייער פאַרגליווערטער טרוקענער פּאָזע. אַלץ, אַלץ קומט ביי זיי אַרויס מעכאַניש העפלעך. קוקסט זיך צו און באַמערקסט, אַז דו האָסט פאַר זיך אַ מענטש־אויטאָמאַט. דאָס איז אַ ירושה פון דורות, אַזוי האָט מען אים אויסגעלערנט.

קוק זיך צו אין צוג ווען זיי פאָרן, ווי שטעכיק זיי זענען אין זייערע בליקן איינער צום צווייטן. אָט עסט ווער אַ בעסערע זאַך און זיי שטעכן אים שוין אַדורך מיט זייערע בייזע בליקן. אָט איז אַריין אַ דייטש אין אַ וואַגאָן פון צוג, וואו ס'איז איבערפולט. ווי בייז ווערן זייערע אויגן. מ'מאַכט זיי ענג. אָבער אויבערפלעכלעך בלייבן זיי רואיק און העפלעך...

קוק זיך צו, צו זייער'ס אַ קינד. פּרואוו זיך שפּילן מיט אים אַביסל. לאַך צו אים. ער וועט אייך בשום אופן ניט ענטפערן מיט אַ לאַך, ווי אַלע אַנדערע קינדער פון אַנדערע פעלקער. האָסט פאַר זיך אַ קליינעם נאָך ניט אויפגעגאַנגענעם פּרוסאַק.

כ'האָב אָפט געפּרואווט רעדן מיט דייטשן און דערמאָנען זיי זייערע אָפּגעטאָענע מעשים. הכנעה'דיק בויגט ער זיך און איז מודה אין די פאַרברעכנס וואָס זיין פאָלק איז באַגאַנגען. ער גיט אָבער צו, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן די נאַציס, די היטלער לייט. זיינע הענט זענען ריין, ער האָט אפילו ניט געוואוסט וועגן דעם אַלעם. און איך גלויב ווען מען זאָל מיט אַלע דייטשן באַזונדער דעם זעלבן געשפּרעך פירן, וואָלטן זיי אַלע זיך ריין געוואַשן און וואָלסט גאָר קיין שולדיקע ניט געפונען...

איינגעאָרדנט זענען זיי אויף לאַנגע דורות נאָך. קומסט אַריין צו אַ דייטש אין הויז וועסטו פאַרגאַפּט פון לוקסוס. פיינע געראַמע צימערן, פיינע מעבל, פּיאַנאָס, טעפּיכער, אַנטועכץ, גאַנצע שאַפעס מיט זאַפּאַסן

אויף דורות. זייער פיל שמוק. דאָס אָנגעראַבירטע פון גאַנץ אייראָפּע וועט קלעקן אויף פילע יאָרן. און אַז עס דריקט צו אַביסל די נויט, טראָגט מען ארויס צום פאַרקויפן אַ ווערטפולע זאַך. כ׳האָב ניט איינמאָל געקלערט זעענדיק זיי אַרומטראָגן צו פאַרקויפן אָט די גאָלד און פּלאַטין שמוק: ווער ווייס צו וועלכן אידן דאָס האָט געהערט. אָבער די שפּורן זענען אָפּגעווישט. יענער קדוש איז ניטאָ מער. און דער דייטש האָט ניט וואָס צו שרעקן זיך.

און ווי גוט זיי זענען איינגעאָרדנט! אזוי האַלטן זיי זיך אין איין באַקלאָגן, אַז דאָס לעבן גייט זיי איצט צו שווער. כ׳בין אַריין אין אַ דייטשישן געשעפט. אַ דייטשישע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, גוט געקליידעט האָט זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אויף די „שווערע״ באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבן. זי האָט זיך צו מיך געווענדעט מיט אירע טענות „נעבעך״, ניט פילנדיק, אַז כ׳בין אַ איד.

כ׳האָב ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט איר: מ׳זעט עס לגמרי ניט. איר זייט גוט געקליידעט, וואוינט אין פּרעכטיק איינגעאָרדנטע וואוינונגען, האָט אייערע פאַמיליע׳ס לעבן זיך. קום אין לאַגער, וואו ס׳וואוינען די פליכטלינגען, וועט איר זען דאָס שרעקלעכע בילד פון אייערע פינצטערע מעשים. זי האָט הכנעה׳דיק צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ און מסכים געווען אויף אַלץ... אזוי איז ער דער דייטש; נויגט זיך הכנעה׳דיק, איז מסכים, ווען ער זעט, אַז ער האָט קיין אַנדער אויסוועג ניט, אָבער אין האַרצן שפּינט ער ווייטער זיינע פינצטערע געדאַנקען. מיט עקל בין איך פון געשעפט ארויסגעלאָפן.

די ערשטע צייט פון אונזער אָנקום נאָך דייטשלאַנד, האָט מען געקענט באַמערקן, ווי דייטשן ווען זיי באַגעגענען אַ אידן נויגן זיי זיך פאַר אים. זיי האָבן מורא. זיי טראַכטן אַז די אידן וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען פאַר זייערע מעשים. עס איז פאַריבער אַ קליין שטיקל צייט און דערפילנדיק, אַז קיינער מאָנט פון זיי ניט קיין חשבון, פילנדיק ווי מען הויבט זיך אָן צו פאַרנעמען מיטן דייטשישן פּראָבלעם, האָבן זיי גיך דעם קאָפּ צוריק אויפגעהויבן.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און דייטשן האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן די „עוולות״ וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן דייטשלאַנד: ניטאָ קיין עסן גענוג, קיין גוטע לעבנס באַדינגונגען און נאָך פיל פאָדערונגען האָבן זיי געלאָזט הערן. דייטשע פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן חבר׳ן מיט די זעלנער און אָפּיצערן פון דער אָקופּאַציע אַרמיי און דער דייטשער איינפלוס האָט זיך געלאָזט מערקן. און ווער ווייס צו די דייטשישע פרויען האָבן ניט אויסגע־

פירט קיין געהיימע שליחות פון די אונטערערדישע נאַצי קעמערלעך, וועלכע מוזן זיך נאָך געפינען אין דייטשלאַנד גאַנץ פאַרצווייגט.

כ'האָב געקוקט אויף דעם פאָלק, וואָס האָט פאַראורזאַכט דער וועלט אַזוי פיל ליידן, פיין און קרבנות. כ'האָב ניט געפונען קיין סימן פון הרטה, קיין סימן פון בושה. שטאָלץ, פאַרהויבן דעם קאָפּ, האָפט דער דייטש אויף בעסערע צייטן...

דער דייטש האָט שנעל דערפילט, אַז קיין גרויסן חשבון מאָנט מען ניט ביי אים פאַר דאָס אָפּגעטאָענע, — האָט ער שנעל דעם קאָפּ אויפגעהויבן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן איבערפאַלן אויף אידן ערגעץ וואו אין אַ ווינקל. אין מינכען זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן נאַציש־אַנטיסעמיטישע אויפרופן. אין מינכען האָט אַ דייטשישע פרוי געמאַכט אַ בלבול אויף אַ רב. און מען האָט אים געפרואווט רייסן די באָרד.

עפנטלעך האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו רעדן, אַז די אידן נעמען צו זייער עסן און צוליב די אידן, אין די לאַגערן, הונגערן זיי.

ווען דו בינסט אָבער אריינגעפאָרן אין מינכען — אין דער שטאָט, וואו עס איז געשלאָסן געוואָרן דער טרויעריק באַרימטער מינכענער פאַקט, דער פאַרשווערונגס פאַקט קעגן דער מענטשהייט, האָסטו געזען גאַנצע גאַסן פאַרנומענע דורך אידישע אינסטיטוציעס, אָנפירנדע אינסטאַנצן ווי: צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע אידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, „דזשאָינט", אידישע אַגענטור, „אָרט", ועד הצלה, היסטאָרישע קאָמיסיע און נאָך פיל אַנדערע. ס'האָט געפרייט דאָס האַרץ און האָסט געקלערט: גראָדע אין דער שטאָט, וועלכע איז די ערשטע געוואָרן אידן ריין, האָבן זיך צעבליט די אידישע אינסטיטוציעס, וואָס פירן אָן מיט די הונדערטער טויזנטער אידן אין די לאַגערן. אַן איראָניע פון גורל!

# די לאַגערן פון דער שארית הפליטה
# אין בייערן

אין דער אַמעריקאַנער זאָנע האָבן זיך באַזעצט אין די די לאַגערן, אַן ערך, 200.000 אידישע פּליכטלינגען. די פּליכטלינגען האָבן צונויפגע־שטעלט 4 קאַטעגאָריעס לעבן געבליבענע. די ערשטע קאַטעגאָריע, גע־ראַטעוועט זיך אין סאָוועטן־רוסלאַנד. די צווייטע, וואָס איז געווען אין דער סאָוועטישער אַרמיי. די דריטע, פּאַרטיזאַנער און די פערטע האָט גע־לעבט אויף אַרישע פּאַפּירן, אָדער געבליבן לעבן צופעליק אין די טויט לאַגערן וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון דעם פּלוצלינגדיקן אָנקום פון די אַליאירטע אַרמייען. דער גרעסטער פּראָצענט געראַטעוועטע האָבן איצט געלעבט אין די לאַגערן. אַ קליינער טייל נאָר האָט געוואוינט אין די דייטשישע שטעט, וואו ס'האָט געהערשט אַ געזעץ צוצושטעלן דירות פאַר די באַפרייטע אידן פון די קאַצעטן. די לאַגערן זענען געווען אין געוועזענע מיליטער קאַזאַרמעס פון דער דייטשישער אַרמיי און אין געוועזענע באַראַקן וואו די דייטשן האָבן פריער געהאַט זייערע צוואַנגס אַרבעטס לאַגערן. מיט דער באַקליידונג, באַשפּייזונג און אַלע איבעריקע פּראָבלעמען פון די פּליכטלינגען האָט זיך פאַרנומען די „אונרא".

די „אונרא" איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע הילפס אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון אַ ריי מלוכות, צו זאָרגן פאַר די פּליכטלינגען, אויסגעוואָרצלטע אין צייט פון קריג פון זייערע היימען. די „אונרא" איז געווען אַ שטיקל ענטפער פון די פעלקער וועמענס געוויסן ס'האָט געפּייניקט, פאַר דער בלוט־שפּיל צו וועלכער מען האָט דערלאָזן, אויפהאָדעווענדיק אַזא גיפטיקן שלאַנג ווי דער נאַציזם און צו וועמענס אויפוואוקס מען האָט זיך רואיק צוגעקוקט מיט פאַרלייגטע הענט.

דורך דער „אונרא" איז אויך געגאַנגען די הילפס אַרבעט פון „דזשאָינט" און אידישע אַגענטור, וועמענס טעטיקייט האָט זיך געלאָזט פילן אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די אידן אין די לאַגערן.

ס'פלעגן טרעפן פאַלן, ווען די באַאַמטע געשיקטע פון „דזשאָינט" און אידישער אַגענטור, האָבן זיך גערעכנט אין דער ארבעט ווי בלויז אַדמיניס־טראַטאָרן, און האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן צו טאָן אין די לאַגערן מיט דעם רעשט געבליבענעם אידנטום פון פוילן און ליטע, וואָס האָט גע'שמ'ט אַמאָל פאַרן פערל פון וועלט אידנטום. אַדורכגייענדיק אַזוי פיל פּיין און ליידן, האָבן זיי נאָך באַוויזן צו פאַרמערן און פאַרשענערן זייערע גייסטיקע ווערטן. ס'פלעגט קומען צו שטרייטן מיט די באַאַמטע. מ'פלעגט די באַ־אַמטע צופּאַסן צו זייערע אויפגאַבן און אויב דאָס איז געווען אוממעגלעך, האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע פּלעצער.

כ'וואָלט געוואָלט מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די לאַגערן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לאַגער נאָר פון אויסערלעכן אויסזען. ווען דו קומסט אריין אינעווייניק, און דו באַקענסט זיך מיט די מענטשן, זייער לעבן און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט וועלכע זיי פירן, באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי דו וואָלסט פאַר זיך געהאַט אַן אַמאָליקע קליין אָדער גרעסער פּויליש־שטעטל מיט איר קאָמפּאַקטן אידישן ישוב. אידן מיט זייער זאַפטיקן אי־דיש, מיט זייערע אַלטע שיינע טראַדיציעס, מיט ליבע איינער צום צווייטן.

די ליידן האָט זיי פאַרשענערט, דערנענטערט איינער צום אַנדערן; גע־מאַכט אַן איבערברוך אין זייער אַרט דענקען, ביי דעם גרעסטן טייל איינ־געפלאַנצט ליבע צו אַרבעט. אַלס ביישפּיל קען דינען דער פאַקט, וואָס אין די לאַגערן פלעגן הונדערטער אידן באַלאַגערן טאָג־טעגלעך די אַרבעטס אַמטן, צו בעטן אַרבעט. ליידער פלעגט נאָר זיין אַרבעט פאַר אַ 25־20 פּראָ־צענט פון די לאַגער איינוואוינער.

איך פּרוביר אַריינגיין אין לאַגער און גיי זיך אַדורך פון צימער צו צי־מער. זע! דער ערשטער איינדרוק איז אָרעמקייט, אָרעמקייט אָן אַ שיעור. ניטאָ קיין גערוימע וואוינונגען, קיין געהעריקע מעבל, קיין געהעריקע קליי־דונג און נאָך פילע מינימאַלע זאַכן, וועלכע דער מענטש באַדאַרף האָבן. אָבער קוק זיך צו נענטער צום אָרעמען ווינקעלע, — צום לעבן פון די מענטשן, זע, וויפל וואַרעמקייט געפינט זיך ביי זיי, וויפל אידישקייט, וויפל שטאָלץ און עקשנות'דיקער ווילן צו פאַרלייגן אַן אייגן ווינקעלע, אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד, אַ היים, אַ צייטווייליקע היים מיט אידישן געשמאַק און אידישן גייסט.

גיי ווייטער און וועסט זען, אַז כאָטש דער מאַנגל אין דירות איז גרויס, דאָך שניידט מען אויס אַ ווינקל פאַר אַ לייען זאַל, פאַר אַ ביבליאָטעק, פאַר

אַ קינדער גאָרטן, פאַר אַ טעאַטער אפילו. פרעגסטו פון וואַנען האָבן זיך גע־נומען דאָ ביבליאָטעקן מיט ביכער פון אונזערע קלאַסיקער? איבערזעצונגען פון קלאַסישע ווערק פון אַנדערע פעלקער? פון וואַנען איז אויסגעוואַקסן אַ זאַל פאַר אַ טעאַטער, דעקאָרירט מיט טעפּיכער און בילדער?

און אָט איז די שול פון לאַגער, אַ שול מיט פילע צימערן, מיט טאָוו־לען, מיט שול בענק. אָנגעפּאַקט מיט אידישע יאָסעלעך, משה'לעך, רבקה'־לעך און רחל'עך. אָט איז דער פּעדאַגאָגישער צימער פאַר די לערער, לערער פון אַמאָליקע אידישע שולן אין פּוילן און ליטע און נייע „פריש־געבאַקענע", וועלכע האָבן צוליב מאַנגל אין קוואַליפיצירטע כוחות זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

גיי ווייטער און זע, אָט זענען פּאַרשפּרייט קיבוצים פון יוגנטלעכע ציוניסטישע גרופּן, וועלכע זענען זיך מכשיר צו פאָרן קיין ארץ ישראל. גיי אַריין צו זיי, און דו וועסט דערפילן דעם אידישן גייסט, די אמונה, די אידייע פון בויען אַ צוקונפט פאַר זיך. אין אָוונט הערן זיך אידישע מע־לאָדיעס, חלוצישע הויראַס, געזאַנגען פון איין עק לאַגער צום צווייטן.

און דו וועסט ביי זיך האָפּערדיקער. דו קלערסט און זעסט אויפן וואָר: עם ישראל חי!

גיי ווייטער איבערן לאַגער און זע: אָט זענען צימערלעך ענגערע און גרויסערע, וואו עס וואוינען גרעסערע און קלענערע אידישע משפחות. זיי וואָלטן געקענט דערציילן גאָר אַ סך. יעדער האָט אַ באַזונדערע איבערלע־בונג. עס קלינגט ווי אַ וואונדער מעשה, און וואָס די פאַנטאַזיע פון גרעסטן שרייבער קען גאָר נישט אויסטראַכטן. אויסערלעך זענען זיי געבליבן רואיק. זיי קלאַמערן זיך מיט אַלע קרעפטן צו בלייבן אידן און אָנהאַלטן דאָס שטיקל לעבן. און דו פרעגסט: וואו איז דער קוואַל פון וועלכן די דאָזיקע אידן האָבן געשעפּט זייער בטחון און זייער עקשנות צו קענען זאָגן: עוד לא נתקה השלשלת?... זיי ווייסן: דאָס זענען די קוואַלן פון אידישקייט, אי־דישע היסטאָריע, אידישע שפּראַך, אידישע טראַדיציע, ליטעראַטור און ביי אַ סך — די אידישע אמונה. בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון נעכטן, וועלכע האָבן דערמאָנט דאָס אידישע לעבן פון טאַטן און זיידן, וואָס איז איינגעוואָרצלט ביי אָט אַ־די לעבן געבליבענע אידן. זיי האָבן געשעפּט פון אַ גייסטיקן קוואַל, וועלכער איז ניט אויסגעטריקנט געוואָרן פאַר 2,000 יאָר גלות. דאָס האָט זיי געגעבן בטחון און אמונה! און בלייבנדיק ביים לעבן, האָבן זיי אפילו אין גרויען טאָג־טעגלעכן לעבן פון לאַגער, אָנגעהויבן ווײ־

טער שפּינען דעם פֿאָדים פֿון אידישן גייסט, שפּראַך, טראַדיציע און האָבן ניט אויפֿגעגעבן די שטרעבונג צו אַ בעסערן און אַ שענערן לעבן.

און זע! אין פֿיל אַמעריקאַנער לענדער — נאָך די אַלע מורא'דיקע אי־בערלעבונגען, — איז די אידישע יוגנט, דאָס רוב, אַסימילירט, קענען ניט די אידישע שפּראַך, אידישע היסטאָריע און זייער גאַנצע אידישקייט באַ־שטייט נאָר אין פּראַווען רייכע בר־מצוה'ס. קלערסט: האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געלערנט פֿון דער האַרבער ווירקלעכקייט? וואָס פֿאַרא ווידערשטאַנד'ס פֿייאיקייט פֿאַרמאָגט אַזאַ יוגנט? אויף וויפֿל איז זי פֿאַרבונדן נאַציאָנאַל מיטן אידישן פֿאָלק?

מ'קען ניט פֿאַרלייקענען: פֿאַראַן שאָטן זייטן אויך אין לעבן פֿון די לאַ־גערן. מחלוקת'ן, שפּעקולאַציע, מאָראַלישע שוואַכע זייטן, אָבער ווער קען ריידן וועגן דיזע אין אַנבליק פֿון דער לאַגע פֿון די אידן אין די לאַגערן, וואָס זיי זענען אויסגעשטעלט אויף די טעגלעכע ראַציאָנען פֿון דער „אונררא“.

כ'האָב איינמאָל באַגעגנט אַן עלטערן אידן אין לאַגער ארומגיין און האַנדלען. „וואָס פֿאַרקויפֿט איר זיידעניו?“, האָב איך אים געפֿרעגט. פֿון אַלץ צו ביסלעך, — האָט ער מיר געענטפֿערט. — און ער האָט צוגעגעבן: כ'בין פֿון פֿאַך אַ גוטער שלאָסער, אָבער וואו זאָל איך פֿאַרקויפֿן מיינע הענט?

אין די פּליטים לאַגערן פֿון דייטשלאַנד ווערט געפֿירט אַ פֿאַרצווייגטע קולטורעלע אַרבעט. עס דערשיינען פֿיל טעגלעכע, וועכנטלעכע און חודש זשורנאַלן. מען קען מיט שטאָלץ זאָגן, אַז אין די לאַגערן דערשיינט פֿיל מער אידישע ליטעראַטור ווי אין רייכן אידישן ישוב אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן. אין יעדן לאַגער איז טעטיק אַ דראַמאַטישער קרייז, כאָר. עס ווערן אָפֿט געגעבן פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן. אין מינכען עקזיסטירט אַ צענ־טראַלער דראַמאַטישער טעאַטער און רעפּרעזענטאַנץ אָרקעסטער. עס עקזיס־טירן ספּאָרט קלובן און ספּאָרט דרוזשינעס.

דער „אָרט“ פֿירט אַ פֿאַרצווייגטע טעטיקייט, אָרגאַניזירנדיק אין פֿיל לאַגערן פֿאַרשיידענע פֿאַך שולן, אויסבילדונג'ס און דערגענצונגס קורסן. טויזנטער קינדער און עלטערע לערנען זיך אַ מלאכה, אָדער דערגענצן זיי־ערע קוואַליפֿיקאַציעס.

מיט די אַרבעט אין די לאַגערן פֿירן אָן אָרטיקע קאָמיטעטן, געוויילט־טע אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פֿון אַלע איינוואוינער פֿון לאַגער. דער לאַגער קאָמיטעט האָט באַזונדערע רעסאָרטן פֿון אַרבעט ווי: באַשפּייזונג'ס

רעסאָרט, באַקליידונג׳ס, וואוינונג׳ס, קולטור, פּראָדוקטיוויזאַציע און אַנדערע.

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז די „קאָמיטעטשיקעס“ האָבן ניט אַזאַ גוטן שם. אביסל, צוליב טאַקע אָפּטע „טעות׳ן“ וואָס זיי מאַכן מיט פּראָדוקטן און קליידונג און אַביסל וואָס די לאַגער איינוואוינער האָבן צו פיל פרייע צייט נאָכצוקוקן וואָס עס קומט פאָר ארום זיי.

בראש פון די לאַגער קאָמיטעטן שטייט דער צענטראַל קאָמיטעט פון די אידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, וועמענס זיץ אָרט איז מינכען.

איך וויל עפּעס דערציילן וועגן אַ קינדער לאַגער. אין דעם לאַגער געפינען זיך ביז 1.200 אידישע קינדער, פון פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, אָנהויבנדיק פון דער פרומער „אגודה“, „מזרחי“ ביז דעם „השומר הצעיר“ און „דרור“, דאָך איז געפונען געוואָרן די געמיינזאַמע שפּראַך פון זיך צוזאַמענרעדן און אויך צוזאַמענאַרבעטן. דער לאַגער איז אַ מוסטער פון אָרדענונג, דיסציפּלין און אָרנטלעכקייט פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער זאָנע. מיט דעם לאַגער פאַרוואַלטעט אַן אַמעריקאַנער אידישע פרוי, וואָס כאָטש ניט קענענדיק קיין אידיש, האָט זי דאָך באַוויזן אין צייט פון איר אַרבעט, זיך צוזאַמענלעבן מיט די אידן און צו פאַרשטיין זייער לעבן, פּראָבלעמען און נויטן. זי איז אזוי באַליבט אַז מען רופט זי די מאַמע פון לאַגער, און דעם לאַגער רופט מען אויף איר נאָמען. אין די צימערן פון לאַגער זענען אויסגעשפּרייט די קינדער קיבוצים, קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער און יעדער מיט באַזונדערע איבערלעבונגען. ווער אַ יתום, ווער אַ האַלבער יתום. ווער עס איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן, ווער ס׳האָט שוין באַוויזן צו זיין אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער; און ווער עס האָט געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי מען האָט טאַטן און מאַמען פאַרברענט. ס׳איז אַ באַזונדערס שווערער פּראָבלעם מיט די קינדער צו אַרבעטן. די אַגענטור האָט דעלעגירט צו הילף אַ פרוי, אַ דר. פּסיכיאַטאָר. די קינדער האָבן באַקומען אַ חלוצישע צוגרייטונג און דערציאונג צו פאָרן קיין ארץ ישראל. די מזכירים זייערע, יונגע מיידלעך און בחורים, מיט די זעלבע איבערלעבונגען ווי די קינדער, אָפּט אַליין נאָך קינדער, לויט זייערע יאָרן, האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דערציאונג פון די קינדער, און געוואָרן זייערע טאַטעס און מאַמעס. די עלטערע קינדער באַזוכן די „אָרט“ שולן און די קלענערע, די אַלגעמיינע בילדונגס שולן.

דער לאַגער ווערט אָפּט באַזוכט פון אַמעריקאַנער אידן און אָפיצערן פון דער אָקופּאַציע אַרמיי. די אַמעריקאַנער, ווי זייער טבע, נעמען מיט

זייערע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און „פּיקטשעווען" די קינדער פון אַלע זייטן. אַ גרויסע צאָל קינדער זענען פון דעם לאַגער געפאָרן מיט דער שיף „יציאה", אויפן אומלעגאַלן וועג קיין ישראל.

פאַרן פאַרלאָזן דעם לאַגער האָט די דירעקטאָרין געוואָלט, אַז כ'זאָל איבערנעמען איר אַרבעט, איך האָב איר ניט אָנטזאָגט. כ'האָב דאָרט פאַר־בראַכט ניט קיין פולן יאָר און געווען צופרידן צו איבערגעבן זיך פאַר אַן אַרבעט, וואו כ'האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טאָן עטוואָס פאַר מיינע ברי־דער און שוועסטער. מיך האָט געוואַרעמט די אַרבעט און די אָפּשאַצונג וועלכע כ'האָב באַקומען פון די לאַגער אידן. כ'קען זאָגן, אַז גראַד אין לאַ־גער (ווי קאָמיש ס'וועט אפשר וועמען אויסווייזן), האָב איך פאַרבראַכט אינטערעסאַנטע אָנגענעמענע גוטע חדשים אין אַ וואַרעמער סביבה, וואו מען האָט זיך געקענט אויסלעבן אידישלעך, און אַרבעטן פאַרן אידעאַל פון אַ אידישער געזיכערטער היים אין ארץ ישראל.

אויפן געזעגענונגס אָוונט צו מיין אָפּפאָר, האָבן זיך די אידן וואַרעם און האַרציק מיט מיר געזעגנט. און כאָטש כ'בין איצט ווייט, ווייט פון דאָרטן, זען איך דעם לאַגער פאַר די אויגן און ס'בענקט זיך נאָך יענע מענטשן.

# דער כוח פון די לאַגער - אידן

אריבער 200 טויזנט אידן האָבן זיך באַזעצט אין די לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע אין דייטשלאַנד.

געקומען זענען די אידן פון פאַרשיידענע לענדער, געוואַנדערט איבער גרענעצן און זאָנעס. ס'איז געווען ווי אַ מין יציאת מצרים: אַלטע און אינ־גערע, בחורים און מיידלעך, ווער מיט קינדער פאַרן האַנט און ווער אויפן האַנט געטראָגן. מיט רוקן־זעק אויף די פּלייצעס און שווערע שטיוול אָדער וועג־שיך אויף די פיס. די גרענעצן זענען פול געווען מיט אידן.

די הגנה, די אַזוי גערופענע „בריחה", האָט אָנגעפירט מיט דער יציאת אייראָפּע.

דער זעלנער, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער גרענעץ, איז געווען אָנמעכטיק. דער חבר פון דער „בריחה" האָט געהערשט. ער גיט אַ קאָ־מאַנדע, דער שלאַבאַן הויבט זיך אויף און די אידן גייען אריבער. מ'לאָדט זיך אין עשאַלאָנען, באַזונדערע וואַגאָנען פאַר יעדער גרופּע. אינפאָרמאַציעס, קורצע באַפעלן. מ'צעטיילט פּראָדוקטן אויפן וועג, פאַר די קינדער קאָלד־רעם צום איינוויקלען אויף ביינאַכט, און אַ צוגאָב: שאָקאָלאַד, עפּל און אַנ־דערע שפּייזן.

דער עשאַלאָן רירט זיך פון אָרט. ס'קומט אוים פאַרשיידן: אַמאָל מעג מען אָנצינדן ליכט, פירן געשפּרעכן און אַמאָל מוז זיין פולשטענדיק פינצ־טער און שטיל.

טאָמער פרעגט מען פון וואַנען מען פאָרט, דאַרף מען ענטפערן פאַר־שידן, אַמאָל זענען מיר פּליטים פון גריכנלאַנד, פון טערקיי, אַמאָל פון אַנדערע לענדער.

וואוהין שטראָמען די אידן? דאָס זענען קאַדרען פאַרן ארץ ישראל'דיקן ישוב.

די וואַנדערער האָבן געקענט בלייבן אין פּוילן, אין רומעניע, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד. זיי וואַנדערן אָבער אַרוים קיין ישראל.

אייראָפּע איז דורכגעזאַפּט מיט אידיש בלוט; קול דמי אחיך צועקים

אלי מן האדמה. דער געשריי גייט אויף, שפּאַלט די הימלען, וויל זיך ניט איינשטילן!

די אידן וואַנדערן אויס!

ס'קומען פּאָר געהיימע פּלאַנירטע אויסוואַנדערונגען, ס'קאָנצענטרירן זיך די כוחות אויף צו שטורעמען די ברעגן פון ארץ ישראל! ענגלאַנד פּילט, וואָס עס קומט פּאָר. זי זעט אין די שטראָמענדע עשאַלאָנען, א כוח וואָס גייט שטורעמען די ברעגן פון ארץ ישראל. ענגלאַנד בעט הילף ביי די לענדער פון אייראָפּע, פון וואַנען עס גייט דער אויסוואַנדערונגס שטראָם, צו העלפן איר קעמפן קעגן דעם כוח. אָבער די ענגלישע אימפּעריע איז אָנמעכטיק. די הגנה גרייפט אָן, די עשאַלאָנען לויפן, יאָגן.

מחנות אידן וואַנדערן! אידן ווייזן זייער כוח!

אידן קאָנצענטרירן זיך אין איין פּונקט. אין די לאַגערן, אין בייערן. דאָס איז די באַזע פאַרן אָנגריף אויף די ארץ ישראל'דיקע ברעגן.

צענדליקער לאַגערן מיט הונדערטער טויזנטער אידן. פּאַר זייערע אויגן זעען זיי די הייליקע געשטאַלטן פון זעקס מיליאָן קדושים. של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד קדוש הוא. הייליקע פּלעצער זענען די לאַגערן. דאָס זענען איבערגעבליבענע פון געטאָ און קאַצעט, פּאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפער.

ווער איז עס, דער קורצזיכטיקער, וואָס האָט נאָר אויפגעכאַפּט די „שלעכטע" זייטן פון לאַגער־לעבן, ווי ספּעקולאַציע, מחלוקת'ן וכדומה? אָט זעסטו פאַר זיך פיל קינדער פון א ציוניסטישן קינדער־לאַגער, זע! זיי זענען דאָך גאָר קיין קינדער ניט! זע, זייערע אויגן, זייערע בליקן, זייער אויפנעמען זאַכן! דאָס זענען דאָך באַוואָפנטע חלוצים, וואָס וועלן אדורכגיין פאַרביי דער מחנה!

ווער זענען עס די יוגנטלעכע אָרגאַניזירטע אין די חלוצישע קיבוצים?

דאָס זענען דאָך די קאַדרען פאַר דער קומענדיקער, אויפגייענדיקער מדינת ישאל.

אָט זענען טאַטעס און מאַמעס, זע ווי אויסגעשעפּט זיי זענען! אָבער דאָך ניט צוזאַמענגעבראָכן. זיי האָבן דאָך יעדערער א העלפט אָדער אינגאַנצן די משפּחה פאַרלאָרן! קברים איבער גאַנץ אייראָפּע פאַרזייט. זיי דערציילן אָבער גאָרניט וועגן דעם, מ'רעדט ניט, מ'שטייט אין קאַמף פאַר דער צוקונפט!

דאָס איז ניט קיין קאַמף פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן פון די אויסגע־וואָרצלטע. דאָס איז די הילף פאַר דעם קאַמף פון א אידישער מלוכה!

וואָרום פון די לאַגערן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, פון איטאַליע און ציפערן, האָבן געשטראָמט צענדליקער טויזנטער מעפּילים צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

די ים'ען שטורעמען, טראָגן שיפן, קריגס־שיפן מיט מעפּילים, די שיפן זענען געפּאַנצערט מיט אידעאַל און עקשנות צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ ישראל. און זיי האָבן דערגרייכט! און זיי האָבן געזיגט!

# אין דייטשלאַנד טאָר ניט בלייבן קיין איין איד !

אין דייטשלאַנד שענדעט מען אידישע בית־עולמ׳ס!

אין דייטשלאַנד הויבן די דייטשן, די פאַרבאָרגענע נאַציס, אויף די קעפּ. זיי פּריידיקן אָפן נאַצישע לאָזונגען. דייטשן וואַגן שוין, האָבן די חוצפּה צו זאָגן אַז היטלערס אויסראָטונגס פּראָגראַם, בנוגע אידן, איז געווען באַרעכטיקט. שוידערט עס אויף דער אידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין גאָר דער וועלט.

ווי איז אַזאַ זאַך מעגלעך?

איך וויל קודם כל זאָגן: מיך הויבן ניט אָן צו אַרן די דייטשישע שאַנד טאַטן פאַר דער לעצטער צייט. ווייל וואָס, אומשטיינס געזאָגט, קענען זיי אונז מער טאָן, ווי זיי האָבן שוין אונז אָפּגעטאָן? אָדער בעסער געזאָגט: מיט וואָס קענען זיי זיך שוין מער באַפלעקן, ווי זיי האָבן זיך שוין באַפלעקט? וואָלט איך געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס די דייטשן זענען באַזיגט געוואָרן, איז אויך באַזיגט געוואָרן זייער היה׳שער ווילדער אינסטינקט און ווילדע מאָראַל פון מאָרדן, רויבן און שטעלן זייער ראַסע העכער איבער אַלעמען, וואָלטן מיך אויפגעשוידערט זייערע לעצטע וואַנדאַלישע אַקטן פון צוריק שענדן אונזערע בית־עולמ׳ס.

אָבער לאָמיר קלאָר מאַכן נאָך אַמאָל פאַר זיך אַ בילד: אַ פאָלק האָט גערויבט און געמאָרדעט יאָר נאָך יאָר; טאָג איין, טאָג אויס, נאַכט איין, נאַכט אויס — מיליאָנען; קוימענס האָבן גערויכערט ניט אין די וויסטענישן פון סאַהאַראַ, צו ערגעץ וואו אין טאיגע, נאָר אין האַרץ פון דייטשע באַזעסענע שטעט, וואו אין די פאַבריקן פון טויט און גאַז פאַרניכטונג, האָט מען גע־ברענט קינדער, פרויען, אַלטע לייט, פּראָפעסאָרן מיט באַזילבערטע האָר אויפן קאָפּ און קינסטלער פון וואָרט, פון מוזיק און שריפט. דאָס איז געטאָן געוואָרן פאַר די אויגן פון גאַנצן דייטשישן פאָלק. דאָס דייטשישע פאָלק איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין די באַרויבטע זאַכן פון די פאַרברענטע קרבנות אין

די גאַז קאַמערן. דאָס דייטשישע פֿאָלק האָט זיך אומפֿאַרשעמט באַנוצט מיט מיליאָנען שקלאַפֿן געבראַכט פֿון די אָקופּירטע לענדער. דאָס דייטשישע פֿאָלק האָט געוואוסט וועגן אַלעם וואָס עס קומט פֿאָר אין דער וועלט, פֿון די בלוטיקע מעשים פֿון די נאַצים, און זיי האָבן געשוויגן.

איז וואָס איז דער געשריי? וואָס איז די פֿאַרוואונדערונג, ווען זיי שענדן איצט אַ בית־עולם?

אַמאָל האָט אַ פּאָגראָם אויף אידן געדויערט אַ קורצע צייט, אַ טאָג, צוויי טעג, דערנאָך האָט די רעגירונג זיך באַמיט צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון די וואַנדאַלישע אַקטן. דייטשלאַנד האָט 8 יאָר גערויבט און געמאָר־דעט טאָג איין, טאָג אויס, נאַכט איין, נאַכט אויס און האָט עס באַגרינדעט מיט אַ לערע פֿון אירע טעאָרעטיקער און „קולטור" און „וויסנשאַפֿט" טרע־גער. איז וואָס איז דער געשריי, ווען זיי שענדן איצט אַ בית־עולם?

אין שפּאַניע האָט מען אַמאָל געברענט אויף שייטער הויפֿנס אידן, צווינגענדיק זיי צום שמד. מען האָט זיי געגעבן אַ ברירה צום לעבן, — שמד'ן זיך. און דאָך ווען די אידן האָבן פֿאַרלאָזט שפּאַניע האָט דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל, פֿירנדיק די אידן פֿון דאָרטן, זיך אויסגעדריייט צו דער אינ־קוויזיציע לאַנד און געזאָגט: איך פֿאַרשעלט דאָס לאַנד און זאָל קיין פֿוס פֿון קיין אידן דיך מער ניט באַטרעטן!

היטלערס נאַצי דייטשלאַנד האָט קיין ברירה די אידן ניט געגעבן, צו־גערויבט דאָס געלט, געשענדעט אונזערע טעכטער און פֿרויען, מוטערס און קינדער, אויסגענוצט זייערע פֿיזישע כּוחות און דערנאָך געשיקט זיי אין די קאַלך אויוונס. פֿאַרשאָלטענע דייטשלאַנד! דאָס אידישע געלט איז גע־ווען גוט, פֿון אידישע ליבע האָט מען געמעגט געניסן, אידישע אַרבעט האָט מען אויסגענוצט, אָבער דעם טויט האָט מען זיי צום סוף געגעבן. איז פֿאַר־וואָס זאָלן אידן ניט אַרויס פֿון דייטשלאַנד? וואו איז דער היינטיקער דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל, וועלכער זאָל פֿאַרשעלטן דייטשלאַנד און אַרויספֿירן די אידן?

איך ווייס, מען וועט פּרואוון מיט מיר דיסקוטירן, אַז ניט אַלע דייטשן זענען שולדיק, אַז מען פֿירט איצט איין אין די זאָנעס דעמאָקראַטיע און מען דערציט דעם דייטש צו אַן אַנדער אַרט דענקען. איך ווייס עס אַלץ. מען דאַרף די דייטשן ניט אויסהרגענען, — ניטאָ בכלל קיין שטראָף פֿאַר די דייטשן, פֿאַר זייערע מעשים וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן צו אונז, אידן. וואָלטן

די דייטשן חרטה געהאַט אויף זייערע מעשים וואָלטן זיי הויך אויסגע־שריען זייער חרטה געשריי און פאַרשעמטערהייט די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן... אָבער איך האָב די דייטשן געזען אין בייערן — ווי הויך פאַר־ריסן זיי שפּרייזן.

איז צו וואָס די אומזיסטע אויפרעגונג. זאָלן אידן ארויס פון דייטשלאַנד! קיינער דאַרף זיי ניט דאָרט און קיין איד דאַרף ניט דייטש־לאַנד. צו וואָס בויען דאָרט קהילות און רבנים זאָלן פאָרן איבערנעמען די פירערשאַפט.

אידן, ארויס פון דייטשלאַנד! מיר האָבן אַן אייגן לאַנד! און אויב ניט אַהין, איז וואו יעדערער וויל, אָבער מיט דייטשלאַנד לאָזט אָפּ כאָטש אויף אַ יאָרהונדערט. זיי וועלן זיך די „יעקעס" באַגיין אָן אונז און מיר קענען זיך ברוך השם פאַרגינען באַגיין אָן זיי. איך גלויב, אַז אונזערע קדושים פאָדערן עס פון אונז. יע! סימבאָליש דאַרף מען די קברים אויך איבערפירן. זיי זאָלן זיי מער ניט קענען שענדן.

# קובאַ

(אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט)

# פאַריז

כ'בין פון דייטשלאַנד ארויסגעפאָרן קיין פּאַריז מיטן אינטערנאַציאָ־נאַלן שנעל־צוג. כ'האָב פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען כ'האָב באַטראָטן דעם פראַנצויזישן באָדן. ניטאָ מער קיין דייטשן וועגן וועלכע כ'האָב קיין גוט וואָרט ניט געקענט זאָגן אפילו ביי מיין ארויספאָר.

פּאַריז דערפרישט. די אַלטע היסטאָרישע שטאָט פון קולטור, אריס־טאָקראַטיע און רענעסאַנס, די שטאָט פון לוקסוס און וויין, רייצנדע פרויען און אויסטערלייש שיינע געגנטן. די שטאָט וואו עס איז געשטאַנען דאָס ווי־געלע פון דער רעוואָלוציע. פּאַריז מיט אירע דענקמעלער, פון באַרימטע דענקער, דיכטער, רעוואָלוציאָנערן און מאַרטירער. פּאַריז, די שטאָט פון גראַציעזקייט און מאָדערניזם, מיט אירע ברייטע בולוואַרן און עוועניוס.

פּאַריז מיט איר משונה'דיקער באַוועגונג, אָבער דאָך אָן גערויש פון שטאָטישן הו־הא, ווי אין אנדערע רוישיקע הויפּט שטעט. די מעטראָ פאַרבינדט די שטאָט שנעל און באַקוועם.

די פראַנצויזן זענען העפלעך ביזן העכסטן גראַד. אין קעגנזאַץ צו דער דייטשישער העפלעכקייט, איז זי ביי זיי אָן אינערלעכע אויפריכטיקייט. דער דייטש איז דאָ פאַרהאַסט, מען דערמאָנט אים מיט פאַרביטערונג און עקל. און שווער איז זיך פאַרצושטעלן נאַצישע סאָלדאַטן שטיוול אויף די פאַריזער גאַסן. די שפּורן פון קריג זענען נאָך ניט פאַרהיילט, עס עק־זיסטירן נאָך שפּייז קאַרטן. דער אַרבעטס לוין איז אַ קליינער. באַמערקסט רייען נאָך ברויט און עס פאַרדריסט ממש וואָס דאָס סימפּאַטישע קולטורעל פראַנצויזישע פאָלק, דאַרף נאָך ליידן אזוי פיל נאָכן קריג. מערסטנטייל פאַרברענגט דער פראַנצויז זיין פרייע צייט אויף דער טעראַסע ביי די וויין געשעפטן. דער פראַנצויז טרינקט וויין, ווי קיין פאָלק ניט אין דער וועלט, דעריבער האָט ער שטענדיק זיין הומאָר. ביי אים איז עס אָבער ניט קיין שכרות. זעלטן ווען איר וועט באַגעגענען אַ שכור'ן פראַנצויז.

פאַר זייער הויפּט שטאָט, האָבן די פּאַריזער אַ באַזונדערן קולט. כ'בין אָנגעקומען פּונקט פאַר דער פייערונג פון 14־טן יולי. דער טאָג פון שטורעמען די באַסטיליע. דאָס איז דער גרעסטער יום טוב ביי די פראַנ־צויזן. נאָך מיט אַ וואָך פאַרן אָנקום פון יום טוב, זענען אויפגעשטעלט גע־וואָרן אויף די גאַסן טאַנץ פּלאַשטשאַדקעס און יונג און אַלט האָבן גאַנצע נעכט געטאַנצט. אין די גאַסן און מעטראָס, איבעראַל, האָסטו באַמערקט זיך קושנדיקע פּאָרלעך. אָבער דאָס איז ניט קיין אויסגעלאַסנקייט, עס איז אַן אויסדרוק פון זייערע פריילעכע געפילן און עס קומט ארויס ביי זיי זייער נאַטירלעך.

כ'בין בייגעוועזן די דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטנדן פּאַריז, לכבוד דעם טאָג פון שטורעמען די באַסטיליע. די דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיך געצויגן שעה'ן לאַנג האָט פאַרביימאַרשירט פאַר דער טריבונע וואו עס זענען געווען די צענטראַל קאָמיטעטן פון די אַרבעטער פּאַרטייען. אויך דעלעגאַ־ציעס זענען געווען פון פיל אַנדערע לענדער. באַזונדערס גדענקט זיך די שאָטלענדישע דעלעגאַציע, וועלכע האָט פאַר דער טריבונע אויסגעפירט אַ נאַציאָנאַלן שאָטלענדישן טאַנץ, באַגלייט פון אַלטע נאַציאָנאַלע מוזיק אינסטרומענטן.

אין לאַנד איז נאָך ברויזנדיק, דאָס פּאָלק איז ניט צופרידן מיט דער נאָך מלחמה לאַגע, מען האָט געהאָפט אויף בעסערע צייטן און אַנדערע אָנגעצייכנטע וועגן אין דער פּאָליטיק, אָבער ס'איז געקומען ניט דאָס.

און באַמערקסט ווי דאָס לאַנד, וועלכע האָט גדאַרפט שפּילן אַ דע־צידירנדיקע ראָל אין אייראָפּע, איז ניט צעמענטירט נאָר ארומגעכאַפּט פון שטרייטן, רייסענישן פון פּאַרטייען און פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, וואו די רעאַקציע פּרוּווט נאַטירלעך, אויפהייבן דעם קאָפּ, און דאָס, שוואַכט אָפּ דעם כח פון לאַנד.

פון פּאַריז בין איך געפאָרן נאָך מאַרסעי. מאַרסעי איז דער גרעסטער פּאָרט איצט אין אייראָפּע. מאַרסעי איז אַן אַלטע שטאָט מיט שמאָלע גאַסן, דאָך מיט פיל אינטערעסאַנטע היסטאָרישע און אַלטע געביידעס. די גאַסן זענען געפּאַקט מיט מענטשן. דער האַפן איז צעטיילט אויף 2 טיילן: אין אַן אַלטן און אַ נייעם. דער נייער־פּאָרט איז פאַר גרויסן פראַכט און פּאַ־סאַזשיר שיפ'ס פּאַרקער. דער אַלטער פּאָרט איז פאַרן פּאַרקער פון פיש פאַנג. דו באַגעגנסט דאָ פיל פישער גרופּן מיט זייערע לאָדקעס און סתם מאַטאָר שיפלעך, לעבן וועלכע עס שטייען די אייגנטימער, קלאַפּנדיק מיט די

הענט ציען זיי צו דיין אויפמערקזאמקייט און ליינן פאר צו כאפן א שפא־ציר אויפן אפענעם ים.

אט שטייט א גרויסע פישער שיף, וועלכע דארף אפפארן באלד אין ים אויף פיש־פאנג. א יונגע פרוי געזעגנט זיך הארציק מיט איר מאן. ער פארט אפ אויף לאנגע וואכן און מאנאטן. איז איר שווער די צעשיידונג. דאס שיפל האט זיך שוין דערווייטערט פון ברעג און איז ארויס אין אפע־נעם ים, אבער די יונגע פרוי איז נאך אלץ געשטאנען איינגעגעסן מיט איר בליק, באגלייטנדיק איר מאן צו זיין פיש־פאנג.

דאס פישער פאלק און בכלל אלע וואס האבן צו טאן מיט ים, זענען פון א באזונדער טיפ מענטשן און פארמאגן פיל אינטערעסאנטקייט.

כ׳בין געפארן אויפן ברויזנדן ים אין א מאטאר שיפל, געפרואווט זיך צוגעוואוינען צו דער גרויסער רייזע, וועלכע כ׳האב געדארפט אדורכמאכן. דער ברויזנדער ים האט געווארפן דאס שיפל ארויף און אראפ און עס איז מאדנע אנגענעם געווען.

# אויפן ים

אין א גרויסער פּאַסאַזשיר שיף, זענען מיר ארויסגעפאָרן פון פראַנק־רייך צום „גאָלדענעם" לאַנד אַמעריקע. די שיף האָט געהערט צו א פאַנאַמער קאָמפּאַניע און מען קען זי פולשטענדיק אָנרופן: פּיראַטן שיף. 1.600 פּאַסאַזשירן האָט זי ארייננגענומען אין זיך, ניט זייענדיק צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסע צאָל פּאַסאַזשירן און בכלל צום פּאַסאַזשיר פאַרקער. אין צייט פון קריג האָט די שיף געפירט זעלנער און זי איז נאָך ניט איבערגע־בויט געוואָרן פאַר ציווילע פּאַסאַזשירן. האָט זי טאַקע אויסגעזען ווי א שווימענדע זעלנער קאַזאַרמע. געפאָרן זענען מיר א מאָנאַט צייט. פיל טעג, אָן לופט צו אָטעמען, אָן וואַסער צום וואַשן זיך, און אָן פרישע עסן. יעדן 7־טן טאָג פלעגט פאָרקומען א סטרייק צוליב דעם עסן און אַנדערע באַדינונגען... אזוי ווי עס האָט קיינעם זיך ניט געגלוסט אָפּצושטייגן אין ברויזנדן ים, איז מען געפאָרן ווייטער, און מען האָט שלום געמאַכט מיטן גורל.

מיר זענען אדורכגעפאָרן באַרסעלאָנאַ, שפּאַניע. די שטאָט געביידעס און אַלטע מויערן זענען געבויט אין אַלטן סטיל. די שיף האָבן ארומגערינגלט צענדליקער פּאָליציי לייט, מיליטער און געהיים אַגענטן אין פולער באַוואָ־פענונג. זיי האָבן געהיט ס׳זאָל חלילה קיינער ניט וואַגן פון שיף צו שעדיקן די פאַשיסטישע פראַנקאָ רעגירונג... דאָס איז געווען די ערשטע פּאַסאַזשירן שיף נאָך דעם קריג, וועלכע באַרסעלאָנאַ האָט געזען אין אירע וואַסערן. (ביז דאַן איז ניט געווען קיין שיף פאַרקער צווישן פראַנקרייך און שפּאַניע).

צום ברעג פון פּאָרט זענען צוגעקומען הונדערטער אָפּגעריסענע, שמוּ־ציקע, הונגעריקע, קינדער און פרויען, וועמען די פּאַסאַזשירן האָבן געוואָרפן פון דער שיף ברויט און אַנדערע שפּייזן. עס האָט זיך געמערקט, אז די מאַסן הונגערן אין שפּאַניע אונטער פראַנקאָ׳ס ממשלה. די פּאָליציי מיט קאָלבעס פון די ביקסן האָט צעטריבן די מאַסע, וועלכע איז דאָך, דורך אַנדערע וועגן, צוריקגעקומען צו דער שיף. עס האָט ניט געפּאַסט פראַנקאָ׳ס מושלים מען זאָל זען זייער „גן־עדן" אין וועלכן ס׳לעבן ביי זיי די מאַסן.

אויף דער שיף זענען געפֿאָרן פיל שפּאַניער, וועלכע זענען אין עמיגראַ־ציע צוליב זייערע דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען און אָנטיילנעמען אין שפּאַנישן בירגער־קריג. זיי פֿאָרן איצט זוכן זייער גליק אין די לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער. האַרץ רייסנדע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער שיף. קינדער האָבן דאָ אויף דער שיף זיך באַגריסט מיט זייערע עלטערן, וועמען זיי האָבן יאָרן לאַנג ניט געזען. פרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט האָבן אויפן שיף געהאַט זייערע מענער. מען האָט די פרויען נאָר דערלויבט קורצע באַזוכן אויף דער שיף. די בילדער זענען געווען רירנדע ביז טרערן. אַט האַלט אַ פּאַטער אַרומגענומען זיין טאָכטער, וועלכער ער האָט שוין יאָרן לאַנג ניט געזען, די טאָכטער הענגט ביים פאַטער אויפן האַלז און קלאַמערט זיך אין אים מיט איר גאַנצן כח. דער פֿאַטער איז בלאַס און פון זיינע אויגן רינען טרערן. די אויפזעער צעשיידן זיי, ס'זאָל צו לאַנג דער וויזיט ניט דויערן. אַט איז צוגעקומען אַ פרוי יונג נאָך אין יאָרן אָבער אין אויסזען פאַרעלטערט, איר פּנים פאַרוועלקט. זי זוכט מיט אירע אויגן צווישן די פּאַסאַזשירן פון דעק אויפן שיף. זי זוכט געשווינדט און נערוועז. אַט האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף עמעצן, זי קען זיך קוים, קוים באַהערשן. ס'מערקט זיך, ווי פון איר האַרץ רייסט זיך אַן אויסגעשריי וועלכן זי דערשטיקט אין זיך. זי האָט קוים, קוים זיך באַהערשט. און אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף איר דאַר, בלאַס פּנים. אויפן דעק שטייט אַ מענטש, זעט אויס פון אַ יאָר 30. ער איז איר מאַן, זיי טאָרן עס אָבער עפנטלעך ניט אַרויסזאָגן. זייער לעבן דראָט אַ געפאַר. אויף דער שיף דרייען זיך אַרום פראַנקאָ'ס געהיים אַגענטן, וועלכע זוכן און נישטערן. ער האָט זיך אויך צעשמייכלט און מיט די בליקן פון דער ווייטן, האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט, זיך געהאַלזט, געקושט, געפרעגט פיל, פיל און דערציילט אויך. אַזוי האָבן זיי זיך געזעגנט...

די זון האָט זיך גענויגט צום אונטערגאַנג אין באַרסעלאָנאַ, דעם מערב האָט געצונדן אַ ים פון פייער. רויטע לאַנגע פּאַסן פון פייער קאָלירן האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן מערב. די שטאָט איז ווי באַגאָסן געוואָרן פון אַ העלן שיין. פון ים האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ קאַלטער ווינטל און עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער פאַרנאַכט. די זון האָט אַלץ וואָס ווייטער זיך מער אַראָפּגערוקט צום מערב און עס האָט אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט אויף איר אָפּרו אַוועק. מיט איר אַראָפּזינקען נידעריקער, האָט זיך אַלץ מער געלייגט די טונקלקייט. ביים ברעג זענען געשטאַנען טויזנטער באַרסעלאָנער. באַר־וועס שמוציקע קינדער, האָבן מער זיך ניט געשלאָגן צווישן זיך וועגן צו־

קומען נאָענטער כדי עפּעס צו קריגן פון די שיף־פּאַסאַזשירן, צו שטילן דעם הונגער. באַלד וועט די שיף אָפּפאָרן פון דאַנען. די פּאָליציי לייט, זענען אויך אַזוי ווי באַהערשט געוואָרן פון דער שטימונג, פונם זון־פאַרגאַנג און האָבן מער ניט געטריבן די קינדער פון ברעג.

די שיף האָט גענומען זיך רירן. דער מרחק פון ברעג איז געוואָקסן. אַ פּאַכן פון טויזנטער טיכלעך האָט זיך געלאָזט מערקן פון ברעג. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ מערדערלעכע האַנט צערייסט נאָענטע הערצער פון פאָטער און קינד, פון מאַן און פרוי. די שיף האָט זיך דערווייטערט. די באַרסע־לאָנער אויפן ברעג האָבן ניט אראָפּגענומען זייערע אויגן פון אָפּשווימענדן פונקט...

עטלעכע וואָכן זענען מיר געפאָרן ביז די קאַנאַרישע אינזלען, פון וואַנען מיר זענען אָנגעקומען קיין ווענעזועלאַ. וואָכן לאַנג האָסטו געזען פאַר די אויגן נאָר ים און ים. און ווי ווייט דיין בליק האָט דערגרייכט, האָסטו באַמערקט נאָר וואַסער. קיין ברעג, קיין געוויקס, קיין פויגל. די שיף האָט לאַנגזאַם זיך גערוקט און געשניטן די כוואַליעס פון ים. ס'האָט אויסגעזען ווי עס קומט שווער אָן דאָס שניידן דעם וואַסער. די גאַנצע שיף מיט אירע מענטשן און לאַדונג, האָבן זיך פאַרקליבן אין איין קליינעם פּונקט אויף דעם גרויסן מדבר פון ים. עס האָט געדרוקט אַז דער רווישנדער, ברויזנ־דער אָקעאַן האָט נאָר אַ טראַנזיט געגעבן דער שיף צו זיך וויגן אויף זיין רוקן. ווען ער וויל, וואַרפט ער איר פון זייט צו זייט. וואָס ער וויל מאַכט ער מיט איר. דער מענטש אויפן ים וועט פאַרוואַנדלט אין אַ הילפלאָז באַשעפעניש, וועלכער גיט זיך אונטער דעם גורל פון גרויסן באַהערשער — דעם ים. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ נייע וועלט, וואָס דער מענטש האָט נאָך ניט באַהערשט און וועט ווייזט אויס קיינמאָל ניט באַהערשן. באַטש עס איז דאָ אויך אויפן וואַסער באַהערשטע און געצוימטע פלעצער, דאָך איז עס נאָר ארום די ברעגן. וואָס ווייטער אָבער דו פאָרסט אין אָפענעם ים, אַלץ פרייער, שטורמישער איז ער און אַלץ אומבאַהערשטער ווערט דער ים.

דער אויסזען פון ים איז ווי נאָר זיין שטימונג. אָט איז ער נערוועז, שטורעמט, שוימט, יאָגט די כוואַליעס. עס קומען אָבער טעג, ווען ער איז אינגאַנצן פולשטענדיק רואיק. ער ווערט דאַן אַזוי בלוי און גלאַט, אַז קיין איינציקע כוואַליע באַמערקסטו ניט.

ס'טרעפן פילע נעכט ווען די לבנה וואַרפט זילבערנע שטראַלן אויפן אויבערפלאַך פונם שפּיגלענדיקן וואַסער. דאַן פאַרשפּרייט זיך דער זיל־

בערנער שיין ווייט, ווייט ארום דער שיף. ס׳טרעפן אָבער פינצטערע נעכט, ווען אַ שוואַרצע געדיכטע פינצטערניש צעלייגט זיך אַרום, דאַן איז דער ים פאַרזונקען אין אַ פאַרבאָרגעניש און דו זעסט גאָרניט פאַר זיך. די שיף שניידט די וואַסערן און דערמאָנט אונז וואו מיר זענען.

ס׳טרעפט אַז דער הימל צינדט זיך אָן פון בליצן. דער הימל שיינט אויף, מיט יעדער רגע, און עס הערן זיך קנאַלן פון דונערן, וועלכע קייקלען זיך ווייט ערגעץ אין אַ שטילן קלאַפּן. ביז דאָס קלאַפּן קומט צו נענטער, און דאַן נעמט פאַלן אַ שלאַקס רעגן וואָס ווערט פאַרזונקען אין די טיפע־נישן פון ים.

אין ווענעזועלאַ זענען אָפּגעשטיגן די גרעסטע צאָל פּאַסאַזשירן. מיר זענען געשטאַנען אין פּאָרט קאַבעללאַ, 4 טעג. דער פּאָרט מאַכט ניט קיין איינדרוק. אַ שמוציק קליינער האַפן, וואָס איז ניט צוגעפּאַסט צו קיין גרויסן שיפס פאַרקער. דאָך שטייט אים פאַר אַ צוקונפט פון פאַנאַנדער־בויאונג.

מיר פאָרן אָפּ קיין האַוואַנאַ.

# קובא

פרימאָרגן! א העלער זון שיין האָט באַגאָסן דעם ים און אונזער שיף, מיר דערנעטערן זיך צו די ברעגן פון האַוואַנאַ. פון ווייטן זעט זיך די שטאָט מיט אירע גרויסע מאָדערנע געביידעס. אונזער שיף בלייבט שטיין ווייט פון ברעג. מען לאָזט ניט אריינשווימען אין האַפן. דאָ וועט מען אונז דער־ליידיקן די פּאָרמאַליטעטן, דורכקוקן די פּעסער, וויזעס און מיט קליינע שיפלעך אונז צו פירן צום ברעג. ס'האַרץ קלאַפּט. אָט קומען קרובים, עס קומט א מומע, א קוזין, א אָנקל, מיט וועמען מען איז צעשיידט צענדליקער יאָרן, און מ'קען זיך אפילו ניט. די קליינע שלומית'ל און קליינע ראַיקעלע אזוי ווי זיי וואָלטן געפילט די שטימונג, זענען רואיקער ווי אַלעמאָל. שולמית'ל ווי די שיף מאַנשאַפט פלעגט איר רופן „סולאַמיט", איז אויסגעפּוצט אין א ראָז יום טוב'דיקן קליידל און קוקט מיט אירע קלוגע אייגעלעך צום ברעג, וואוהין עס זענען אויך געווענדעט די בליקן פון איר מוטער.

אויפן דעק פון שיף האָבן זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע צענדליק פּאַ־סאַזשירן. זיי שטייען אָנגעלייגט מיט זייערע אָרעמס אויפן ראַנד פון שיף. די געפּעק זייערע האָבן זיי ארויסגעטראָגן פון פרי נאָך אויפן דעק. די פּאַ־סאַזשירן זענען אָנגעטאָן יום־טוב'דיק און צוגעפּוצט. מ'דאַרף זיך באַלד זען מיט קרובים, וועלכע זענען שוין צענדליקער יאָרן אין גאָלדענעם לאַנד, פיל פון זיי זענען ביזנעסלייט, ווילן די „גרינע" ניט אזוי אויסזען „גרין" אין זייערע אויגן ביי דער באַגעגעניש. האַלט מען נערוועז יעדער כמעט א שפּי־געלע, א קעמעלע, מ'פּוצט זיך צו צוביסלעך און מען כאַפּט אַפּט א קוק אריין אין שפּיגל.

פון ווייטן דערזעען זיך שיפלעך, וועלכע דערנעטערן זיך פון ברעג צו אונזער שיף. עס זיצן אין זיי קובאַנער אידן, וועלכע מען דערקענט פון ווייטן נאָך זייער אידישן אויסזען.

די אידישע קרובים פון קובאַ, קומען ארויף אויף דער שיף. און מאָדנע, אינסטינקטיוו דערפילן זיך הערצער, צעשיידטע פון לאַנגע יאָרן. פריינט

דערקענען זיך. די קובאנער אידן, דערזעען זייערע פריינט וועלכע קוקן אויס אין זייערע אויגן ווי פון „יענער וועלט" געקומען. אַט קומט ארויף אַ מאַן וואָס דערזעט זיין פרוי און 2 זין, צעשיידט שוין 20 יאָר. וויפל וואסערן זענען פארלאָפן פאַר דער צייט... בלוטיקע טעג און בלוטיקע פאַסירונגען. זיינע זין קליינינקע נאָך ווען ער האָט זיי איבערגעלאָזן און אַוועק נאָך אַמעריקע. א י צ ט , דערוואַקסענע שוין. דער עלטערער איז געווען אַן אונטער אָפיצער אין דער רויטער אַרמיי. געקעמפט און אויך געראַנירט אין שלאַכט מיטן דייטש. אַט קוקט ארויף אויפן שיף אַן אָנקל און אַ טאַנטע צו זייער פלימעניצע. זי איז פון ליטע, פון שאַוועל. געווען אין געטאָ, פארלאָרן דעם מאַן און איצט קומט זי מיט איר 2 יעריק קינד צו איר מוטערס שוועס־טער. אַט זוכט די טאַנטע איר פלימעניק, זי געדענקט אים נאָך אַלס קליין אינגעלע. וועלכן זי האָט איבערגעלאָזן אין פוילן. ער איז שוין איצט אַ בחור פון 24 יאָר. אַדורכגעמאַכט אַ שווערן לעבנס וועג. געאַרבעט אין צייט פון קריג אין די קוילן־גרובן, פיל אַנדערע שווערע ארבעטן געטאָן, דאָך ניט פארלאָרן דעם מוט. ער קומט איצט צו דער מומען, זיין מאַמעס שוועס־טער. די מומע זוכט אים מיט אירע אויגן צווישן די פאַסאַזשירן און אָט האָבן זיי זיך, אינסטינקטיוו, דערקענט. זי פרעגט אים גאָרניט, רעדט ניט, זי האָט איר בליק אָנגעשטעלט אויף אים, ער קוקט אויף איר, ס'קלאַפּן הער־צער... פאַר זיינע אויגן שטעלט זיך פאָר די געשטאַלט פון זיין פארשניטע־נער מוטער און אים דוכט זיך, אַז איר גייסט האָט דאָ אויפגעלעבט אין דער געשטאַלט פון איר שוועסטער — זיין מומע איצט. פאַר דער מומעס אויגן שטעלט זיך ווידער דער געשטאַלט פון דער אומגעקומענער שוועסטער, וועלכע זי האָט געלאָזן אַ יונגע נאָך ווען זי איז אָפּגעפאָרן... אין דעם מאָ־מענט פון אָנקוקן זיך האָט זי דעם פלימעניק אירן אַראָפּטירט אין הארצן אַלס איר קינד און עפּעס אַן אינערלעכע אויפגייענדע פרייד האָט פאַר־פלייצט איר פרויען־נשמה. זי האָט די היים אירע דערזען פאַר די אויגן און אַ טרויעריקן גרוס באַקומען פון דאָרט...

נאָך סצענעס שטילע, אָן טרערן, אָן היסטעריע. אָן ווערטער אפילו, — שטומע. אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. די איבערלעבונגען זענען אַזעלכע אַז מען קען ניט רעדן וועגן זיי. רייד און ווערטער זענען בלאַס און קענען גאָרניט איבערגעבן די בלוטיקע געשעענישן.

אָוונט. מען פאָרט צו דער טריסקאָרניע מיט די שטעכל דראָטן. מען ערליידיקט די פאָרמאַליטעטן. דער הויפּט באַאַמטער איז דאָ אַ איד. ער באַטאָנט, אַז ער איז דאָ אַן אָפיציעלער באַאַמטער נאָר, אָבער ווען עס בלייבן

שטלעכע פּאַסאַזשירן וועלכע פאַרמאָגן ניט די נויטיקע דאָקומענטן, רוט ער ניט, קלינגט אין „דזשאָינט", ביז מען קומט זיי אָפּנעמען. ווי זאָגט מען: בינד מיך אויף אַלע פיר און וואַרף מיך צווישן אידן.

:: :: ::

כ'גיי אויף האַוואַנער גאַסן, דער גלאַנץ און פּראַכט פאַרכאַפּט דאָס אויג. די באַוועגונג אויפן גאַס זעט אויס ווי זי איז איבערגעוואַקסן דער שטאָט; עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט נאָך אַזאַ האַוואַנאַ גע־דאַרפט, בכדי צו אַריינגעמען דעם גאַנצן געוויש און פאַרקער.

מען לאָזט מיך רואיק די גאַס ניט אַדורך. מען דערקענט, אַז כ'בין ניט קיין האַוואַנער. מען לייגט מיר פאַר פאַרשיידענע באַדינונגען. אָט וויל מיך ווער פירן ווייזן די שטאָט. אַ צווייטער לייגט פאַר פירן אין אַ פריי־לעך פאַרוויילונגס אָרט. זיי רעדן צו מיר שפּאַניש. ווען איך דערקלער זיי, אַז איך פאַרשטיי ניט שפּאַניש, רעדן זיי צו מיר ענגליש און כ'גילט פאַר זיי אַלס אַמעריקאַנער. ווען איך דערקלער, אַז איך בין ניט קיין אַמעריקאַנער, בלייבן מיינע באַגלייטער'ס פאַרגאַפט. ווייזט אויס, אַז ביי זיי גילטן נאָר צוויי פעלקער: קובאַנער און אַמעריקאַנער, וועגן אַנדערע האָבן זיי קיין אַנונג ניט.

מיך האָט אינטערעסירט צו דערקענען דאָס לעבן פון דער שטאָט פון אַן אַנדער זייט. כ'האָב לאַנג ניט געדאַרפט זוכן. אין אַלט האַוואַנאַ מיט אירע שמאָלע געסלעך, האָב איך געפונען דעם 2־טן טייל לעבן פון שטאָט. מענטשן וואוינען צונויפגעפּרעסט אין ענגע דירות אָן לופט, און אָן וואַסער. איך בין אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט אויף אַ שפּאַציר, דערזען פאַר זיך וואוי־נונגען פון מענטשן, וואָס זענען ענלעך צו בודקעס אין וועלכע עס וואוינען הינט. איך בין ווייטער געגאַנגען איבער די רוישיקע גאַסן, קינדער זענען צוגעשטאַנען צו מיר. אָט לייגט מיר פאָר איינער אָפּצופּוצן די שיך. איך קען זיך ניט באַפרייען פון אים. איך מוז זיך אונטערגעבן זיין פאַרלאַנג. ער פּוצט מיר די שיך און איך באַטראַכט אים. אַ קינד נאָך. עס ווילט זיך אים פרעגן: פאַרוואָס לערנסטו ניט, פאַרוואָס ביסטו אַזוי דאַר, שמוציק? אָט גייט דורך פאַרביי מיר אַ פרוי, זי רעדט צו מיר, איך פאַרשטיי זי ניט. זי באַמיט זיך צו געבן צו פאַרשטיין, וואָס זי וויל פון מיר... כ'קוק איר אָן, אַ קינד נאָך, דאַר, די ליפּן און פּנים באַפאַרבט. עס דערטראָגט זיך אַ ריח

פון ביליקן פערפיום און עס ווילט זיך פרעגן: ווער ביזטו? ווי רופט מען דיך? וואו איז דיין פאָטער און מוטער? און פאַרוואָס טוסטו עס?...

כ'בין אין אָוונט געגאַנגען אויף דער פראַדאָ, דער שיין פון די רעקלאַמעס און דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן באַלויכטן גאַסן און סקווערן; האָט געמאַכט דער גאַס שיינען. פאַרביי מיר האָבן זיך געטראָגן טויזנטער אילומיזינעס אין וועלכע עס זענען געפאָרן פריילעכע און לוסטיקע מענטשן.

אָט זע איך אַ יונגע פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויפן האַנט, וועלכע איז געזעסן אויפן טראָטואר און דערלעבן איר נאָך אַ קליין קינד, זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און די מיידעלע איז מיר נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג, ניט אָפּלאָזנדיק ביז זי האָט ניט באַקומען קיין סענט. איך האָב געוואָלט פרעגן דער מוטער, ווער איז זי? ווי רופט מען זי? און פאַרוואָס זיצט זי דאָ?... כ'האָב אָבער צונויפרעדן ניט געקענט זיך און געגאַנגען ווייטער.

כ'בין ביים ברעג ים. דער ים רוישט און זאָגט מיר אָן, אַז איך בין ווייט איצט פון אייראָפּע. איך פאַרמאַך די אויגן און טראַכט: ניט שלעכט צו לעבן אין לוקסוס און זיין רואיק, אָבער לאָמיר מאַכן רייך און גליקלעך אַלעמען. אַלע מענטשן האָבן די זעלבע געטלעכע געשטאַלט...

:: :: ::

עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט דעם אידישן לעבן אין האַוואַנאַ. כ'הויב אָן פון דער פּרעסע. עס פרייט צו זען ווי עס דערשיינען אין דעם קליינעם ישוב צוויי אידישע צייטונגען. איך לייען זיי און באַקום אַ באַגריף וואָס פאַר אַ פּאָליטישע גרופּירונגען עס עקזיסטירן אויף דער אידישער גאַס.

איך קום אויף וראַיאַ גאַס, וואו ס'זענען קאָנצענטרירט די אידישע ביזנעס. עס דערמאָנט אָן וואַרשעווער גענשאַ גאַס. אידן אריינגעטאָן אין זייערע ביזנעס און ווען דו קוקסט זיך צו, צו אַזאַ ביזנעסמאַן דוכט זיך דיר, אַז די אָנגעפּאַקטע סחורות אין געשעפט פאַרשלינגט אים צו ביסלעך איינגאַנצן.

דער איינדרוק וועגן דער יוגנט איז, אַז מערסטנטייל (די רייכע און שטודירנדע) האָט מיט אידישקייט ווייניק וואָס צו טאָן. דער מהלך צווישן די קינדער און עלטערן איז אַ ווייטער. זיי קענען ניט קיין אידיש, דאָס לשון

פון טאטע־מאמע. איך רעד שוין ניט וועגן אידישער געשיכטע אָדער אי־דישע ליטעראַטור.

כ'פרעג זיך ניט איינמאָל. פאַרוואָס פּאַסירט עס ניט ביי קיין שום פאָלק, אַז אַ זון אָדער אַ טאָכטער, זאָל ניט קענען זיין אייגענע שפּראַך? פאַרוואָס פּאַסירט עס ביי אונז אידן? איז דען אונזער היסטאָריע, ליטע־ראַטור און שפּראַך ניט גענוג שיין?...

באַזונדערס איז פאַרדריסלעך אַזאַ דערשיינונג נאָך די פילע בלוטיקע יאָרן פון חורבן און אומקום.

פאַראַן פיל שאָטן־זייטן אויך אין אידישן לעבן, ניטאָ ביז היינט נאָך קיין אָפיציעלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל באמת רעפּרעזענטירן אַלע אידן. איך וויל אָבער קיין סך ניט קריטיקירן. איך בין דערוויל נאָך אַ גאַסט; ערשט געקומען און געסט דאַרפן זיך פאַרהאַלטן דערווייל ווי געסט.

⁘ ⁘ ⁘

אין רעסטאָראַן „האַנאַבאַנאַ", מיטאָג צייט, טרעף איך פיל פון מיינע שיפס־ברידער.

כ'קען כמעט יעדן איינעם. כאָטש פיל פון זיי קענען מיך ניט. יעדנס איבערלעבענישן זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין.

אָט זיצט אַ פרוי מיט איר פּלימעניצע. אויף דער פרויס'ס הענט מערקט זיך דער קאַצעט נומער דער און דער...

אויף איר קאָפּ קרייזלען זיך זילבערנע האָר, כאָטש זי איז נאָך יונג. רעדסטו מיט איר, מערקט זיך איר אויפגערעגטער געמיט. מיר דוכט זיך, אַז שטענדיק איז זי אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

ביים 2־טן טישל זיצט אַ יונג מיידל נאָך. אויפן האַנט אַ נומער. אירע בלויע אויגן, בלוי ווי דער קאָליר פון הימל און ים, קוקן שטיל און דורכ־גרינגלעך ווען זי רעדט מיט דיר. אַ קינד נאָך. איר איידעלע צאַרטע פיגור, ווי איינגעשרומפּן דורך די יאָרן פון אירע איבערלעבונגען. זי דערציילט: די טעג האָבן זיך אַזוי געצויגן אין קאַצעט (קאָנצענטראַציע לאַגער). איז דער אָוונט צוגעפאַלן, האָסטו געוואַרט וואָס וועט ברענגען דער טאָג, איז טאָג געוואָרן, האָסטו געוואָלט אַז דער אָוונט זאָל וואָס גיכער קומען.

זי בויגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט בעת זי רעדט. זי לייגט צונויף, ביידע הענט וועלכע זי הויבט אונטער, און שפּאַרט איר קאָפּ אָן אויף זיי. אין

אירע אייגן שפיגלט זיך אַף דער טרויער פון קאַצעט לעבן. און עס דוכט זיך אַז איר איידעלער ווען איז ווי קלענער געוואָרן אין דער מינוט. ממש אַ קינד שטייט פאַר דיינע אויגן. איך קוק און שעפּטשע ווי אין אַ געבעט, אַז זי זאָל וואָס שנעלער געפינען אַ נאָענטן גוטן חבר. וואָס זאָל זי מאַכן פאַרגעסן אַביסל די שרעקלעכע איבערלעבונגען אירע.

און אָט איז אַ צווייטע פרוי, 24 יאָר אַלט. לעבן איר זיצט שוין אַ 3 יעריק אינגעלע. לוסטיק שפּילט ער זיך. וואו איז דער פּאַפּאַ? פרעג איך. ניטאָ! ענטפערט די פרוי און דערציילט: 3 יאָר איז זי מיטן מאַן אין וואַלד געווען אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע. בייניאַכט פלעגט זי אויף אויסשפּי־רונגען גיין אין די נאָענטע דערפער כדי שפּייז צו ברענגען. ביים רעכטן זייט האָט זי אַ רעוואָלווער געטראָגן, זיי האָבן געוואוינט אין אַ טיפן וואַלד אין אונטערערדישן הייל. אזוי האָבן זיי אַדורכגעלעבט דעם קריג. געקומען קיין פּוילן, און דאָן געהייראַט. און ווען זי האָט געבוירן דאָס קינד — דאָס אינגעלע וואָס שפּילט זיך לעבן איר איצט, האָבן פּוילישע באַנדיטן איר מאַן גע׳הרג׳עט...

אזוי קאָנסטו לעבן יעדער טישל ווען דו וועסט צוגיין, הערן אַזעלכע טראַ־גישע מעשיות. וואָס זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער.

:: :: ::

פיל פריינט, וואָס האָבן געבראַכט צו זיך קרובים פון אייראָפּע פרעגן אָפט: וואָס איז עס מיט די מענטשן, די געקומענע פון אייראָפּע? זיי גייען ארום פאַרביטערטע, אומצופרידענע. מיר האָבן זיי גליקלעך געמאַכט, גע־בראַכט אַהער און זיי זענען ניט דאַנקבאַר. ווילט זיך זאָגן צו די דאָזיקע פריינט: דער פּראָבלעם מיט די מענטשן איז ניט אזוי פּשוט. דעם געשפּענסט פון דער געשענדעטער אייראָפּע, קענען זיי ניט ארויסלייגן פון זיך. זיי האָבן שוין אַן אַנדער קוק אויפן לעבן.

מען דאַרף פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין די דאָזיקע פּליטים. מען דאַרף זוכן וועגן ווי צוריק אריינפירן זיי אין לעבן אריין. צומאָל דאַרף מען זיך צו־הערן צו זייער וואָרט. די פּליטים זענען רייך אין טראַגישע איבערלעבונגען.

עס שרייבט מיר, למשל, אַ געראַטעוועטער קרוב, אַ פּאַרטיזאַן, וואָס איז איצט אין אַמעריקע. צווישן אַנדערע שורות פון זיין בריוו לייען איך:

„מיין ברודער האָט מיך אריבערגענומען קיין אַמעריקע, אָבער פאַר מיר איז שוין אוממעגלעך אָנצוהויבן פון אַלף. איך בין פיזיש און

גייסטיק דערשעפּט. איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן. און מיינע צרות וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט גיבן מיר ניט קיין רו.

„זייער ריכטיק האָט וועגן אונז, די פאַרבליבענע, — אַ דיכטער גע־זאָגט, אַז מיר זענען בעטלער־געסט ביי פרעמדע טישן, אומגעבעטענע. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון טויט, אָבער גרויס וועט זיין אונזער שטראָף. דאָס גאַנצע לעבן, וועלן מיר זיך פּייניקן. אפשר וועלן מיר זיך טרעפן אין אַמעריקע. און ווען מיר וועלן פערזענלעך זיך אַדורכ־שמועסן, וועסטו, אפשר ,מיך בעסער פאַרשטיין".

מען קען מיט דעם בריוו אפשר ניט מסכים זיין, ווייל דער געזעץ פון לעבן איז, אַז די לעבעדיקע דאַרפן לעבן, דאָך איז דער בריוו כאַראַקטערים־טיש פאַר די שטימונגס געפילן פון די שארית הפליטה.

און ניט איינמאָל קלערסטו וועגן דיין פאָלק מיט די ווערטער פון ביאַליק'ס פּאָעמע „גראָז איז דאָס פאָלק":

און עס האָט דאָך דאָס פאָלק פון זיין שלאָף ניט דערוואַכט.
ניט געטאָן זיך אַ שטעל און אַ בריל ווי אַ לייב,
ניט געטאָן זיך מיט מוט און מיט קרעפטן אַ הויב.
ס'האָט דאָס האַרץ פון'ם פאָלק ניט געציטערט פאַר פרייד,
ניט פון רעכטס, ניט פון לינקס, וואו זיי זענען צעשפּרייט.
און ניט די האַנט דערלאַנגט,
ניט געוואונטשן קיין גליק צו די אַלע וואָס זענען געקומען צוריק.

מיר האָבן אַדורכגעלעבט שווערע טעג און יאָרן. דער גורל וואָס האָט געטראָפן דעם אידנטום פון אייראָפּע — איז שווערער און גרוילעכער ווי אַנדערע שטעלן זיך עס פאָר. עס קען אַזוי גלייכגילטיק ניט אַריבער. מען טאָר ניט פאַרגעסן ווי אַ סך ראָטן אונז צו טאָן. מען דאַרף רעדן וועגן דעם, דערציילן די קינדער און קינדס קינדער, מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן וואו איז דער אויסוועג און וואָס טוט יעדער איינער פון אונז, אָדער, לכל הפחות, אין וואָס גלויבט ער און וואָס גיט די גאַראַנטיע, אַז ענלעכעס וועט מער זיך ניט איבער'חזר'ן?

און דערפאַר ווייל מיר האָבן ליב דאָס לעבן. און ווייל מיר ליבן אונזערע קינדער און ווייל מיר ווילן עס זאָל מער ניט אַזוינס געשען, דאַרפן מיר קלאָר מאַכן פאַר זיך דעם וועג. אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין און די אידייע פאַר וועלכער מיר דאַרפן קעמפן.

* * *

כ'בין שוין אין האוואנא אייניקע מאנאטן. דאס לעבן גייט דא אן נאר־מאל. איך זע אבער פאר מיינע אויגן אייראפע. אייראפע מיט אירע קרבנות־פעלדער. אייראפע מיט אירע צעשטערטע שטעט און דערפער. אייראפע וועמענס ערד איז דורכגעווייקט פון בלוט. אין מיינע אויערן קלינגען שטענדיק די געוויינען פון מיליאנען קינדער און מאמעס נאך זייערע נאענטע. פאר מיינע אויגן שטייען די טויזנטער, טויזנטער היימלאזע, וועלכע שטייען אויף די ראגן און מורמלען: מיך הונגערט... כ'הער תמיד די קללה וואס די אומגליקלעכע שיקן נאך די הענקערס פון דער וועלט.

און איך זע פאר מיינע אויגן די לאגערן מיט די הונדערטער טויזנטער אויסגעוואָרצלטע אידן. מיר קומט אויפן זכרון ביאליק'ס א ליד:

„ס'גלוסט זיך מיר וויינען געשמאקער פון הארצן
ציט מיך, ווי כמארעס, צום ים, צו דעם שווארצן
טיפער צו אייך מיינע עלנטע ברידער.
כ'ווייס איר האט טרערן נאך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערציילטע און נאך מער געמיינטע,
וואס ווי פארשטיקטע פארבארגענע קוואלן
עגבערן שטיינער און רייסן איין קברים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורכשלאגן זאלן זיך אייערע טרערן!
גרינגער זאל ווערן און פרייער זאל ווערן! —
אפשר ווער ווייס, וועט נאך גאט אמאל געבן:
איבערגיין וועלן די פינצטערע צייטן,
אויך אונז וועט אפשר געראטן ווי לייטן
בעסערס און שענערס דערלעבן".

# מדינת ישראל

(אין ישראל בעת דער פרייהייטס מלחמה)

# ישראל אלס לייכט-טורעם פאר דעם נאָענטן מזרח

אויף די פעלדער פון יהודה און גליל, פון שרון און עמק, אויפן ווייטן פוסטן נגב און ביי די טויערן פון דער הייליקער שטאָט ירשלים, האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די מערקווירדיקסטע היסטאָרישע שלאַכטן.

א פאָלק, וואָס האָט זייט 2 טויזנט יאָר פארלאָרן זיין זעלבסטשטענדיקייט, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, האָט זיין באפרייאונגס שלאַכט אויפגענומען.

דער שונא איז געווען גרויס און מעכטיק. אַלע פינצטערע כוחות, וועלכע האָבן שטענדיק געקעמפט קעגן אַלטן פאָלק ישראל, האָבן זיך פאַראייניקט בכדי דעם באפרייאונגס מאַרש צו פאַרהאַלטן.

אַראַבישע, שוין פון יאָרן, אָרגאַניזירטע מלוכות, אימפּעריאַליסטישע מעכטיקע וועלט הערשער, נאַצי אַגענטן, געדונגענע אויסוואורפן פון גאַר דער וועלט, פון וועמענס הענט עס איז גערונען דאָס פרישע אידישע פאַרגאָסן בלוט — האָבן אָנגעזאָגט זייער מלחמה קעגן דער יונגער ישראל.

ס'איז אָבער געווען א מלחמה דערקלערונג דעם גאַנצן אידישן פאָלק. עס האָט זיך אַנטוויקלט דער דעצידירנדיקסטער קאַמף אויף טויט און אויף לעבן וועגן גורל פון אַלע אידן אין דער גאָרער וועלט.

דער ארץ ישראל ישוב האָט אין דער פולער מאָס פון זיין אחריות באַגריפן די לאַגע. און אויך די אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן פארשטאַנען זייער אויפגאַבע.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט איין צעמענטירטע פעלזן־וואַנט, פון גאַר דער וועלט, אין א פארצוימונגס באַריער קעגן די אָנגרייפנדע האָרדעס.

די ניט אידישע וועלט איז שטיין געבליבן פארגאַפט און פאַראינטערעסירט זיך צוגעקוקט צום אויסגאַנג פון קאַמף.

דורך אַלע וועגן האָבן גענומען שטראָמען הילפס כוחות פאַר ישראל. וואָלונטירן פון וואו נאָר אַ אידישער ישוב, זענען געקומען זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפנדע. אַקסל ביי אַקסל האָבן געשפּאַנט אָפּגעברענטע ארץ ישראל סאַברעס, מיט בחורים גראַטעוועטע פון קאַצעט און די קאַלך אויוונס און געוועזענע פאַרטיזאַנען. לעבן זיי וואָלונטירן פון לענדער פון גאָר דער וועלט, וועלכע זענען געקומען צו הילף.

אַקסל נעבן אַקסל האָבן געשפּאַנט רעליגיעזע אידן, מיט בערד און פאות, צוזאַמען מיט יונגע חלוצים, און יונגע מיידלעך. די מיידלעך האָבן געטראָגן סטענגן אויף זייערע גראַציעזע פרויען-אַקסלען.

פאַרוואָס די קעמפנדיקע האָבן זיך אומגעזען באַוויזן די געשטאַלטן פון די פאַרפייניקטע אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אין די פּאָגראָמען אין אָדעס און קישינעוו און אין שחיטות פון אשוויענטשים און מאַידאַנעק.

די אַראַבישע שונאי-ישראל האָבן געשאַצט דעם כח פון ישראל לויט דער צאָל ביקסן און קאַנאָנען. זיי האָבן ניט געזען דאָס געוועער פון צאָרן. דאָס געוועער פון אָנגעצונדענעם פייער אין די אויגן, וואָס קען וועלטן באַ-צווינגען.

דער קאַמף איז געווען שווער און פאַרביסן.

דער שונא האָט ניט נאָכגעלאָזן. וואָס הייסט? דאָס אַלטע פאָלק ישראל, וואָס איז אומעטום, פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער, געשלאָגן גע-וואָרן, זאָל פלוצלונג אויפוואַכן צום קאַמף און זיך פאַרטיידיקן?

אָבער צופרידן איז דער זיגער.

נאָך מאָנאַטן פון אומדערמידלעכן קאַמף איז דעם שונא קלאָר געוואָרן אַז דאָ איז עפּעס אַנדערש. און ער גיט צו ביסלעך נאָך. מען וויל דאָן פּאָליטיש ווירקן אויף אונז דורך הבא נתחכמה, אָבער דער גורל פון קריג איז גע׳חתמ׳עט.

ווי אַ נייער ליכטיקער פונקט צווישן די אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענ-דער, האָט זיך איינגעגלידערט דאָס נייע ישראל. ווי אַ ליכט טורעם אויפן ים, פאַר ווייט-גייענדע שיפן, בליצט ישראל פאַר דעם נאָענטן מזרח און ציינט דעם וועג צו פּראָגרעס, צו קולטור און דעמאָקראַטיע. ונהרו אליו כל הגויים, און צו ערשט די שכנות׳דיק אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע מלוכות. זיי וועלן זיין די ערשטע וואָס וועלן געניסן פון ישראל׳ס אויפשטייג.

זייערע עקספּלאָטאַטאָרס און אונטערייאָכערס וועלן מוזן אין אָנבליק

פון גייסט און קולטור פון ישראל, אויך ווייערע פעלקער צו עטוואָס אַנדערש אין לעבן ריכטן...

קומט אויף ישראל אין איר פּראַכט און גלאַנץ, ווי אַ גלייכבאַרעכטיק־טער מיטגליד אין דער משפחה פון וועלט פעלקער.

לייגן זיך אומגעהויער שווערע אויפגאַבן אויף דער נייער מדינה:

קיבוץ גלויות — צו ערשט צונויפזאַמלען די אונטערדריקטע און היימ־לאָזע אידן פון גאָר דער וועלט, און שאַפן עקזיסטענץ מעגלעכקייטן פאר זיי. אויסקריסטאַליזירן דאָס געשטאַלט פון דער נייער מדינה, אַלס מוסטער־לאַנד פון גערעכטיקייט און יושר.

שאַפן אַלץ פון דאָס ניי, אזוי, אַז יעדער וואָס וועט קומען אין ישראל און זען אונזער מדינה, זאָל זאָגן, מיט אַ געפיל פון רעספּעקט און פאַר־וואונדערונג: אָט אזוי זעט אויס די מדינה פון ישראל, געשאַפן לויט די העכסטע אידעאַלן פון די נביאים.

# מיט דער גריכישער שיף „נעאַ העלאַס״ קיין איטאַליע

איך האָב געזאָגט אַ זיי געזונט צו קובאַנער אידן און מיט דער גריכישער שיף „נעאָ העלאַס״ אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע אויפן וועג נאָך ישראל. איך בין געווען דער איינציקער אידישער פּאַסאַזשיר. שוין אויף דער שיף האָב איך געלייענט אין ביולעטין פון די טאָג טעגלעכע נייעס, אַז עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע מדינה און אַז די אַראַבישע מלוכות האָבן אָנגעזאָגט קאַמף דאָס ניי אַנטשטאַנענע יונגע ישראל, און אַז עגיפּטישע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט תל אביב, וואו עס זענען געפאַלן צענדליקער קרבנות.

איך האָב צום ווייפלטן מאָל געלייענט די נייעס. איך ווייס ניט וואָס האָבן געטראַכט די איטאַליענישע און אַמעריקאַנער פּאַסאַזשירן וועגן אָט דער נייעס. איך האָב אָבער געפילט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער קאַמף פאַר אונזער באַפרייאונג. דער מאָמענט איז געקומען.

איך בין געווען שטאָלץ וואָס די שיף דערנענטערט מיך נענטער אַהין... אַהין... 12 טעג האָט געדויערט די רייזע.

אין גענואַ, איטאַליע — בין איך אָפּגעשטיגן. קיין אַדרעס וואוהין זיך צו ווענדן וועגן איינאָרדענען מיין רייזע ווייטער, האָב איך ניט.

לאָז איך מיך ארויס זוכן די אידישע מלוכה אונטערוועגנס... אייגנטלעך עקזיסטירט שוין די מלוכה פון לאַנג. אירע „אַגענטן״ זענען שוין פון פיל צייט טעטיק אין די פּאָרט שטעט, איבערהויפּט אין איטאַליע און פראַנקרייך.

איך דאַרף לאַנג ניט זוכן און איך געפין דעם „בחור׳ל״ — דעם אייביק וואַנדערנדיקן שליח, וועלכער האָט שוין פיל אַרבעטן אָפּגעטאָן אין דינסט פון דער אידישער מלוכה. איך דערקען אים גלייך. ער פילט אויס דעם אַמט ווי פון אַן אַמבאַסאַדאָר פון דער אידישער מלוכה. ער שפּרייזט איבער׳ גרעניצן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַס, כאָטש לויט זיין אויס־

זען איז ער ווייט פון צו זיין א דיפּלאָמאַט. גיכער מאַכט ער דעם איינדרוק פון דעם שוועבנדיקן אידישן גייסט, וואָס וואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ. זיין געהיימע שליחות איז ראַטעווען די צום טויט פאַר'משפּט'ע אין די נאַצי קאַצעטן; אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן. צו מאָל אָרגאַניזירט ער צום אָפענעם ווידערשטאַנד. ער פירט אומלעגאַל איבער גרענעצן, דורך בערג און כּאַלן מחנות אידן א. א. וו. איצט איז ער דער שליח פון „בריחה". ער דערלייזן דיקט גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבן. ער פירט קעמפער איבער גרענעצן צום ציל. ער קויפט געווער, לערנט א חלוציש ליד פאַרביי־גייענדיק, אין א פונקט וואו מען גרייט צו וואָלונטירן. וואו עסט ער? — וואו שלאָפט ער? — אָ! ער איז מיט גאָרנישט באַזאָרגט. קריגט ניט קיין געהאַלט. ער איז נאָך ניט דער אָפיציעלער דיפּלאָמאַט מיט אַן אָפיציעלן „אַמבאַסאַדאָר" געהאַלט. כאַפּט ער דערווייל ארויס פון קעשענע א שטיקל ברויט מיט א זויערע אוגערקע, איינגעוויקלט אין א ווייס שטיקל פּאַפּיר און דערכאַפּט זיך ס'האַרץ. איך כאַפּ מיט אים א שמועס. ער מעסט מיך אָפּ מיטן אויג, גיט א שמייכל, פאַרשרייבט מיר דעם אַדרעס וואוהין איך זאָל זיך ווענדן. דאָס איז די שטאָט מילאַן, אויף „וויא אוניאַנא" נומער 5.

אָט דער בחור'ל איז איינער פון די „בריחה" לייט, וועגן וועלכע די ענגלישע פּרעסע האָט אַמאָל געשריבן: אַז עס איז דאָ אַזאַ אָרגאַניזאַציע ביי די אידן פון אייראָפּע, וואָס אירע מיטגלידער באַוועגן זיך פראַנק און פריי איבער די גרענעצן דאָרט; פראַנק און פריי, וואו זיי ווילן נאָר און פילן אויס געהיימע שליחות'ן פאַר מדינת ישראל. יע! דאָס האָט געשטימט.

איך בין אָפּגעפאָרן קיין מילאַן, אויף „וויא אוניאַנא" נומער 5. דאָרט קאָנצענטרירט זיך אויך דער פּאַלעסטינאַ אַמט און אַנדערע ישראל אַנ־שטאַלטן. איך בין צוריק צווישן דער שארית הפליטה.

איך בין אריין אין די צימערן און קאָרידאָרן פון די באַראַקן און איך דערפיל נאָך אַמאָל די אומגעהויערע וויכטיקע ראָל, וואָס די שארית הפליטה שפּילט אין דער לעצטער פאַזע פונ'ם פאַרוויקלטן קאַמף פאַר מלוכה'שער זעלבסטשטענדיקייט. אַלץ אָטעמט דאָ מיט ישראל. לאָזונגען וועגן מאָ־ביליזאַציע, גרייטקייט אפילו מיטן לעבן צו באַצאָלן, רעדן אַראָפּ צו דער יוגנט דורך די אַפישן אויף די ווענט. און די יוגנט רופט זיך אָפּ. מאַסנווייז פאָרן אָפּ יעדן טאָג טראַנספּאָרטן, אין די ספּעציעלע לאַגערן צו קורצע מי־ליטערישע איבונגען און דערנאָך פאָרן זיי זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפער. פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד קומען אויך הונדערטער, טויזנ־

טער יוגנטלעכע, אויסגעשולטע זעלנער, וועלכע האָבן אנטיילגענומען אין די לעצטע קאַמפּ׳ם שלאַכטן קעגן נאַצי דייטשלאַנד.

דער באַאַמטער פון ישראל אַמט שיקט מיך אָפּ אין אַ לאַגער לעבן מי־לאַן, וואו איך פאַרבלייב אַ חודש צייט און מאַך דורך איבונגען. פון דעם פּלאַץ גייען אָפּ טראַנספּאָרטן קעמפער קיין ישראל דורך לופט און שיף. די איטאַליענישע אידן צווישן וועלכע עס זענען דאָ פיל רייכע, לעבן מיט דעם קאַמף פון ישראל און שיקן פיל פון זייערע זין און טעכטער צום קאַמף.

כאַראַקטעריסטיש, אַז פיל איטאַליענער קומען זיך פאַרשרייבן אַלס וואָלונטירן צו פאָרן קיין ישראל, העלפן די אידן אין דער מלחמה. אין אַל־געמיין דאַרפן מיר געדענקען, אַז די איטאַליענער האָבן ארויסגעוויזן פיל סימפּאַטיע און קאָנקרעטע הילף אין אונזער באַפרייאונגס־מלחמה.

דורך דעם לאַגער לעבן מילאַן זענען אַדורכגעגאַנגען הונדערטער, הונ־דערטער יונגעלייט. אין ישראל איז דאַן אָנגעגאַנגען די מלחמה פאַר ירו־שלים. יעדן אָוונט פלעגן מיר זיך צונויפזאַמלען ביי דער ראַדיאָ צו הערן די נייעס. די ענגלענדער זענען נאָך אין חיפה. די ראַדיאָ סטאַנציעס פון דער וועלט פלעגן מיט פיל סימפּאַטיע איבערגעבן די העלדישקייטן פון די אידישע קעמפער. דאָקעגן פלעגט לאָנדאָן אין יעדער טראַנסמיסיע פּאָרויס־זען שוואַצע „סופ׳ן” פון ישראל. עס האָט זיך געפילט זייער „אָביעקטיווער” צוגאַנג צו דער זאַך.

מיר האָבן דאָ אַדורכגעמאַכט איבונגען. יעדן פרימאָרגן פלעגט ארויפ־געצויגן ווערן די ווייס בלויע פאָןביים מיליטערישן פאַראַד און מיר פלעגן אַדורכמאַכן אונזערע איבונגען.

אין דער פרייער צייט פלעגן מיר זיך פאַרנעמען מיט שמועסן מיט די ישראל שליחים, וואָס האָבן אונז איבערגעגעבן דעם מצב אין ישראל ווי ער איז. די ישראל חברים פלעגן רעדן מיט פיל אָפּנהאַרציקייט און הונדערט פּראָצענטיקער אמונה אין אונזער נצחון.

אויך האָט מען ניט פאַרגעסן אַרומצופאָרן און צו באַטראַכטן די שיינע לאַנדשאַפטן אַרום גענוע, כאָטש עס איז געווען פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. אָבער את חטאתי אני מזכיר היום, מען פלעגט עובר זיין אַמאָל אויף דעם דאָזיקן לאַו.

# מיט דער שיף „קאמפידאליא״ קיין חיפה

נאכן פארענדיקן די מיליטער איבונגען זענען מיר אפגעפארן אויף דער איטאליענישער שיף „קאמפידאליא״ קיין ישראל. 250 עולים זענען מיר געווען. צווישן זיי — א העלפט יונגעלייט ספעציעל פאר׳ן מיליטער דינסט. די איבעריקע סתם עולים. אין פארט ווענעציא האבן מיר זיך ארויפגעזעצט אויף דער שיף. איך בין געווען פון די ערשטע עולים צו קריגן א אידישע וויזע אויף מיין פאספארט. איך דריי דעם פאס אהין און אהער און איך פריי זיך אין הארצן. כ׳האב דאס געפיל צו מאכן „שהחיינו״ נאך 2 טויזנט יאר.

7 טעג פארן מיר ביז די וואסערן צו ישראל. מיר פארן פארביי ציפערן. מיר שטייען אין פארט פאמאגוסטא, דער הויפט פארט פון ציפערן. עס קומט ארויף צו אונז א שליח פון ישראל, וועלכער ווײלט דא ביי די אידן פון ציפערן. מען שמועסט זיך פאנאנדער. ער דערציילט, אז דער טאג איז ניט ווייט ווען די לאגערן דא וועלן ליקווידירט ווערן און די עפאפייע ציפערן וועט פארענדיקן איר רומפולן קאפיטאל. כ׳בליק פון ווייטן אויף די בערג פון ציפערן, וועלכע זענען באגאסן מיט די שטראלן פון דער הייסער ברענענדער זון. ציפערן! דאס איז דער סימבאל פון אונזער קאמף פאר ישראל. מיך דוכט זיך, אז איך זע פאר זיך א פעסטונג, א פאר־פאסטן פארן אנקומען צום ציל. דאס האבן די ענגלענדער געבויט די פעסטונג בכדי ניט צו דערלאזן די איבערגעבליבענע פון געטא און קאצעט צוצוקומען צו זייער היים. מיט יעדער שיף אומלעגאלע מעפילים, וואס זיי פלעגן אהער שיקן, האבן זיי אליין זייער פעסטונג געבראכן. וואלט אפשר ציפערן ניט געווען, וואלטן זיי ארץ ישראל אזוי גיך ניט פארשפילט.

איך קוק אויף ציפערן. אן אינזל ווי אלע אינזלען. אבער ניין! מיך דוכט, אז איך זע פאר מיינע אויגן די געשטאלט פון א פארפייניקטן אלטן אידן, אין בארד און פאות, איינגעוויקלט אין טלית און תפילין. שטייט ער איבער דעם אינזל ציפערן; לעבן אים די געשטאלט פון א אידישע מאמע מיט אויסגעלאשענע אויגן און מיט א קאפ גרויע האר. זיי האלטן אויסגע־

שטרעקט די הענט, צעשפרייט, רופנדיק און צונויפקלייבנדיק דאָ דעם קי־בוץ גלויות פון די פאַרבליבענע, פון די פאַרפייניקטע, בכדי דערנאָך, פון דאַנען, צו שטורעמען די ישראל־ברעגן.

עס האָבן זיך אהער קיין ציפּערן געקליבן די שארית הפליטה, אין גע־צעלטן אונטער דער ברענענדער זון האָבן זיך אָרגאַניזירט די פּאָלקן און בריגאַדעס, פאָרמירטע פון פיין און צרות, וועלכע האָבן געשטאָכן די אויגן פון די ענגלענדער און דער וועלט, מאָנענדיק אָן אויפהער: א היים קומט אונז ! ! !

ציפּערן! איך קוק און טראַכט. אן אייביקער בונד איז געשלאָסן גע־וואָרן צווישן דיר מיטן פאָלק ישראל. ציפּערן דאַרף דורך דער ישראל רע־גירונג און פאָלק ישראל ווי א הייליקער פאַר אונז אינזל איינגעשריבן ווערן אין דער היסטאָריע. די באַפעלקערונג פון ציפּערן, די אָרטיקע גריכן, האָבן זיך מיט פיל סימפּאַטיע באַצויגן צו די אידן אין די לאַגערן. ריכטיק איז געווען דער שריט פון דער ישראל רעגירונג צו איבערשיקן געלט פאַר א קינדער־גאָרטן לטובת די אָרטיקע קינדער, אלס אויסדרוק פון אָנערקענונג און סימפּאַטיע פאַר דער באַפעלקערונג פון ציפּערן.

פון פאַמאַגוסטאַ פאָרן מיר אָפּ דירעקט צו די ישראל ברעגן. די גאַנצע נאַכט פאָרן אָנקומען צו די ברעגן פון חיפה, האָבן די פּאַסאַזשירן ניט גע־שלאָפן. מען וויל ניט פאַרזאַמען צו זען די ערשטע קאַנטורן פונם לאַנד פון אונזערע אבות.

פרימאָרגן! די זון שווימט ארויף פון איר שקיעה דורך גרויסע רויטע פייער פאַסן, וועלכע האָבן זיך צעלייגט איבערן מזרח. בלויע און פולע וואָלקן פאַסן פלעכטן זיך אריין אין דעם רויטן זון־אויפגאַנג. די נאַכט טרעט אָפּ איר הערשאַפט צום אויפגייענדיקן טאָג. דער ים איז כוואַליעדיק און די שיף אונזערע שניידט דעם וואַסער פלאַך אהין, אהין צום ציל. פון ווייטנס אַנטפּלעקן זיך די בערג פון לבנון. מיר פאָלן אריין אין די געגנטן פון די היסטאָרישע ערטער אויפן ערד קוגל.

איך שווים אוועק מיט די געדאַנקען צו די קינדער יאָרן, ווען דער פאָ־טער ע"ה פלעגט שבת נאָכמיטאָג, מיט מיר לערנען די סדרה פון דער וואָך. איך פלעג דאַן מיט בענקשאַפט און פאַר'חלומ'טקייט קלערן וועגן די היס־טאָרישע ערטער פון אונזער לאַנד. אלץ — האָט זיך געדוכט דאַן, — איז דאָרט, אין הייליקן לאַנד, איינגעוויקלט אין מיסטעריע.

מיר דערנענטערן זיך צו חיפה, צום פענצטער פון דער אידישער מלוכה אין זייט פון ים. א מאַטראָז פון דער איטאַליענישער שיף מאָנשאַפט צייט

ארויף די ווייס בלויע פאָן. וואָס פאַרא הערלעכער מאָמענט. עס דוכט מיך ווי אין דער לופטן קלינגען די ווערטער: היום היות לעם. דער ים ווינטל גיט א כאַפּ די ארויפגעצויגענע ווייס בלויע פאָן און ציט איר אויס אין איר לענג און ברייט. אזוי איז עס! דער ים געזעץ פון אינטערנאציאָנאַלן שיף פאַרקער, פאַרפליכטעט פון היינט אָן אַלע שיפן, וועלכע קומען אָן קיין ישראל ארויפצוציען די פאָן פון ישראל. און די פאָן, וועלכע איז געווען אין צייט פון מלחמה יאָרן ביי נאַצי דייטשלאַנד, אַלס באַצייכענונג פון דער־נידעריקונג און שפּאָט פאַרן אידישן פאָלק, ווערט פון איצט אָן, ווי א גלייכ־באַרעכטיקטע, זיך איינגלידערן אין דער גאַנצן משפחה פון די פעלקער אין דער גאָרער וועלט.

איך קוק אויף דער פּלאַטערנדיקער פאָן און דערמאָן מיך הערצל׳ס וויזיע: אונזער פאָן — זאָגט ער — וועט זיין א ווייס בלויע, מיט 7 גאָל־דענע שטערן, וואָס וועלן באַצייכענען דעם 7 שעה׳דיקן אַרבעטס טאָג, ווייל דורך אַרבעט וועט דאָס אידישע פאָלק זיך אומקערן צו זיין היים.

קיין 7 שטערנס זע איך ניט אויף דער פאָן, אָבער דורך אַרבעט פון די דורות בילו׳צעס און דורות חלוצים, זענען מיר דערגאַנגען צום מאָמענט פון זען איצט פלאַטערן אויף דער איטאַליענישער שיף די אידישע פאָן.

די ברעגן פון חיפה היטן פאַטראָל שיפן פון דער יו־ען קאָנטראָל. עס איז די צייט נאָך דער ערשטער הפוגה. אונזער שיף שטעלט זיך אָפּ ווייט פון ברעג און צו אונז שווימט צו אויף א שיפל די קאָנטראָל פון „יו־ען". אין קורצע כאקי הייזעלעך, מיט גרינע לענטעס מיטן עמבלעם פון „יו־ען", קומען ארויף די באַאמטע, זיי באַלעבאַטעווען אביסל. פאַרפאַלן מען מוז פאָלגן. מיר זענען לאָיאַל, כאָטש אין הארצן קלערט זיך: די צייט וועט שוין מאַכן אויס אייער אריינמישונג און די ראָד פון דער היסטאָריע וועט איר שוין ניט דרייען צוריק.

נאָכן ערליידיקן די פאָרמאַליטעטן פאַראנקערט אונזער שיף ביים ברעג. ס׳איז דער צווייטער טאָג ווי די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט חיפה. די שטאָט איז איבערגענומען געוואָרן דורך דער מיליטער מאַכט. ביים ברעג שטייען אידישע סאָלדאַטן, פאָרט אַרבעטער און סתם מענטשן. די עולים פון שיף זינגען „התקוה", די מענטשן פון ברעג זינגען מיט און די קלאַנ־גען פון געזאַנג פאַריניקן זיך צוזאַמען. די זעלנער, ענלעך נאָך צו פאַר־טיזאַנען גרופן, ווער מיט א ביקס, ווער מיט א מאַשין געווער און גראַנאַט אין האַנט, שטייען מיליטעריש שטייף אויסגעצויגן. און עס טראָגט זיך

דער עכּאָ פון געזאַנג און לייגט זיך ווי אַ  ת פ י ל ה  צו די ברעגן פון דער ארץ ישראל׳דיקער ערד.

אַ דאָקטאָר שטעלט אינפונג אַלע פּאַסאַזשירן. האָבן פיל מאַמעס אויס געוואוינהייט נאָך פון דער היים, זיך געפּרואווט קעגנשטעלן און בעטן ניט צו קראַצן די לייב ביי זייערע קינדער׳ס הענטלעך. די דאָקטאָרין זאָגט שטרענג: עס איז געזונט און דאָס איז פאַר דעם קינד׳ס טובה וועגן — ביטע שטערט ניט און נעמט ניט צו קיין צייט. די פרויען קוקן זיך איבער און גיבן תיכף נאָך...

אויף דעם ארויפגאַנגס לייטער צום שיף, ביי דעם אריינגאַנג, שטייט אַ אידישער פּאָליציאַנט. די „יו־ען" פאַרשטייער, צוזאַמען מיט אידישע ים אָפיצערן פון דער גרענעץ וואַך, קאָנטראָלירן די פּעסער. פון די פּאַסאַזשירן, מיליטער פייאיקע צום דינסט, ווערן די פּעסער צוגענומען. זיי מוזן גיין אין אַ ספּעציעלן קאָנטראָל לאַגער, ווייל אזוי איז לויטן געזעץ נאָך דער ערשטער „הפוגה", — שטילשטאַנד. ערליידיקט די קאָנטראָל לאָדט מען אויס דעם באַגאַזש וועלכער ווערט דערנאָך קאָנטראָלירט דורך דעם צאָל אַמט. מען נעמט ביי קיינעם קיין אָפּצאָל ניט, אָבער געזעץ איז געזעץ, מען דאַרף אַדורכקוקן.

כ׳זע, אַז אַלץ קלאַפּט נאָרמאַל און ס׳טוט הנאה. מיר זעצן זיך אריין אין אויטאָבוסן און פאָרן אָפּ נאָך דעם בית עולים לעבן חדרה, וואָס ליגט צווישן חיפה און תל אביב. די אויטאָבוסן לויפן געשווינד און עס פליען פאַרביי הייזער, גאַסן, פעלדער, שאָסייען און גרינע יונגע וועלדער. איך זוך צו געפינען מיט די אויגן דעם מדבר פון אונזער לאַנד, אָבער איך זע ארום בלויז שטראָמענדיק לעבן. אַלע שווייגן, מען קוקט דורך די פענצטער פון אויטאָבוס און יעדערער איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. דער וועג איז פול מיט באַריקאַדן און שטעכל דראָט פאַרצוימונגען. אָפּט, זייער אָפּט מיליטער פּאָסטנס. מען שטעלט אָפּ. מען רעווידירט. אַלץ מוז זיין אין אָרדענונג. שלום! מיר פאָרן דורך די ערשטע דערפער וואָס ליגן צווישן חיפה און חדרה. וואו עס וואוינען אראבישע תושבים. נידעריקע פאַרלאָזענע הייזקעס, לעבן זיי אַראַבער, וועלכע באַגלייטן יעדע באַוועגונג אויף דעם שאָסיי מיט אומרו און נייגער. דער אויטאָ פאָרט אריין אין בית עולים און מען קוואַרטירט אונז איין יעדן אויף זיין פּלאַץ.

# אין בית עולים אין חדרה

ווען עס פאַלט צו פאַרנאַכט גייט מען אַרויס באַקוקן ישראל. יעדע קלייניקייט וואָס איך זע און יעדער שפּאַן ערד וואָס איך באַטרעט, מאַכט מיך פילן, אַז איך בין אין ישראל.

איך טראַכט: די זון איז די זעלבע, די ערד די זעלבע, דער ים דער זעלבער ווי אין דער גאָרער וועלט. דאָך פילט זיך עפּעס גאָר אַנדערש אין לאַנד ישראל, פּאָרט דאָס לאַנד פון אבות אבותינו, פּאָרט דאָס ל א נ ד פון אברהם, יצחק און יעקב!

די מענטשן זיצן שטיל און פאַרטראַכט, זעען אויס צו זיין אויסגעמאַטערט, אָבער אַ גליקזעליקייט ליגט אויף זייערע פּנימער. זיי מאַכן איצט דעם לעצטן חשבון הנפש נאָך זייער לאַנגן קאַמף מיטן אייגענעם גורל. און איך ווייס, עס וועט ניט נעמען לאַנג, און די מענטשן וועלן אויפהויבן זייערע אויגן, וועלן באַקוקן אַלץ אַרום און אַ פרייד וועט ב א ה ע ר ש ן זייערע נשמות. זיי וועלן דאַן אָנהויבן איינוואָרצלען זיך און זיך צופּאַסן צום לעבן אין ישראל.

ווייסטו, לאַנד מיינס, ווער עס זיצט איצט צו פוסנס פון דיין בית עולים אין חדרה?

ווייסטו, לאַנד מיינס, ווער זענען דיינע געסט די איצט צוגעקומענע?

איבערגעבליבענע פון שפּאָט און פון חוזק, אויסגעלאַכט און צעטראָטע־נע, און דאָך האָב זיי, בייגעשטייערט דעם גרעסטן און דעם דעצי־דירנדיקסטן חלק אין דעם קאַמף פאַרן אידישן שטאַט. איז נעם זשע זיי אויף אין דיינע אָרעמס, וואַרעם זיי, און טרייסט זיי. ג י ס אַריין האָפענונג און לעבן אין זייערע הערצער. דאָס זענען דאָך דיינע קינדער. נעם זיי אַריין אין דיין שויס און גלעט זייערע מידע קעפּ. די ביימער אַרום האָבן זיך שטיל באַוועגט און עס האָט זיך געדוכט ווי זיי שושקען זיך איבערן סוד און גורל פון די ניי אָנגעקומענע. און אוועקטראָגנדיק די נייעס צום הארץ פון לאַנד, האָבן זיי אַוועקגעלייגט, צו פוסנס פון ישראל רעגירונג די ידיעה, אַז נייע עולים צווישן זיי, אַ העלפט יונגע פאַרן פראָנט, זענען אָנגעקומען. די סטאַ־טיסטיק האָט פאַרצייכנט דעם אָנקום, די צאָל נייע צימערן, וועלכע מען דאַרף בויען און די שפּייז און די הצטרכות'ן וואָס מען דאַרף צוגרייטן פאַר זיי.

פרימאָרגן אין בית עולים!

די זון גייט אויף, העל, רויט. די קאָלאָניעס שטייען אויף צום לעבן. די עולים קוקן זיך ארום און ד ע ר ז ע ע ן ישראל אויפן וואָר. שיינע דערפער און שטעטלעך איינגעטונקט אין גרינס. עס הערן זיך קוואַקערייען פון הינער, אייזלען שרייען, בהמות מרוקען. אויפן שאָסיי פאָרן פויערים — מיט וועגע־נער געשפּאַנט אין 2 פערד. אויף דער קעלניע זיצט די פרוי און קינד פון פויער. ער זעט אויס, ווי דער פויער, דער „גוי", וואָס פלעגט פאָרן אַמאָל אין גויאישן דאָרף. אָבער דאָ איז דער „גוי", אַ אידישער פויער. אַ גוטער איד, מיט אַ לאַנגע באָרד, פאָרט אויף אַן אייזעלע. ער האָט ניט מורא, ער ציטערט ניט, ער איז אָפּגעברענט פון דער זון, אָבער פרום ווי אין גלות. עס קומען אין לאַגער, אויף דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, אידישע פרויען מיט זייערע טעכטער, וועלכע טראָגן קורצע הייזעלעך און זענען אָפּגעברענט פון דער זון. זיי טוען דאָ די „פּראָסטע" אַרבעט, וואָס עס פלעגן טאָן „גויים" אַמאָל אין אונזערע היימען. די עולים באַקוקן אַרום דאָס לעבן. אָט איז אַ מנין אין אַ געצעלט געשאַפן. מען כאַפּט אַריין אַ שחרית. מען זאָגט מה טובו אהליך יעקב, מען בליקט אויף די קאָלאָניעס אַרום. יע, עס שטימט. ותחזינה עינינו לציון ברחמים. איז אָט איז מען דאָך שוין אין ציון, אָבער עס איז מלחמה, צעגייט מען זיך אין דבקות פאַר אונזער נצחון. אין אַ צווייטן געצעלט האָט אַ יונגערמאַן ארויסגענומען אַ פידל, שפּילט אויס זיין טרויער און פרייד אויף די סטרונעס פון זיין אינסטרומענט. אַ יונג מיידל מיט פעך שוואַרצע האָר, מיט אידישן חן זינגט דאָס ליד „מיין שטע־טעלע בעלז"... און פאַרענדיקט מיט דעם ליד פון כנרת.

אויטאָס באַוועגן זיך אין לאַגער הין און צוריק. זיי ברענגען כסדר די געקומענע עולים.

די ערשטע הפוגה — שטילשטאַנד אויף די פראָנטן האָט זיך נאָך גע־צויגן אַ 10 טעג. מיר — די יונגע מיליטער פייאיקע זיצן דערווייל אין לאַ־גער. מען טאָר דעם לאַגער ניט פאַרלאָזן, אזוי האָט פאַראָרדנט דער שוועדי־שער גראַף בערנאַדאָט. דאָך ווי זיצט מען איין, ווען אין קרית חיים לעבן חיפה, אַנדערהאַלבן שעה רייזע פון פלאַץ וואו איך בין, געפינט זיך אַ שוועס־טער, וועלכע איך האָב ניט געזען 15 יאָר. קלער איך מיך: אָך, דו גראַף בערנאַדאָט, געוויס שיקסטו צו דיין פאַמיליע יעדן טאָג טעלעגראַמעס און פרעגסט וואָס מאַכן זיי און מיך ווילסטו ניט לאָזן פאָרן זען אַ שוועסטער, וואָס איך האָב אזוי לאַנג ניט געזען. איז דאָס ריכטיק, ליבער גראַף?...

# מיט א „טרעמפ“ קיין קרית חיים

קיין שטעכל עלעקטרישע דראטן זענען ארום אונזער לאגער ניטא, קיין מאשין געווער היט ניט דעם ארויסגאנג פון לאגער. באשלים איך זיך אראפכאפן אויף עטלעכע שעה נאך קרית חיים. איך כאפ זיך אריין אין חדרה, פון וואנען איך פאר מיט א „טרעמפ“ נאך חיפה. איר ווייסט געוויס ניט וואס איז דאס א „טרעמפ“. אין ישראל איז עס פאפולער. אויף די שאסייען — איבערהויפט אין צייט פון קריג, — פלעגן אלע לאסט וואגנס און טעקסים אפגעשטעלט ווערן, בכדי צו צונויפזאמלען די פאסאזשירן און אפפירן זיי בחינם צו זייער פלאץ. ווייל די הויפט טראנספארט מיטלען זענען געווען מאביליזירט פאר דער ארמיי. איז פארן מיט אזא לאסט וואגן, הייסט כאפן א פאר מיט א „טרעמפ“. פארבייגייענדיק כאפ איך מיך אריין אין חדרה אין א געשעפט וואו די פארקויפערין איז אן עלטערע אידישע פרוי, איך קויף א פאר קורצע באקי הויזן. אז מען וויל ווערן אן עכטער ישראל בירגער, מוז מען אנטאן א פאר קורצע באקי הויזן. די פרוי כאפט מיט מיך א שמועס. פאראינטערעסירט זיך פון וואנען איך קום. ווען זי הערט, אז פון קובא געקומען פרייוויליק צו דער ארמיי, שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן. זי דערציילט, אז זי האט שוין באוויזן אוועקצוגעבן איר איין און איינציקן זון אויפן מזבח פארן פרייהייטס קאמף, אבער — פארענדיקט זי — איך בין שטאלץ אויף דעם. גיך האבן די פארגלעזערטע אויגן ביי איר אנגענומען דעם נארמאלן קוק. איך האב געזען פאר זיך א נייעם טיפ אידישע פרוי. יא, איך האב זיך צונויפגעטראפן מיט דער ארץ ישראל'דיקער ווירקלעכקייט.

מיטן „טרעמפ“ פאר איך קיין חיפה. דער שאסיי איז גלאטיק. עס פליען פארביי פייסאזשן פון ישראל'דיקער לאנדשאפט: הייזער, ביימער, גרינס, פעלדער, דערפער, שטעטלעך און דאס אויג כאפט אלץ אויף פון רעכטס און לינקס. אויף יעדע צענדליק קילאמעטער, ביידלעך, קרעמלעך, וואו מען כאפט אן איבערביים, א קאלטן טרונק, אדער סתם א מיץ צום אפפרישן זיך. עס דוכט זיך ווי די פלעצער זענען געארדנט צוליב דעם וואויל-

זיין פון די דורכפאַרנדיקע. די „טרעמפּיסטן", זענען נייע עולים פון גאַר דער וועלט... און באַקוקן אַלץ מיט נייגער. זיי וווּנדערן זיך אָפּט צו מיך מיט פראַגן, איך פאַרשטיי זיי מיינען אַז איך בין אַ היגער, אַ ישׂראלדיקער. אפשר צוליב מיינע קורצע באַקי הויזן, וואָס איך טראָג. איך דערקלער זיי, אַז איך בין אַזוי „גרין" ווי זיי און פאַרזיכער זיי, אַז מיט דער צייט וועלן מיר כאַפּן דעם שניט און וועלן זיך „אויסגרינען". בפרט איז עס גרינג איצט, ווען עס איז מלחמה און יעדערן ווערט געגעבן אַזאַ מעגלעכקייט. דער אויטאָבוס דערנענטערט זיך צו חיפה. מיר פאָרן פאַרביי ענגלישע מאַטעריאַל סקלאַדן, וועלכע ציען זיך קילאָמעטערס ווייט. איך קוק און איך קלער: מילא קיין רעה האָבן די ענגלענדער אונז ניט געטאָן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אַזעלכע ריזן געביידעס. ווי שטייט אין דער מגילה: וגם חרבונה זכור לטוב... מיר פאָרן לענג אויס דעם ברעג פון ים, וועלכער איז שוימיק און שווענקט מיט בייזקייט די ברעגן.

דער אויטאָבוס „טרעמפּ" פירט אונז אַריין אין חיפה. עס איז ערשט אייניקע טעג נאָך דעם ווי די ענגלענדער זענען אַרויס. די אַראַבער האָבן אויך פאַרלאָזט די שטאָט. ווי שטייט עס דאָרט: עס איז געפאַלן אויף זיי אַ פּחד... און ממש טאַקע אַ פּחד. זיי זענען געלאָפן מאַסנווייז דורך יבשה און ים, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף גאָטס באַראָט. די אידן וואָלטן זיי קיינמאָל ניט אַרויסגעטריבן, אַז זיי האָבן אָבער געפאָלגט זייער „גוטן" פריינט, די ענגלענדער, צו פאַרלאָזן חיפה, יפו און נאָך אַנדערע פלעצער האָבן די אידן גאָרניט געקענט העלפן דערצו... „מיר וועלן שנעל באַזעצן חיפה און איר מאַכן ריין אידיש", זאָגט צו מיר אַ חיפה'ער איד. דער חיפה'ער פּאָרט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסן מאָדערן טעכניש גוט איינגעאָרדנטן פּאָרט. ער איז דער גרעסטער אין דעם מיטעלן מזרח. ריזיקע סקלאַדן ציען זיך לענג אויס דעם ברעג. פילע, פילע קאָמפּאַניעס האָבן דאָ זייערע פאַרטרעטערשאַפטן. שיפן פון גרעסטן טאָנאַזש קענען אַנקערן דאָ. ריזן וואַרשטאַטן פאַר שיף פאַרריכטונג. ספּעציעלע באַן ליניעס גייען אַריין אין פּאָרט צום אַריינפירן און אָפּפירן סחורות. די אונטערשטע טייל שטאָט איז אין צושטאַנד פון כאַאָס, די מיליטער מאַכט האָט דאָ איבערגענומען דעם אויפזיכט איבער די פּוסטע הייזער. נאָך די הייזער נאָך איז קענטיק, אַז די אַראַבער האָט זיך דאָ ניט שלעכט געלעבט.

עס דערציילט מיר אַ חיפה'ער איד מיט וואָס פאַראַ פּאַראַד די ענגלענדער זענען אַרויס פון חיפה. דער הויפּט קאָמענדאַנט פון חיפה'ער גאַרניזאָן האָט אין וואַרעמע ווערטער זיך געזעגנט מיט חיפה און געזאָגט, אַז ער

נעמט מיט די בעסטע איינדרוקן פון זיין לעבן דאָ אין לאַנד. און מען קען אים גלויבן: די ענגלענדער האָט זיך ניט שלעכט געלעבט אין ישראל... מען האָט באַוויזן קאַליע מאַכן אַביסל שיס כלים ביי די ענגלענדער, מען זאָל זיי ניט קענען לאָדן אין טראַנספּאָרט צום אַרויספירן. דאָס איז שפּעטער צו־נוץ געקומען.

דער אויטאָבוס פירט אונז קיין קרית חיים אַרלאָזורוב, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון קרית מוצקין און קרית ביאַליק. מיר פאָרן פאַרביי די רעפּיי־נעריעס, וואו ערשט ניט לאַנג איז פאָרגעקומען די גרויזאַמע שחיטה פון די אַראַבישע אַרבעטער איבער זייערע אידישע חברים. ווייטער ציט זיך דער מפרץ חיפה, דער „מאַנטשעסטער" פון ישראל. דאָ זענען פאַראַן פאַבריקן פון מאַשינען געבוי, שיפן געבוי, גלאָז, קינסטלעכע אייז, שמן און אַנדערע. לענג אויס דעם שאָסיי פון ביידע זייטן ציען זיך די פאַבריקן מיט זייערע הויכע קוימענס, וועלכע רויכערן אָן אויפהער. עס ציען זיך אויך גרויסע פעלדער, פּוסטע נאָך, וואו עס וועלן אויפגעשטעלט ווערן מיט דער צייט גרויסע פאַבריקן און געביידעס. מיר דערנענטערן זיך צו קרית חיים. מיר פאָרן אַדורך די פּאָליציי סטאַנציע. די פּאָליציי סטאַנציעס אין ישראל זע־נען ניט סתם קיין געביידעס. די ענגלענדער האָבן ניט געזשאַלעוועט בויען אין יעדן פּונקט, שוין אָפּגערעדט פון די גרעסטע פּונקטן, פּאָליציי סטאַנ־ציעס, וואָס זענען ענלעך צו פעסטונגען. שיינע געביידעס מיט פיל צי־מערן, מיט אָבסערוואַציע טורמעס, ראַדיאָ סטאַנציעס, פּאָזיציעס צום פאַר־טיידיקן זיך, א. ד. ג. איצט וועלן זיי אונז גאַנץ גוט צונוץ קומען. פאַרפאַלן — קלער איך מיך — מען וועט דאַרפן דעם ענגלענדער אָפּט צום גוטן דערמאָנען.

# אין „קרית חיים“ ביי דער שוועסטער

קרית חיים איז שיין און אידיליש. זי טונקט זיך אין גאנצן אין גרינס. אזוי ווי איך וויים ניט דעם אדרעס פון מיין שוועסטער, נעם איך ארויס די פאטאגראפיע פון איר פאמיליע און ווייז א מיטפארערין אין אויטאבוס, וועלכע זאגט מיך גלייך דעם אדרעס, ווייל זיי האבן אמאל צוזאמען געאר־בעט.

איך קום אן צו זייער הויז. דער שוואגער באגיסט פונקט די יונגע ביימעלעך לעבן שטוב. איך שטעל זיך פאר ווער איך בין און צעקוש זיך מיט אים.

אויף דעם הויף, אין זאמד, לויפט ארום א מיידעלע פון א יאר 5. איך פארשטיי, אז דאס איז מיין פלימעניצע. הייסן הייסט זי מלכה׳לע, א סאַ־ברעלע און איז גאר מיוחס׳דיק ביי זיך. וויל זי צו ערשט וויסן ווער איך בין, דאן נעמט זי מיך פאר דער האנט, פירט מיך צו איר „אמה׳לע“. דא ערשט קומט די עכטע באגעגעניש. 15 יאר זיך ניט געזען... ווען דער ערשטער איינדרוק איז פארביי, ווייזט זי מיר איר רכוש: צו ערשט די צוויי מיידעלעך, סאברעלעך. איך זע, אז איך האב זיך מיט זיי ניט געגארט און עס איז אפילו צוליב דעם אליין כדאי געווען צו קומען. דאן ווייזט זי מיר איר שטיבל, ארום וועלכער ס׳וואקסן בלומען און גראז מיט יונגע ביימעלעך. דאס איז נאך א פרישע שכונה, וואס ציט זיך פון קרית חיים ביז צום ים כמעט. זי דערציילט מיר, אז דער מאן ארבעט אין די רעפיינערים און איז על פי נס ניצול געווארן פון דער שהיטה, וועלכע די אראבער האבן דארט דורכגעפירט.

דער שוואגער האט מיר דערציילט: עס איז געווען א נארמאלער אר־בעטס טאג — פלוצלונג האבן די אראבישע ארבעטער זיך געווארפן אויף זייערע אידישע חברים און מיט אויסגעשרייען: „אויסקוילענען די אידן“, האבן זיי אנגעהויבן מארדן. זיי זענען געווען פיל, באוואפנט און די פאר־טיידיקונג איז געווען אויסזיכטלאז.

זיי האבן אויסגעקוילעט עטלעכע, דערציילט מיר דער שוואגער — איך

האָב, מיט נאָך אַ חבר, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוידעם, מיטנמענדיק אַ שטאַבע אייזן אויף יעדן פאַל און אזוי על פי נס זענען מיר ניצול געוואָרן.

די שוועסטער ווייזט מיר אויף אירע סאַבראַלעך; זייער זכות איז ווייזט אויס בייגעשטאַנען.

נאָכמיטאָג האָב איך געהאָלפן בויען אויפן הויף אַ באַשיצונגס גראָבן קעגן באָמבאַרדירונגען. יעדע 3-2 שכנים פלעגן בויען אַ „מקלט" — באַשיצונגס גראָבן קעגן באָמבאַרדירונגען.

עס דערמאָנען זיך די טעג פון מלחמה מיט דעם דייטש אין פוילן, ווען איך בין געווען אַ זעלנער אין דער פוילישער אַרמיי. עס דערמאָנט זיך די מלחמה קעגן דייטש אין 1941, ווען איך בין געווען אין דער רוסישער אַרמיי. באָמבאַרדירונגען, קרבנות, הונגער, קעלט. אַך! טראַכט איך מיך: ווייזט אויס עס איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט צו מלחמה'ווען. מילא, זאָלן מיר אַריינטראָגן אויך אונזער קוילן שיסעריי אין געראַנגל פון דער מלחמה און לאָמיר עפּעס פאַר זיך אויסקעמפן. אַז פעלקער וועלן באַשליסן אייביקן שלום, וועלן מיר געוויס זיין פון די וואָס וועלן צושטימען מיט גרויס צופרידנהייט.

איך בליק אַרויס פון פענצטער און איך זע פאַר זיך די נייע שכונה פון קרית חיים, וועלכע ציט זיך צום ים. נידעריקע, מאָדערנע הייזקעס ציען זיך אין לאַנגע שורות, אַרום אין זאַמד. דאָ איז אַ ניי געגרינדעטע שכונה, וועלכע ברייטערט אויס קרית חיים צום ים. לעבן יעדן הויז פאַרזעצט ביימעלעך, בלומען און גרינס, וועלכע ווערן זאָרגפעליק געפלעגט. אַלץ ווערט דאָ ביסלעכווייז געפלאַנצט ווייל די איינוווינער זענען פועלים, וועלכע קענען זיך ניט ערלויבן צו טאָן אַלץ אויף אַמאָל. יעדן יאָר קומט צו אַ ביימעלע אַ גרעזעלע, אַ ביסל גרינס. עס וועלן אַוועקגיין יאָרן און די זאַמדן וועלן פאַרשווינדן און די נייע שכונה וועט זיך טונקען אין גרינס, פונקט ווי עס טונקט זיך אין גרינס די אַלטע קרית חיים.

כ'האָב דערזען די ישראל ווירקלעכקייט, ווי אזוי דאָס לאַנד בויט זיך און ווי אזוי מען וואָרצלט זיך איין דורך אַרבעט און שוויים; דורך עקשנות און ליבשאַפט צום באָדן און צום שווערן לעבן אַרום. איך האָב מיט אָפּשיי געקוקט אויף די מענטשן אַרום, אויף זייער שכונה.

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרבראַכט אַ קורצע צייט מיט מיין פאַמיליע, פאָר איך צוריק נאָך חדרה. אויף דעם וועג כאַפּ איך זיך אַראָפּ אין קיבוץ יגור, וועלכער איז איינער פון די עלטסטע און גרעסטע קיבוצים פון קיבוץ

המאוחר. איך וויל דאָ אָפּזוכן מיין לאַנדסמאַנקע די העלדין פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, צביה לובעטקין.

איך טרעף צביה׳ן אַרבעטנדיק אין לול ביי די הינער. זי איז אָנגע־טאָן אין קורצע הייזעלעך, פאַרשוויצט און אַריינגעטאָן מיט אַזאַ התמדה אין דער אַרבעט, אַז זי באַמערקט מיך ניט. ווען איך שטיי לעבן איר אַ שפּאָר ביסל צייט. דער לול איז פול מיט ווייסע הינדעלעך, וועלכע שרייען און קוואָקטשען אָן אויפהער. איך קוק אויף צביה׳ן און קלער: איך געדענק זי נאָך פון דער היים, ווען זי איז געקומען זיך פאַרשרייבן אין סניף „החלוץ", וואו איך בין דאַן געווען מזכיר. וואָס פאַראַ הערדאַישן וועג זי האָט אַדורכ־געמאַכט נאָך איר אָפּפאָרן אויף הכשרה! קומענדיק קיין ישראל האָט איר דער ישוב אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם. געוויס האָט זי געקענט פּריוואַט זיך גוט איינאָרדענען. מען וואָלט איר געגעבן די מעגלעכקייטן דערצו. לעבט אָבער צביה אין קיבוץ יגור און מאַכט דאָ אַדורך די פּיזישע הכשרה פון האַרבן ארץ ישראל לעבן, בכדי שפּעטער זיך שטעלן מיט איר מאַן אַנטעק בראש פון דעם ניי געגרינדעטן קיבוץ אויף דעם נאָמען פון לוחמי הגיטאות — די קעמפער פון געטאָס. און די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז גראַדע דער קיבוץ זאָל געגרינדעט ווערן אויף ערד, וואו עס איז פריער געווען אַ דייטשישע קאָלאָניע...

איך שמועס זיך פאַנאַנדער מיט צביה׳ן וועגן אוועקגעגאַנגענע טעג און יאָרן. אַזוי ווי די הינער קוואָקטשען און רופן איר צו זיך, מוזן מיר אונזער שמועס פאַרקירצן און ביי אַ געלעגנהייט זאָג איך צו אַראָפּכאַפּן זיך נאָך אַמאָל קיין יגור.

פון יגור פאָר איך צוריק נאָך חדרה אין בית עולים פון אַגרובנק. דורך דער צייט ענדיקט זיך די הפוגה, דער צייטווייליקער שטילשטאַנד. אויס מיט דעם זיצן אין בית עולים. די „אָנו" קאָנטראָלאָרן האָבן שוין מער דאָ ניט וואָס צו זאָגן. מען שטעלט זיך אין ריי צום ערליידיקן די פאָרמאַלי־טעטן. יעדערער קריגט די ערשטע פאָר פונט, מען גיט צוריק די קאָלדרעס, מיט די בעט צייג, מען לאָדט זיך אויף אויטאָבוסן און מען פאָרט אין מילי־טער לאַגער.

# אין מיליטער לאַגער פון בית-ליד

מיר קומען אָן קיין בית־ליד, וואָס איז לעבן נתניה, ניט ווייט פון תל אביב. בית־ליד איז געווען פאַר די ענגלישע צייטן אַ גרויסער מיליטער לאַגער. איצט איז דאָ אַ מאָביליזיר פונקט, וואו מען גייט אַדורך די ערשטע מאָביליזאַציע פאָרמאַליטעטן. ביי לאַנגע טישן זיצן דאָקטוירים און מען שטעלט זיך צום „פריזיוו״, ווי אַמאָל אין די היימען, ווען מען איז צוגענומען געוואָרן אין מיליטער דינסט.

אַמאָל פלעגט מען אין שטעטל, אין פוילן, צי אין רוסלאַנד, באַגלייטן מיט טרערן און האַרץ קלעמעניש אַ זון, וואָס איז אָפּגעפאָרן דינען דעם קייסער. איצט קומט פאַר עפּעס אַנדערש. אידישע בחורים און מיידלעך, פרייוויליק, מיט פרייד אויף די פּנימ׳ער, מיט האַרבער אַנטשלאָסנקייט און מיט שטאָלץ אין די אויגן, גייען אַדורך די פּראָצעדור פון צושטעלן זיך צום דינסט. ביי די טישן זיצן אידישע טאַטעס און מאַמעס, דאָקטוירים, וועלכע זענען בודק זייערע קינדער. און מען איז בודק שטאַרק, אַלע חושים און איברים. איז מען מיט עפּעס ניט אין אָרדענונג, שיקט מען צו אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. די קינדער בעטן זיך: איך בין געזונט, צו וואָס די פּראָצעדורן? אָבער געזונט איז געזונט, מען מוז אונטערזוכן. די קאָמיסיע מאַכט עס גע־נוי און פּינקטלעך. איך קוק און טראַכט: מען קען מאַכן אַ שהחיינו... און אויב דו זאָלסט וועלן, קענסטו פון דיין ערשטן טאָג אָנקומען נאָך ישראל, אויף יעדן שריט און טריט מאַכן אַ שהחיינו.

מען גייט אַדורך די קאָמיסיע און מען קריגט דעם סוג בריאות, דאָס הייסט, געזונט׳ס קאַטעגאָריע. דאַן גייט מען אַדורך די איבעריקע פאָרמאַ־ליטעטן און מען באַקומט דאָס מיליטער ביכל און פון דעם מאָמענט אָן ווערט מען אַ סאָלדאַט, אויס ציווילער בירגער. דו ביסט שוין אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון מיליטער מאַכט. גייסט אין סקלאַד און באַקומסט די מיליטער אָנטועכץ: אַ פּאָר קורצע כאַקי הייזעלעך, אַ כאַקי העמדל, אַ פּאָר פעסטע גע־בויטע סאָלדאַטן שיך, זאָקן און נאָך קליינִיקייטן. מען טוט זיך איבער און

מען פילט זיך ווי פריש געבאָרן. ד ווערסט אַ נייער מענטש! מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם עול פון פּרנסה, די אַלע פּראָבלעמען פון ציווילן לעבן, און מען ווערט אַ מענטש אָן דאגות. איך טראַכט, אַז עס איז אָפּטמאָל אין לעבן גאַנץ גוט צו קריגן די געלעגנהייט אַרויסצוגיין פון אַלע טעגלעכע דאגות און ווערן אַ מענטש, וואָס וואַרט צו קריגן דעם באַפעל און אויס־פילן די סאָלדאַטן־פליכטן. בפרט, ווען מען האָט נאָך אַן אידעאַל דערביי אויך.

די יונגוואַרג איז פריילעך, מען וויצלט זיך, מען כאַפּט אַ קיבעץ איי־נער מיט דעם אַנדערן. אָט האָט איינער אַן אוניפאָרם גאָרניט צוגעפּאַסט צו זיין מאָס. אַליין האָט ער אויך ניט קיין אויסזען פון קיין סאָלדאַט. דערכאַפּט עס חברה און מען נעמט אים אויפן צימבל. הכלל די זעלבע דערשיינונגען ווי אין אַנדערע ניט אידישע אַרמייען.

פילע יונגע מאָביליזירטע, אין זעלנער קליידער, גייען פּאַרביי. חברה מאַכן קאָמפּלימענטן. מען זאָגט אַ גוט וואָרט אַ בחורה. איינער וויצלט זיך און זאָגט אַז דאָס הארץ זאָגט אים נביאות, אַז גראַד דורך דעם מי־ליטער וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט אויסזוכן זיך אַ כלה, און אַזוי ווי ער איז אַן אונטער אָפיצער פון די אַרמייען, וואו ער האָט געדינט, וועט ער אויך געווים אין דער אידישער אַרמיי קריגן עטלעכע בענדלעך, און אַלס אונטער אָפיצער וועט ער האָבן שאַנסן דערצו...

דער טרומפּייט שאַלט אויס דעם אָנזאָג צו גיין צום עסן. אויסגעשטאַטע זעלנער זעצן זיך אויס ביי לאַנגע טישן און מ'וואַרט אויף דעם עסן. איך בליק אַרום זיך און טראַכט: שוין וויפל מאָל געזעסן ביי סאָלדאַטן טישן, אָבער מען פילט זיך עפּעס דאָ היינט אַנדערש. טאַקע צווישן זעלנער, אָבער ניטאָ קיין זעלנער גייסט.

די לידער וועלכע מען זינגט, זאָגן ניט וועגן קיין קאַזאַרמע לעבן. מען זינגט וועגן עמק, וועגן גליל, וועגן כנרת און „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

איך בליק אויף די פּנימ'ער. ניט קיין סאָלדאַטן פּנימ'ער, די אויגן — ניט קיין חיה'שע סאָלדאַטן אויגן, ווי ס'פּאַסירט געוויינלעך. איך בליק צו די טישן פון די בנות „חן", די פרויען סאָלדאַטן. ניט קיין אויסזען פון קיין זעלנערקעס. איך וואָלט גיכער געזאָגט ענלעך צו קראַנקן שוועסטערס, נאָר ניט אין ווייסן אָנטועכץ. זיי חנ'דלען זיך און כאַפּן בליקן צו די טישן פון דער חברה. איך זע פאַר מיינע אויגן אַ נייע אַרמיי, פון ניט קיין פּראָפע־

סיאָנעלע זעלנער טיפּן, נאָר פון זעלנער חלוצים; א נייער טיפּ מענטש אין אוניפאָרם פון זעלנער. איך האָב דערפילט די ספּעציעלע אייגנאַרטיקייט פון דער אַרמיי, איר העכערקייט איבער די אַלע איבעריקע אַרמייען און די ליפּן האָבן געשעפּטשעט א תפילה צום אַלמעכטיקן: זאָל זי, די אַרמיי אונ־זערע, אויספילן אירע פליכטן אין דעם זעלבן גייסט, וואָס מען פילט איצט ביי איר גרינדונג.

דער מאַלצייט איז געענדיקט. דער טרומפּייט רופט צום פּאַראַדן מאַרש. די זעלבע חלוצים אַרמיי, ווערט פאַרוואַנדלט אין מאָמענט אין עכ־טע זעלנער. גלייכע שורות, הענט און אַקסלען שטייף אויסגעצויגן. באַ־פעלן אַרמייאישע: רעכטס׳ם קער! לינקס קער! אויסגלייכן די שורות! איבערציילן זיך! עס פאַלן די באַפעלן שטרענג חבריש. עס ציילן די שטי־מען הויך זעלנעריש. עס מאַרשירן די זעלנער גלייך און ריטמיש. די חלו־צים אַרמיי נעמט אָן דעם אויסזען פון א וועלט אַרמיי. עס מישט זיך אוים דיסציפּלין, זעלנערישקייט, מיט חבר׳ישקייט צוזאַמען.

טויזנטער, טויזנטער פלעגן יעדן טאָג אדורכגיין די פּראָצעדור פון צו־שטעלן זיך צום מיליטער. די קאָמיסיעס האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט. ניטאָ קיין צייט, דאָס לאַנד איז אין געפאַר. און ווען עס פלעגט צופאַלן די נאַכט, פלעגט אַלץ ארום אויסגעלאָשן ווערן, קיין פייערן פלעגן ניט אָנגע־צונדן ווערן ווי א פאַרהיטונג קעגן באָמבאַרדירונגען. נאָר וואו ניט וואו פלעגט מען דערבליקן א ליכט פון א נאַכט פאַנאַר. אין די געצעלטן פלעגן חברה שליסן באַקאַנטשאַפט צווישן זיך און שעפּטשערייען פלעגן זיך הערן אין דער שטיל.

# עס פאָרמירט זיך די אידישע אַרמיי — די „צבא הגנה לישראל"

אין מאָביליזיר לאַגער פון בית־ליד גייט אָן אַן אינטענסיווע אַרבעט. טויזנטער, טויזנטער ווערן יעדן טאָג איינגעגלידערט אין די רייען פון צבא ההגנה לישראל.

עס קומען אָן אידישע בחורים פון דייטשלאַנד, איטאַליע, עסטרייך און פראַנקרייך. זיי קומען פרייוויליקע פון די לאַגערן פון דער שארית הפליטה. מען קומט אויך פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פון אַפריקע און אפילו פון ווייטן אינדיע ביז די סקאַנדינאַווישע לענדער. זיי ווערן פון שיף אויף אויטאָבוסן טראַנספּאָרטירט אין די מיליטער לאַגערן.

צווישן די מאַרשירנדע נייע מאָביליזירטע זעלנער, באַגעגן איך אַמאָ־ליקע חברים פון מיין לאַגער אין דייטשלאַנד. אָט באַגעגן איך אויך דעם פאָרזיצנדער פון אידישן קאָמיטעט אין דעם קינדער־לאַגער וואו כ׳בין גע־ווען. מיר שמועסן זיך פאַנאַנדער. ער וויל דוקא איך זאָל אים דערציילן וועגן לעבן אין קובאַ און וועגן די אַקטיוויטעטן פון דער אידישער קאָלאָניע. איך לייג עס אָפּ אויף שפּעטער. איך דערצייל אים אין קורצן, אז פאַרן קובאַנער אידישן ישוב, זענען ביי מיר פאַרבליבן וואַרעמע סענטימענטן. איך דערצייל פון דער שיינער נאַטור אין קובאַ, און פון דער גוטהאַרציקייט פונם קובאַנער פאָלק.

די אַרבעט אין מאָביליזיר־לאַגער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיין רגע. עס ציען זיך שורות זעלנער; אַ טייל צום רעגיסטרירן זיך, און אַ טייל צו באַקומען זאַכן, און איינקוואַרטירן זיך. אין קאַנטינע כאַפּט מען אַ טרונק, אַ שמועס. יעדערער איז קאָנצענטרירט אין דערוואַרטונג און מען ריכט זיך יעדע שעה אויף נייע באַפעלן.

אַלץ אַרום איז ניי פאַר די נאָר וואָס מאָביליזירטע, אַקאָרשט געקומענע. די גאַנצע זאַך פון איינגלידערן אין דער אַרמיי, ווי די אָרגאַניזירונג פון דער אַרמיי בכלל, איז ניי אפילו פאַר די אַלט געזעסענע פון ישראל. אַ ניי

אויפגעקומענע מדינה, א ניי אויסגעוואָקסענע אָרגאַניזירטע ארמיי. אפשר איז דאָס אַלץ ניט אזוי ניי... עס איז בלויז די אויפוואַכונג און אויפלע־בונג פון דאָס איבערגעריסענע אין משך פון צוויי טויזנט יאָר גלות, ביי דעם אַלטן פאָלק ישראל...

ארום בית־ליד לאַגער ציען זיך פּאַרזייטע פעלדער מיט צייטיקע גרינסן. חברה זעלנער לאַנגווייליקן זיך, כאַפּט מען זיך אַדורך די דראָטן פון די אָפּצאַמונגען אין די גערטנער און מען רייסט ארויס א מער אָדער א ברושקע. דערזעט עס א קצין, זידלט ער גוט אָן. דער זעלנער וואָס האָט עס געטאָן, איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקער בחור, אָבער די ארמיי מאַכט שוין דעם מענטשן אביסל הפקרדיק. איך האָב צוגעזען אַזעלכע סצענקעס ביי פּיל זעלנער פון אנדערע ארמייען און עס האָט פאַראינטריגירט צו זען די זעלבע דערשיינונג, אויך מיט א אידישן סאָלדאַט, אויף א אידישן פעלד און אויס־געמוסרט פון א אידישן קצין. הכלל, איך זע, אז די נייע ארמיי פאָרמירט זיך...

נאָכן ערליידיקן אַלע פאָראַליטעטן, פלעגט דער זעלנער קריגן א ביכל מיט א נומער און דאַן איז געבליבן צו וואַרטן אויף דער באַשטימונג אין וועלכן פּלאַץ טראַנספּאָרטירט צו ווערן.

דורך דעם טאָג פלעגן טראַנספּאָרטירט ווערן פּיל גרופּן. פון בית־ליד בין איך אָנגעקומען אין גרויסן דורכגאַנגס לאַגער פון קרית מאיר, לעבן תל אביב.

# אין גרויסן טראַנזיט לאַגער פון קרית-מאיר

קרית מאיר איז אַ פאַרשטאָט פון תל אביב. אויף אַ גרויסן פּלאַץ זענען אויפגעשטעלט געוואָרן טויזנטער פּאַלאַטקעס אין מיליטערישער אָרדענונג.

דער פּלאַץ איז ארומגערינגלט מיט שטעכל־דראָט. דער טויער באַוואַכט פון פּאַטרולן. ניט אַריין, ניט ארויס.

דאָ פלעגן די זעלנער באַקומען זייער אויסשטאַטונג, און אַדורכמאַכן די צערעמאָניע פון אָפּגעבן די שבועה. פון דאַנען פלעגט יעדערער אָפּגעשיקט ווערן, לויט זיין ספּעציאַליטעט און מיליטער קענטעניש, צו דער פאָרמאַציע וואָס איז פאַר אים באַשטימט.

יעדן אינדערפרי פלעגט פאָרקומען אַ פרימאָרגן מסדר. און ווען עס פלעגן קומען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס צו פאָדערן זעלנער פאַר זייערע גרופּן, פלעגן אויך אַזעלכע מסדרים אויסגערופן ווערן די נעמען פון די וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן וואוהין צו גיין און זיי פלעגן גלייך אָפּגעשיקט ווערן.

דורך דעם קרית מאיר לאַגער זענען דורכגעגאַנגען צענדליקער, צענדליקער טויזנטער זעלנער.

קרית־מאיר געפינט זיך לעבן דער קאָלאָניע שרונה, וואָס איז פריער געווען אַ דייטשישע קאָלאָניע פון וועלכער די אידן אין ארץ ישראל האָבן קיין נחת ניט געהאַט. שרונה איז געבויט לויטן דייטשישן סטיל, סימעטריש, פונדאַמענטאַל און גוט איינגעאָרדנט. זי איז גוט צונוץ געקומען דער צייטווייליקער ישראל רעגירונג.

פון קרית־מאיר זעט זיך תל אביב. ווענס געביידעס הויבן זיך אָן כמעט באַלד נאָענט פון לאַגער. דאָס איז דער אָנהויב פון שטאָט און פון דאַנען קענסטו אריינגיין אַלץ טיפער און טיפער אין הארץ פון תל אביב. די מענטשן פון די באַלקאָנען בליקן אָפט אראָפּ צום מיליטער לאַגער און עס

זעט אויס ווי קרית־מאיר מיט אנדערע אזעלכע לאַגערן זענען ווי די באַזן, וואו עס פאַרמירן זיך די פאַרטיידיקונגס קאַדרען פון לאַנד.

קרית־מאיר איז ארומגערינגלט מיט שטעכל דראַט. לעבן וועלכע עס ציען זיך שורות טראנשייען אין פאַל פון אן אַטאַקע. טאַקע אַפּט פלעגן די אַלאַרם סיגנאַלן וואָרענען דעם לאַגער פאַר די אַנקומענדע לופט אַנגריפן פון פיינטלעכע עראָפּלאַנען. דאַן פלעגן די טראַנשייען פאַרפולט ווערן מיט זעלנער. די פיינטלעכע עראָפּלאַנען זענען געפלויגן גאַנץ הויך און פלעגן אַראָפּוואַרפן זייער מלחמה לאַדונג אויף תל אביב און אומגעגנט.

אין דעם גרויסן מיליטער לאַגער פון קרית־מאיר, האָב איך געזען די אנטשטייאונג פון דער אידישער ארמיי, איך האָב געזען די „צבא הגנה לישראל" אין איר ווערן... דורך שטעכל־דראַט, וועלכע האָבן אָפּגעצאַמט דעם לאַגער פון דרויסן, פלעגן קומען פרויען אָפּזוכן זייערע מענער סאָלדאַטן, זיי פלעגן ברענגען שפּייז זייערע מענער, און דערביי אויפהויבן הויך, זייערע קינדער, כדי די טאַטעס זאָלן זיי קענען זען און זאָגן צו זיי „שלום". איך קוק אויף די אידישע פרויען די „סאָלדאַטיכעס", ווי מ'פלעגט רופן אין רוסלאַנד די פרויען וועמענס מענער זענען געווען אין קריג אין צייט פון דער מלחמה. און אָט זע איך אידישע „סאָלדאַטיכעס", שטייען הינ־טערן שטעכל־דראָט, צו כאַפּן אַ שמועס מיט זייערע מענער, די וואָס גע־פינען זיך אין דער אַרמיי צו דערפילן די פליכטן פאַרן פאַטערלאַנד.

אָט שטייט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט זיך שוין אייניקע מאָל אָפּגע־זעגנט מיט איר מאַן און יעדן מאָל אָנגעהויבן דעם שמועס פון דאָס ניי. אירע אויגן באַגלייטן מיט ליבע און אומרו איר מאַן. ס'דוכט זיך, אז די בענקשאַפט פון אירע אויגן וועלן צעשניידן די דראָטן. אָבער זי לאָזט באַלד אָפּ. איר פאַרשטאַנד איז גובר אירע געפילן, זי לאָזט איר מאַן גיין טאָן זיינע פליכטן. זי ווייס, אַז ער מוז גיין אויסקעמפן פרייהייט פאַר איר קינד, וואָס שטייט דערלעבן.

אין אַ לאַנגער ריי שטייען אויסגעשטעלט זעלנער צו באַקומען מיטאָג ביים פאַנאַנדערטיילן דאָס עסן. ביים קעסל שטייט אַ איד מיט אַ קורץ בערדל. ער איז אַ פרומער איד, און ער טיילט דאָס עסן שנעל און פלייסיק. די אַרבל פון סאָלדאַטן העמד פאַרקאַטשעט און אויפן קאָפּ אַ יאַרמלקע. אָט פאַר אים, פאַר דעם טיף רעליגיעזן ישראל'דיקן איד, האָב איך געהאַט גרויס דרך ארץ.

אין דעם לאַגער האָבן זיך אויסגעמישט פאַרשיידענע שיכטן, צוזאַמען מיט די פון לאַנד און געקומענע פון אויסלאַנד. אידן אין באָרד און פיאות, פריי דענקער, מיידלעך פון קיבוץ, ביורא און וואַרשטאַט און אידן פון רוס־לאַנד און פון פוילן, פון ליטע און רומעניע, פון דייטשלאַנד און אונגאַרן.

אָוונט אין קרית־מאיר.

עס לעשן זיך אויס די פייערן אין לאַגער, ווי אַ פאַרהיטונג קעגן לופט אַטאַקעס.

עס פייפן די סירענעס. סיגנאַלן זאָגן אָן אַ לופט אָנגריף. איבער די הימלען פון תל אביב קרייזן פיינטלעכע עראָפּלאַנען און די טראַנשייען ווערן אָנגעפילט מיט זעלנער.

קרייזן די פיינטלעכע עראָפּלאַנען, פליען און פאַרלירן זיך אין די גרויסע ישראל הימלען. תל אביב ציט זיך קילאָמעטערס לאַנג און זיי פליען איינצלנע און געשווינד...

מיר פילן אָבער אַז מיר וועלן ש נ ע ל איבערשטייגן דעם פיינט און ניט לאַנג וועט נעמען ווי קענען דעם איינצל פליענדן עראָפּלאַן, וועלן זיך אויפהייבן איניקע אונזערע. אָבער דערווייל וואַרפן זיי באָמבעס און גע־ווים זענען שוין דאָ קרבנות...

טונקל אין לאַגער.

נ אַ כ ט.

אין די געצעלטן אויף די שטרויענע מאַטראַצן ליגן הונדערטער סאָל־דאַטן, פאַרזונקען אין געדאַנקען. אַ טייל כאַפּט אַ דרימל.

איבער די אַרומיקע פעלדער גייט אויף אַ זאַלקנדיקער טוי, ער וויקלט זיך אין כוואַליעס, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ געצויגן. די לייוונטן פון די געצעלטן ווערן באַדעקט פון טוי.

עס בלאַנקען פייערלעך אין פאַרשיידענע עקן פון לאַגערן.

דאָס לעבן קען ניט אויסגעלאָשן ווערן אינגאַנצן. אין קיך גרייט מען צו דאָס עסן. אין אַ צעלט ביי דעם פייער זיצט דער אָרדנער און קוקט אַריין, ביים שיין פון טונקעלן פאַנאַר, אין פאַרשיידענע פּאַפּירן. אין שטאַב זיצט דער פאַראַנטוואָרטלעכער, אַריבערגעוואָרפן דעם שינעל איבער די אַקס־לען. קאָנצענטרירט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, וואַכט ער אויפ־מערקזאַם.

די נאַכט ציט זיך שעה'נווייז און ברענגט דעם פרימאָרגן. עס גייט אויף דער טאָג אין ישראל.

די לופט איז קיל און נעמט אַדורך אין די פריסטע פרימאָרגן שעה'ן. אויפשטיין!

אין געציילטע מינוטן איז דער לאַגער אויף.

אין לאַנגע שורות לויפן די זעלנער, האַלב נאַקעט און מאַכן זייערע פרימאָרגן איבונגען.

פרישטיק. דערנאָך שטייען אַלע שטייף אויסגעצויגן. דער טרומפּייט שפּילט דעם סיגנאַל פון ארויפציען די ווייס בלויע פאָן. דער טרומפּייט איז ארומגערינגלט מיט ווייס בלויע שנורן, דער שפּילער האַלט עס פאַרריסן הויך, ער קוקט ארויף צום הימל און שפּילט אוים דעם יובל מאַרש פון פאָלק.

די פאָן ווערט ארויפגעצויגן העכער, העכער און ווען זי דערגרייכט צום שפּיץ, שפּרייט זי זיך אויס אין איר גאַנצער ברייט. דער ווינט האָט איר געקירעוועט צו דער געוועזענער דייטשישער שרונה קאָלאָניע.

ס'דוכט זיך ווי די פאָן ווערט פאַרביטן אין אַ לעבעדיקן וועזן און פירט אָן מיט דער גאַנצער באַוועגונג פון טאָג לעבן אין לאַגער.

די אידישע ווייס־בלויע פאָן פלאַטערט פריי, דער ענטגילטיקער נצחון קומט אָן.

# טאָג טעגלעכע פּראָבלעמען פון דער ישראל אַרמיי

ווי האָט אויסגעזען די באַשפּייזונג, באַקליידונג, די מעדיציניש, סאַניטאַרע און קולטורעלע באַדינונג פאַר די מאָביליזירטע זעלנער?

איך בין געווען אין איניקע אַרמייען. איך האָב אויך פון דער נאָענט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון אַמעריקאַנער זעלנער אין דער אמעריקאַנער אַרמיי בעת זיי זענען געווען אין דער אָקופּירטער דייטשלאַנד. מיט שטאָלץ קען מען זאָגן, אַז די אידישע אַרמיי, אין אַלע פּרטים, שטייט ניט אָפּ, איז ניט הינטערשטעליק לגבי אַנדערע אַרמייען אין דער וועלט. פאַרקערט, אין פיל הינזיכטן שטייט די אידישע אַרמיי העכער. באַזונדערס מיט איר מאָראַל און עטישן באַנעם.

דריי מאָל אין טאָג קריגט מען גוטע שפּייז. צוגעפּאַסט צו די קלימאַטישע באַדינגונגען פון לאַנד. אין דער צייט ווען פלייש איז שוין געווען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג אויף קאַרטן, האָט דער אידישער זעלנער באַקומען 3 מאָל טעגלעך פלייש. 3 מאָלצייטן פלעגן באַשטיין פון אזוי פיל מינים, אַז דער זעלנער האָט זיי ניט געקענט אויפעסן.

האָט זיך טאַקע געלאָזט מערקן, ווי די זעלנער האָבן געקראָגן אויסגעפילטע באַקן. ציגאַרעטן, פון גוטן קוואַליטעט, פלעגט קריגן יעדער זעלנער. אויך אַ צוגאָב פון איניקע פונט געהאַלט. אין ספּעציעלע קאַנטינעס, לעבן יעדן זעלנער־פּונקט, פלעגן די זעלנער קריגן פון וואָס נאָר זייער הארץ גלוסט, צו ביליקערע פּרייזן. די זעלנער, וועלכע האָבן געהאַט פאַמיליעס, פלעגן אין זייער אורלויב־צייט אַהיימברענגען גאַנצע פּעק מיט שפּייז.

די באַקליידונג איז געווען ניי, ריין, תמיד געוואַשן אין די זעלנער וועשערייען. די כאַניטאַרע באַדינונג איז געווען פון אַ הויכער מדרגה.

די מיליטעריש־מעדיצינישע אָפּטיילונג. איז געווען אזוי גוט־איינגעאָרדנט אַז זי האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט אַנדערע, שוין פון צענדליקער יאָרן איינגעאָרדנטע מעדיצין באַדינונגען. געווען דאָקטוירים ספּעציאַליסטן וואָס זענען פרייוויליק געקומען פון אויסלאַנד. געווען אָפּרו און ערהאָ־

לונגס הייזער פאַר אָפּגעשוואַכטע. דאָ האָט ארויסגעוויזן איר גרויס הילף די קופּת חולים פון דער „הסתדרות", וועלכע האָט געשטעלט איר גאַנצע רייכע דערפאַרונג און טעכניק צום דינסט פון דער אַרמיי.

די קולטורעלע באַדינונג האָט דערהויבן דעם זעלנער צו באַגרייפן דעם מהות פון דער נייער ישראל אַרמיי. די קולטורעלע אַרבעט איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דערלערנען אויף שנעל, די ניי אָנגקומענע עולים אין דער אַרמיי, העברעאישע שפּראַך, אַביסל געשיכטע פון לאַנד אויפבוי, און אין אַלגעמיין געבן די זעלנער אין הינטערלאַנד און אויפן פראָנט, אָפּטע קינסטלערישע פאַרוויילונגען צו אָפּפרישן און אויפמונטערן זייערע געמיטער.

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן זעלנער כאָרן, זעלנער אָרקעסטער'ס. עס זענען אויסגעזוכט געוואָרן די זעלנערישע ארטיסטישע כוחות און זיי זע־נען אָרגאַניזירט געוואָרן אין יעדער אָפּטיילונג.

א חוץ דעם פלעגן די בעסטע אַרטיסטישע כוחות פון לאַנד, פון די עק־זיסטירנדע טעאַטערן און קיבוצים באַזוכן אָפּט די מיליטער לאַגערן און דעם פראָנט.

עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „מחלקה לתרבות" אַן אַ שיעור באַלערנדע מאַטעריאַלן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, לויט די שפּראַכן אויף וועלכע די זעלנער האָבן גערעדט. אין יעדן לאַגער איז געווען אַ לייען־זאַל פון אַלע צייטונגען און זשורנאַלן, פון לאַנד און פון אויסלאַנד.

אין די גרעסטע שטעט און קאָלאָניעס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן זעל־נער־קלובן מיט ביבליאָטעקן אין וועלכע עס זענען געווען הונדערטער בי־כער און צייטונגען, זשורנאַלן פון לאַנד און וואו עס פלעגן פאָרקומען אָפּטע מוזיקאַלישע און ארטיסטישע אָוונטן. ביי שיינע טישלעך, אין אַן אַט־מאָספער פון רו און זיכערקייט, אין אַ גייסטיקער סביבה, פלעגן די זעלנער פאַרברענגען זייערע שעה'ן פון אורלויב. דאָרט פלעגן אויך אָפט געמאַכט ווערן באַקאַנטשאַפטן מיט חברות זעלנערקעס. אין יעדער זעלנער קלוב, איז אויך געווען אַ קאַנטינע, וואו דער זעלנער האָט געקענט קויפן פאַר ווינציק געלט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט.

פאַר די זעלנער פון מח"ל געקומענע פון אויסלאַנד, האָט עקזיסטירט אַ באַזונדער צענטראַלער קלוב, וואו עס איז געפירט געוואָרן אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע אַרבעט.

די באַדינונג אין די זעלנער קלובן, פלעגט אויסגעפירט ווערן דורך דיזשורן פון פרויען — מערסטנס אָרגאַניזירט דורך דער „וויצאָ". פרויען אין ווייסע כאַלאַטן פלעגן באַדינען דעם זעלנער ווי אין אַ רעסטאָראַן.

אָפט פלעגט טרעפן, אַז די זעלנער ניט וויסנדיק, אַז זיי ווערן באַדינט דורך פרויען פון פיינע היימען, אָפטמאָל אויך אינטעלעקטואַלן און פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, פלעגן זיך בייזערן הלמאי מען דערלאַנגט ניט אַזוי שנעל דאָס באַשטעלטע. די פרויען פלעגן זיך איבערקוקן, שמייכלען, אָבער קיינמאָל ניט געענטפערט זיי אויף זייער כעס'ן זיך.

אָפט פלעגט אַ חבר וואָס איז געזעסן לעבן אַ כעס'ן, אים, דעם בעל־דבר, אריינרוימען אין אויער און אויפקלערן אים ווער די „קעלנערקעס" זענען, פלעגט דער זעלנער זיך צעשמייכלען און פאַרשעמט כאַפּן אַ בליק צו דער „קעלנערקע", וואָס פלעגט אים אָפּענטפערן מיט אַ שמייכל.

אַ קולטורעלע אַרבעט איז אויך געפירט געוואָרן אין די שפּיטעלער און אָפּרו הייזער פאַר די זעלנער.

דאָס זאָרגן פאַר די משפּחות פון די זעלנער, איז געווען אָרגאַניזירט מוסטערהאַפט.

די משפּחה פלעגט קריגן אַ מאָנאַטלעך געהאַלט לויט דער גרויס פון איר צאָל נפשות. די אונטערשטיצונג איז געווען פון אַ באַדייטנדע סומע, אַ חוץ דעם פלעגט פאַר די משפּחות פון די זעלנער אויסגעטיילט ווערן קליי־דונג און שפּייזן.

געווען פאַלן ווען תימנ'ער משפּחות, פון פיל נפשות, פלעגן קריגן מער שפּייז און געלט ווי די פאַרדינסטן פון זייערע מענער, בעת זיי זענען קיין זעלנער נאָך ניט געווען.

אין קרית־מאיר בין איך אָפט בייגעווען ביי קינסטלערישע אַרויס־טרעטונגען פאַר די סאָלדאַטן.

עס געדענקט זיך מיר איין פאַרנאַכט.

אין לאַגער איז טונקל. אויף אַ פּראָוויזאָריש אויפגעשטעלטע בינע דערשיינט דער כאָר און אָרקעסטער פון דער זעלנער אָפּטיילונג. עס טרעטן אויף אַרטיסטן. די זעלנער זיצן צונויפגעפּרעסט אין שורות, אויף אויסגע־שטעלטע בענק. לעבן זיי געפינען זיך אייניקע פון זייערע משפּחות, וועלכע וואוינען נאָענט און וואָס זענען ספּעציעל געקומען צום קינסטלערישן אָוונט.

די פּראָגראַמען פון די „אָוונטן", פון די „נשפים", זענען אַ געמיש פון היימישן כאַראַקטער נאָענט צום געשמאַק פון די נייע עולים צוזאַמען מיט נייע נומערן וואָס פאַרמאָגן אין זיך שוין דעם עבט־ישראלדיקן קאָלאָריט.

עס זינגט אַ חברה פון קיבוץ אַ פאַרבענקט ליד וועגן כנרת, אַ צווייטע — אַ ליד וועגן דער ישראל נאַטור, איר פּאַטערלאַנד, איר מולדת.

און עס פלעגט זיך אַדורך אַ ליד פון רוסישן פראָנט פון אַ זעלנער וואָס האָט דורכגעמאַכט די לעצטע מלחמה קעגן היטלערן.

אָן אונגאַריש אידיש מיידל זינגט אַ ליד אין אונגאַריש. אַ מיידל פון רומעניע שפּילט אויס, אויף איר מיטגעבראַכטן אַקאָרדעאָן, אַ רומעניש סענטימענטאַל ליד.

און טראָץ דער פאַרשידנאַרטיקייט פילסטו שוין ווי עס שיילט זיך אויס דער נייער קולטור גייסט פון דער אידישער מדינה.

## ישראל — איין גרויסער מיליטערישער לאַגער

די לאַגע אין ישראל איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. דאָך איז דאָס ערגסטע, וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן, שוין אַריבער. די אַראַבישע אַרמייען האָבן קיין באַדייטנדע דערגרייכונגען ניט פאַרצייכנט אין זייער ערשטן אַזוי „טריאומפירנדן" מאַרש אויף ישראל. דעם אַראַבישן לעגיאָן איז געלונגען איינצונעמען אַלט ירושלים און אַרומרינגלען נײַ ירושלים. און אַזוי איז נײַ־ירושלים אָפּגעשניטן געוואָרן פון איבעריקן טייל ישוב.

די פונקטן וואָס דעם שונא איז געלונגען צו פאַרנעמען, זענען געלעגן אין דער טעריטאָריע, וואָס האָט, לויט דעם חלוקה פּלאַן פון דער „אָנו", געהערט צו די אַראַבער.

דער שטילשטאַנד, האָט אָנגעהאַלטן נאָך איינינקע וואָכן. גאַנץ ישראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך דער צייט אין איין גרויסן מיליטער לאַגער. די „הגנה", האָט זיך אָנגעהויבן איבערפאָרמירן און אָרגאַניזירן אין אַ רעגו־לערער אַרמיי.

איבעראַל זענען געשאַפן געוואָרן גרויסע מיליטער דורכגאַנגס לאַגערן, דורך וועלכע ס'פלעגן דורכגיין אין מאָביליזאַציע, טויזנטער, טויזנטער יונגעלייט. אָן אויפהער האָבן געשטראָמט יונגע וואָלונטירן פון גאָר דער וועלט, דערהויפּט פון די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע.

אויך פיל זענען געקומען פון אַמעריקאַנעם קאָנטינענט. די פאַרייניק־טע שטאַטן האָבן געגעבן גוטע ספּעציאַליסטן, ווי פליער, ראַדיסטן, דאָק־טוירים. די אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן קאָמפּלעטירן אין פּאָלקן און ברי־גאַדעס. געניטע אָפיצערן פון דער „הגנה", פון דער בריגאַדע, געוועזענע אָפיצערן פון דעם צווייטן וועלט קריג, וואָס האָבן געקעמפט אויף די איי־ראָפּייאישע שלאַכט פעלדער, האָבן איבערגענומען די אָנפירערשאַפט און די אויפגאַבע פון רעאָרגאַניזירן די אַרמיי.

דער ארגון צבאי לאומי האָט עקזיסטירט ווי אַ באַזונדער מיליטער גרופּע און אָנגעגאַנגען זעלבסטשטענדיק אַלס אַ טעריטאָריעלע מיליטער פאָרמאַציע. דאָס זעלבע — די לח״י גרופּן. שפּעטער, נאָך דער טראַגישער געשעעניש מיט דער „אַלטאַלענאַ״, האָבןביידע פאָרמאַציעס אויפן באַפעל פון דער הויפּט קאָמאַנדע פון דער צבא ההגנה לישראל זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַרמיי. און דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט פון דער שעה. ווייל עס קענען ניט עקזיסטירן אין איין לאַנד עטלעכע אַרמייען, פּונקט ווי עס קענען ניט עקזיסטירן קיין צוויי פּאַרלאַמענטן. ווען ישראל איז געווען אונטער דעם ענגלישן יאָך, האָבן געקעמפט פאַרשיידענע גרופּן באַזונדער, אָבער ווען עס האָט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט די אידישע מדינה, האָט געמוזט צונויפגעשטעלט ווערן איין רעגירונג, איין אַרמיי און איין פּאַרלאַמענט. קלאָר און פאַרשטענדלעך!

אַ טייל אַמוניציע איז פּראָדוצירט געוואָרן אין לאַנד גופא. דער אַזוי גערופענער „סטען״, פּראָדוצירט אין לאַנד, האָט באַצירט די אַקסלען פון יעדן זעלנער.

פיל געווער איז געבראַכט געוואָרן דורך די פּאָרטן פון אייראָפּע, איבער די וואַסערן פון מיטללענדישן ים, צו די ברעגן פון ישראל. די פּאָרטן פון פראַנקרייך און איטאַליע, האָבן געדינט ווי דורכגאַנגס באַזעס פאַר דער גרויסער הילף צו ישראל.

יעדער איינער, וועלכער איז געווען פייאיק צו טראָגן געווער איז געוואָרן מאָביליזירט. איר האָט געקענט זען אין די רייען פון דער אַרמיי אידן מיט בערד און פּאות, יוגנטלעכע פון קיבוץ, פון שטאָט און דאָרף. יונגע מיידעלעך, זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין ספּעציעלע אָפּטיילונגען, ווי די פּלוגות „חן״.

די פּריוואַטע שפּיטעלער און די פון דער „הסתדרות״, די „קופּת חולים״, זענען רעקוויזירט געוואָרן פאַרן מיליטער.

די בעסטע פּראָדוקטן, ווי: פלייש, מילך און אייער, וואָס זענען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג ראַציאָנירט געוואָרן, זענען געגאַנגען פאַר דעם זעלנער, פאַר די שפּיטעלער און אָפּרו הייזער.

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע קורסן פאַר אויסשולן אויף שנעל יונגע קאָמאַנדירן, אונטער אָפיצערן און אָפיצערן.

עס איז אויסגעשולט געוואָרן די ערשטע גרויסע גרופּע פון מיליטער פּאָליציי, וועלכע האָבן געטראָגן אויף די אָרעמס רויטע בענדער מיט אַן אויפשריפט מ. צ. — משטרה צבאית, דאָס הייסט מיליטער פּאָליציי.

די פּאָליציי איז באַשטאַנען פון אַ גוט צוגעקליבענער חברה. שיין אָנגעטאָן, גוט באַוואָפנט, האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק ווי שוין פון לאַנג געשולטע זעלנער. די וועלכע זענען ניט געווען פּייאיק צום אַקטיוון מיליטער דינסט, זענען איבערגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין דער בירגערלעכער פּאָליציי, אָדער אויף אַרבעט אין פּלעצער וואו עס זענען אויסגעפירט געוואָרן פּראָיעקטן פון מיליטערישער באַדייטונג.

עס זענען געגראָבן געוואָרן שוץ פּאָזיציעס. עס זענען געמאַכט גע־וואָרן פאַרהיטונגען קעגן לופט אָנגריפן.

די אָרדענונג אין די שטעט און קאָלאָניעס בעת לופט אָנגריפן פלעגט היטן דער משמר אזרחי, רעקרוטירט פון די, וועלכע האָבן צוליב עלטער אָדער געזונטהייט'ס סיבות, ניט געקענט נעמען אנטייל אין אַקטיוון אָדער פּאַסיוון מיליטער דינסט. די רעגירונג פון לאַנד איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער מיליטער מאַכט, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער אַלטער אויסגעפּרואוווטער אַרבעטער פירער, שפּעטערדיקער פּרעמיער און קריגס־מי־ניסטער, דוד בן גוריון.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ מיליטער צענזור איבער דער פּאָסט און צייטונגס וועזן.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע קאָנטראָל איבער דער פּראָ־דוקטן פאַרטיילונג און פּראָדוקטן אויסאַרבעטונג אין די ווירטשאַפטן, סיי קאָלעקטיווע, סיי פּריוואַטע.

פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, האָט די יונגע אידישע מלוכה אָנ־גענומען אַלץ מער דעם אויסזען פון אַן אמתע מלוכה, וואו אַלץ קלאַפּט ווי עס באַדאַרפט צו זיין.

דאָס דאַרף מען פאַרדאַנקען נאָר די גאונות פון אידישער פּייאיקייט און אָרגאַניזירטקייט פון ישוב. איבער נאַכט איז גאָרניט אויסגעוואָקסן. וואָלט מען דאָס אַלץ ניט צוגעגרייט, וואָלט ניט מעגלעך געווען צו מאַכן עס אין אַזאַ קורצער צייט און אין באַדינגונגען פון מלחמה צושטאַנד.

אין די גרעסערע און קלענערע שטעט זענען געעפנט געוואָרן שטאָטי־שע מיליטערישע קאָמענדאַטורן.

דער זעלנער איז ניט פאַררעכנט געוואָרן צווישן דער ציווילער באַפעל־קערונג ווי אַ סאָלדאַט, נאָר ווי אַ זון, ברודער און פריינט.

פלעגט מען טאַקע זען די נייע אידישע זעלנער אין חבר'ישער סביבה פון פאַמיליעס, יונגע מיידלעך און פריינט.

ספּעציעלע קאָמיסיעס פון דעם „ועד למען החייל", קאָמיטעט פאַר דעם זעלנער, האָבן געזאָרגט פאַרן גוט פילן פון די פרייוויליק געקומענע.

לויט זייער שפּראַך אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט, האָט מען זיי אויסגעזוכט פאַמיליעס, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט זייער פרייע צייט, אין יום טוב טעג און צו פּסח סדרים. ווען אַ זעלנער האָט אין צייט פון זיין דינסט געהייראַט, איז די חתונה געפּראַוועט געוואָרן דורך דעם מיליטער.

זענען טאַקע געווען פיל פאַלן, ווען אונטערן פּרוכת צוגעטשעפּעט צו 4 באַגנעטן אויף ביקסן פּעלגט דע חתן אַ זעלנער מקדש זיין זיין כלה אַ זעלנערקע.

אין פרייער צייט פלעגן זעלנער געפירט ווערן אויף מיליטערישע לאַסט אויטאָס אין די קינאָס. די אָפיצערן פלעגן האָבן צו זייער דיספּאָזיציע לייכטע מאַשינען, מיט וועלכע זיי פלעגן אָפּט אין די פרייע אָוונט שעה'ן האָבן די מעגלעכקייט צו ארויספאָרן פריי איבער די ישראל'דיקע שאָסייען, צו שפּאַצירן מיט די ישראל'דיקע טעכטער. און ישראל'דיקע בנות־טעכטער זענען אזוי חנ'עוודיק, אַז מיט זייער חן און עלעגאַנטקייט לאָזן זיי זיך ניט פאַרגעסן. ישראל האָט צוריק געגעבן אַ מעגלעכקייט צו זען פאַר זיך די נאַציאָנאַלע אידישע טעכטער טיפּן פון די רבקה'ס און רחל'ס, אסתר'ס און צפּורה'ס. אין גלות פלעגן זיי ווי זיך אויסמישן מיט זייער נאַציאָנאַ־לער שיינקייט, וועלכע פלעגט פאַרלאָרן גיין. ישראל האָט אויך דעם שיינעם מאָמענט אויפגעלעבט.

די ניי געשולטע אידישע אָפיצערן, ווען מען האָט אָנגעטאָן די בכבוד'יקע שליפן, וואָס האָט זיי אריינגעגעבן מוט און דערהויבנקייט — פלעגן זיך מיט קוראַזש לאָזן איבער די שאָסייען פון ישראל, צו איז עס זיי־ענדיק אין דינסט, אָדער ווען אויף אַ שפּאַציר. האָבן זיך אָנגעהויבן מערן די פאַלן פון אויטאָ קאַטאַסטראָפעס אויף די וועגן, מיט מענטשלעכע קרבנות. די זאַך איז דערגאַנגען צום רעווידירן און עס זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען ביז איינזעצן אין טורמע, פאַר ניט היטן די פאָרשריפטן פון וועג פאַרקער.

איך דערמאָן עס, ווייל ס'זענען געווען צייטן ווען אויף יעדער קרייץ־וועג, איז געלעגן אַן איבערגעקערטער דזשיפּ מיטן אויפשריפט: דאָ איז פאַר־געקומען אַ וועג קאַטאַסטראָפע און קרבנות אזוי פיל און אזוי פיל, מיט אַ צו־גאָב צושריפט: „היט זיך פאַרן טויט"!

# פּלמ״ח און צבא ההגנה לישראל

דער יסוד פון דער אידישער אַרמיי איז געווען דער פּלמ״ח. די פּלמ״ח־סאָלדאַטן זענען געווען די „קאָמאַנדאָס" פון דער אידישער אַרמיי. דאָס זענען געווען אַמאָליקע הגנה־קעמפּער וואָס ציען זייער יחוס פון די, וואָס האָבן געבויט דעם ישוב און אים פאַרטיידיקט נאָך אין דער צייט, ווען מען האָט ניט געוואוסט, ווען ס׳וועט קומען די פאַרווירקלעכונג פון טרוים פון מלכות ישראל. אין דעם פּלמ״ח האָט געהערשט אַ חברישע דיסציפּלין, געבויט אויף פאַרשטענדיקונג, איבערגעגעבנקייט פון חבר צו חבר און קאָלעקטיווע אחריות. דער פּלמ״ח איז געווען דער שטאָלץ פון ישוב. די גרעסטע אַקציעס האָט ער אַדורכגעפירט. די גרעסטע זיגרייכע אַטאַקעס אויף דעם שונא, האָט דער פּלמ״ח אויסגעפירט.

די חברים זעלנער פון פּלמ״ח זענען געווען זעליש באַהעפט מיט זייערע מיליטערע אָפּטיילונגען. זיי האָבן ספּעציעל שטאָלצירט מיט זייער אָנגעהעריקייט צום פּלמ״ח און מיט יראת הכבוד געטראָגן זייערע אָפּצייכענונגען.

דער פּלמ״ח האָט זיך רעקרוטירט מערסטנטייל פון די חברים פון דער חלוצישער מחנה, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן מיטן אויפבוי און היסטאָריע פון ישוב. דאָס זענען געווען מערסטנטייל חברים פון דער קיבוצישער באַוועגונג. חברים פון די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס און פון די ניי־צוגעקומענע, וואָס האָבן געבלוטיקט אויף די שלאַכט פעלדער, פון דעם לעצטן קריג, אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט. די אָנפירער פון פּלמ״ח זענען געווען די חלוצישע וועטעראַנען, וועלכע האָבן ישראל אויסגע׳חלומ׳ט דורך מעשים. זיך געבראָטן אויף דער זון, אין די הייסטע טעג, ביי שווערסטע אַרבעט און געציטערט פון קעלט, אין די קילע נעכט, אין זייערע פּאַלאַטקעס. זייער מיליטער סטאַזש האָבן זיי דערוואָרבן, אָנפירנדיק מיט די הגנה אָפּטיילונגען, מיט די „השומר" אָפּטיילונגען און אין די אומאויפהערלעכע קאַמפן, וואָס דער ישוב האָט געפירט אין דער צייט פון זיין בויען זיך — מיט די אַראַבישע אָנפאַלער. די פּלמ״ח־סאָלדאַטן, וואָס האָבן פריער אין זייער טאָג טעגלעכן לעבן געהאַט זייער אויפפאַסונג וועגן דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָבן אויך דעם זעלבן גייסט איצט אריינגעבראַכט אין דער נייער אידישער אַרמיי.

און כאָטש דער פּלמ״ח איז דערנאָך ליקווידירט געוואָרן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע מיליטערישע קערפּערשאַפט, זענען זיי אָבער געבליבן געטריי זייער אידעאַל.

דאָס לאַנד האָט געאָטעמט מיט מלחמה. די נייע העברעאישע דיכ־טונג אין ארץ ישראל האָט געפאַרעמט דעם גייסט פון אידישער גבורה ביי דער ישראל יוגנט. די דיכטער האָבן באַזונגען די העלדישקייט פון די אי־דישע קעמפער, עס האָט זיך געמערקט די מלחמה ליטעראַטור, וואו עס איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן דער קאַמף פון ישראל פאַר איר פרייהייט. די נייע העברעאישע פּראָזע־שרייבער, האָבן געשילדערט דעם נייעם טיפּ אידישן סאָלדאַט, ווי ער איז ממשיך אין זיך דעם אידעאַליסטישן חלוצישן גייסט.

זעלנער! — איבער גאָר דער וועלט איז אַ זעלנער דער וואָס גייט אַרויס פון דער געזעלשאַפטלעכער נאָרמאַלער לעבנ'ס אַטמאָספער און גייט אַריבער אין אַ קאַזאַרמע לעבן, פון באַפעלן, און אָפטמאָל אויך פון אויס־שטיין דערנידעריקונג.

אין ישראל אָבער איז אַזוינס ניט געוועזן. אין ישראל האָט ניט געקענט אויפשטיין אַ סאָלדאַטן מחנה, מיט אַ סאָלדאַטן־מאָראַל און סאָלדאַטן־לערע. דער גייסט פון עם ישראל, דער גייסט פון חלוצישן אויפבוי אין ישראל, דער גייסט פון אונזערע עטישע, גייסטיקע און קולטורעלע ווערטן האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער אידישער אַרמיי.

אַנשטאָט אַ סאָלדאַטן־מחנה, איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסע מחנה פון אָרגאַניזירטע חלוצים, וואָס האָבן געמוזט נעמען וואָפן אין די הענט, כדי נקמה צו נעמען פאַר די אויטאָ־דע־פעס אין שפּאַניע, פאַר טרעבלינקע, אָשוויענטשים און מאַידאַנעק. עס איז אויפגעשטאַנען אַ חלוצישע מחנה מיט וואָפן אין די הענט וואָס האָט געדאַרפט דערמאָנען דער וועלט, די פאַר־כליניעטע אין דאָרשט נאָך רויב און מאָרדה, אַז ווייטער אַזוי וועט עס ניט גיין! וואָרום די וועלט האָט דאָך נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, אפילו ניט געפּרואווט מאַכן דעם מינדסטן פּרוואו צו פאַרריכטן איר אָפּגעטאָענע רציחה. האָט דעריבער איצט די אידישע, אויפגעשטאַנענע, חלוצישע אַר־מיי — געשליידערט איר באַשולדיקונג דער רויבערישער וועלט אין פּנים אַריין, און הויך און מוטיק אויסגעשריען: גענוג! מער וועט איר אונז ניט אויסשעכטן ווי די שאָף!...

די ישראל אַרמיי האָט דאָס צו ערשט געוואָרנט דער בריטישער אימ־פּעריע: אויב זיי, די ענגלענדער, זענען טאַקע דאָס ביבל־פאָלק ווי זיי רופן זיך, זאָלן זיי אויף אַן אמת זיך האַלטן אָן די עטישע לערעס פון יושר און גערעכטיקייט, ווי די ביבל לערנט אַלעמען...

די ישראל אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ נייע ערא אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, און פון די פעלקער אין מיטעלן מזרח.

# אין דער אויסגעלײדיקטער יפו

פון קרית מאיר בין איך אַנגעקומען קיין יפו. אונזער מיליטער אָפּ־טײלונג, צו וועלכער איך בין אַנגעשלאָסן געוואָרן האָט געקראָגן די אויפגאַבע צו באַוואַכן פאַרשײדענע פּלעצער אין די אַקאָרשט באַפרײטע אַראַבישע שטעט. אין אַן אויסגעלײדיקט, גרויס, אַראַביש הויז, האָט זיך אײנגע־קוואַרטירט אונזער שטאַב.

יפו איז געווען בוכשטעבלעך פּוסט. פאַרצוימונגען האָבן אָפּגעצאַמט יפו פון תּל אָביב. די צוויי שטעט גיסן זיך פּאַקטיש צוזאַמען. אויף יעדער גאַס, אויף יעדער געבײדע דראָט און דראָט אָפּצוימונגען. יפו מיט איר אויסזען, סטיל און פאַרנעם איז אַן אמת'ע אָריענטאַלישע שטאָט. די „בוסטרוס'' גאַס, די הויפּט גאַס, מאַכט זייער אַ שײנעם אײנדרוק. אַ בוי־מער אַלײע שנײדט דורך דעם צענטער פון שטאָט. אַ סך שײנע הײזער אין לוקסוס אײנגעריכטעט געפינען זיך דאָ. אין יפו האָט געוואוינט די אַראַ־בישע בורזשואַזיע. דאָ האָבן געוואוינט פיל רײכע אַראַבער. יפו איז גע־ווען די שטאָט פון אַראַבישן פעאָדאַלן סיסטעם און דער פּלאַץ פון לאָזן זיך וואוילגײן און לעבן אַ גוטן טאָג.

פון דער הויפּט גאַס נידערן אַראָפּ גאַסן, וועלכע פירן אין דער טיף פון שטאָט. פון פיל עקן נידערן זײ אַראָפּ ביז צום ים. דער ים שווענקט די ברעגן פון יפו, וואָס גרעניצט זיך פון אײן זײט מיט תּל אָביב און פון דער צווײטער זײט מיט בת ים און חולון. יפו איז געווען אַ נעסט פון אַראַבישע רציחות און וואַנדאַלישע אַקטן. פון דאַנען איז תּל אָביב אָפט באַשאָסן געוואָרן.

איצט איז פאַרטריבן געוואָרן דער בײזער גײסט — בעסער געזאָגט, ער איז אַלײן אַוועק.

די אַראַבער זענען אַנטלאָפן אין בהלה, איבערלאָזנדיק דאָס עסן זיך קאָכנדיק אויף די פּרימוס מאַשינקעס. אַ קלײנער, גאָר קלײנער טײל פון אָרעמען קלאַס איז פאַרבליבן. און זײ האָבן גאָרניט דערלײגט צו דעם.

מיר האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין דער פּוסטער יפו, וואָס האָט סימ־באָליזירט דעם פאַרשפּילטן מלחמה מאַרש פון די אַראַבישע אַרמייען.

די אידן האָבן קיינמאָל ניט געפּלאַנט אַרויסצוטרייבן די אַראַבער. זאָלן זיי עס פאַרדאַנקען זייערע בלוט זייגערישע עקספּלאָאַטאַטאָרישע פירער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט קאַפּיטאַלן און וואוינען איצט אין די שכנות׳דיקע אַראַבישע לענדער.

אימה׳דיק קוקן איצט אויס די אַלטע און נייע, שיין מאָדערנע הייזער אין יפו.

דאָס איז די פּרוכט פון אייער אַרבעט: איר האָט ווינט פאַרזייט, און שטורעם געשניטן!

אין קאַלטע נעכט, שטייענדיק אין יפו אויף שמירה, פלעג איך זיך צו־הערן צום רוישן פון ים און צום ווינט וואָס די כוואַליעס האָבן אַנגעטראָגן. עס האָט זיך געדוכט ווי דער ווינט דערטראָגט דאָס קול פון אַראַבישן יפו, וואָס איז פאַרשוואונדן אויף אייביק שוין פון שטאָט.

אויפרייסן פון איבערגעלאָזטע מינעס, פלעגן אויפטרייסלען די שטיל־קייט פון דער נאַכט. עס פלעגן פונאַנדערפאַלן אָפּגעריסענע ווענט פון הייזער. די חורבות אין יפו פלעגן זיך פאַרמערן. אין דער פּוסטער יפו, האָבן זיך אָנגעהויבן איינקוואַרטירן פאַרשיידענע מיליטערישע אינסטאַנצן. דער פאַרפּאָסטן פאַר דער אויפלעבונג פון שטאָט, האָט שוין אריינגעמאַרשירט, דאָס איז די אַרמיי. שפּעטער איז אויך געקומען די ציווילע באַפעלקערונג.

פּאַראַלעל מיט די אָנשטרענגונגען פון ישוב צו מאָביליזירן און שולן אַ מאָדערנע אַרמיי, פּאַראַלעל מיט דעם הייסן באַגער צו דעראָבערן די גרע־נעצן פון מדינת ישראל אויף אייביק, איז אָנגעגאַנגען אַן אָנשטרענגונג אין אַ צווייטער ריכטונג, וואָס איז געווען ניט ווייניקער וויכטיק. דאָס איז דאָס אריינברענגען אין לאַנד הונדערטער טויזנטער נייע עמיגראַנטן בעת דער מלחמה צייט. דאָס איז געווען נויטיק, כדי גלייך צו קענען באַזעצן די אויסגעליידיקטע שטעט און דערפער פון די אַנטלאָפענע אַראַבער און אַזוי אַרום פאַרגרעסערן דעם פּאָטענציעלן כוח פון ישוב און שאַפן קאַדרען פאַר דער אידישער אַרמיי. אויך אויף דעם געביט איז אָנגעגאַנגען אַ ריזיקע אָנגעשטרענגטע אונטערנעמונגס אַרבעט. איבער די ימ׳ען האָבן זיך גע־טראָגן שיפן וואָס האָבן געבראַכט אין לאַנד הונדערטער טויזנטער עולים. דורך דעם שונא׳ס בלאָקאַדע, דורך כלערליי שוועריקייטן, זענען די נייע עולים אָנגעקומען אין לאַנד און ווי אַ שפּאַרנדער שטראָם האָבן זיי פאַר־

פולט די אויסגעלייזיקטע אַראַבישע שטעט און דערפער. הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן האָבן מיר געמאָנט און געבעטן פון דער וועלט, פאַר די אויס־געוואָרצלטע אידן, פאַר די נאַצי קרבנות. די וועלט האָט אפילו אַזאַ פאַר־גיטיקונג אונז ניט געוואָלט געבן און דאָס איז געוועזן פאַר אונז צו גונסטן. מיר האָבן געזען, אַז מיר האָבן זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזן.

פאַר מיינע אויגן איז יפו פאַרפולט געוואָרן מיט די אָנקומענדיקע אידן. פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, האָבן טויזנטער און טויזנטער אידן פאַר־פולט די פוסטע הרובע גאַסן פון יפו. שנעל זענען רעמאָנטירט געוואָרן די הייזער. שנעל איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט אָנצופילן מיט לעבן די פוסטע יפו. איבערנאַכט, פלעגן פאַרפולט ווערן די גאַסן. די הייזער פלעגן אויפ־לעבן. די גאַסן זענען באַצייכנט געוואָרן מיט נעמען.

די עולים האָבן גענאָסן פון דער מעגלעכקייט צו קענען שנעל זיך איינ־אָרדענען. זיי האָבן באַקומען וואוינונגען און אַרבעט. דערנאָך געשעפטן און וואַרשטאַטן. די גליטענע האָבן געקראָגן, ווי אַ געוויסע קאָמפענסאַציע פאַר זייערע ליידן, אַ מעגלעכקייט פון קענען זיך שנעל איינאָרדענען.

און עס איז פאַר מיר נאָך אַמאָל קלאָר געוואָרן די ווייט זעעוודיקע פאָ־ליטיק פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָר־גאַניזירט די אַזוי גערופענע „יציאת איראָפּע". די אידן, אויסגעמאַטערטע פון אַזויפיל ליידן און וואָגלעניש, וואָלטן אין אַנדער פאַל פאַרבליבן אויף זייערע פלעצער.

עס וואָלט ניט אויפגעקומען קיין ציפערן. עס וואָלט ניט געוועזן וואו צו נעמען די קאַדרען פאַר שטורעמען די ברעגן פון ישראל און אָ נ צ ו פ י ל ן ד ע ר א י ד י ש ע ר א ר מ י י אין איר אנשטייאונגס פּראָצעס, און ווייַ־טער ביים באַזעצן די אויסגעלייזיקטע פאַרלאָזטע פלעצער אין ישראל. עס ווילט זיך דערביי דערמאָנען: מיר זינדיקן — פשוט געזאָגט, גאַנץ אָפט, מיט דער שטוביקער פּאָליטיק־מאַכעריי, און ניט נוצלעכע דיסקוסיעס איבער ישראל פּראָבלעמען, בעת אונזערע אָנפירער, האָבן ווייט זעעוודיקע בליקן. אַזוי איז עס געוועזן מיטן צוגרייטן „יציאת איראָפּע" און אַזוי איז עס איצט, מיטן אָרגאַניזירן דעם גרויסן שטראָם פון אימיגראַציע קיין ישראל.

אונזערע פירער זעען פאָרויס, אַז די צוקונפט איז גאָר ניט אַזוי רואיק פאַר דער וועלט בכלל און פאַרן אידישן פאָלק בפרט. אונז שטייען נאָך פאָר אין דער צוקונפט גרויסע געשעעניש און דעריבער טראָגט דער עקאָנאָמישער

שווערער לאַגע אין ישראל, גייט אַהין אַ שטראָם פון הונדערטער טויזנטער נייע עולים. דאָס זענען קאַדרען פאַר דעם לאַנד, קאַדרען פאַר דער אַרמיי, קאַדרען פאַר התישבות, קאַדרען פאַר יעדער עווענטועלער געשעעניש...

און דער גלות דיסקוטירט וועגן ישראל, רעדט ווי וועגן שוין אַן אָפּגע־טאָענע זאַך. פאָרן אידן נאָך ישראל אַלס טוריסטן און דערציילן וועגן אַלע מעגלעכע קליינלעכקייטן, דערציילן וועגן דעוויזן און וואַלוטע, וועגן פּראָ־פּיטן און הכנסה מעגלעכקייטן און וועגן וואָס איר ווילט נאָר. וועגן איין זאַך פאַרגעסט מען צו דערציילן: אַז אין ישראל גייט אָן וווייטער אַ מלחמה, אַ מלחמה פאַר אָפּשלאָגן די געפאַרן, אַ מלחמה פאַר פאַרפעסטיקן אַן ערשט געוואונענעם נצחון; אַ מלחמה פאַר אויפשטעלן אונזערע פאַרלאָרענע פּאָזי־ציעס זייט צוויי טויזנט יאָר, אַ מלחמה, — אָן אַ גוזמא, — אויף טויט און אויף לעבן!

# מיט דעם בורמאַ וועג קיין ירושלים

איך בין אַ ישראל זעלנער אין פּולן זין פון וואָרט. כּאַקי הויזן און אַ כּאַקי העמד, שטאַרק געבויטע שיך, וואָלענע זאָקן, אַ גרינער רוק־זאַק, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ פּאָר לאַנגע כּאַקי הויזן, וועש צום בייטן און אַנדערע סאָלדאַטן קליינינקייטן. דער נומערירטער סטען איז פאַרשריבן אויף מיין נאָמען. איך בין אַ „בעל הבית" פון אַ סאָלדאַטן ווירטשאַפט. אין קעשענע טראָג איך מיין נומערירטן סאָלדאַטן ביכל.

איבער דעם גאַנצן לאַנד זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מיליטער קאָנטראָלן.

גרויסע מיליטער אָפּטיילונגען פליען אָפּשליסן גאַנצע קוואַרטאַלן פון שטעט און קאָלאָניעס, דורכקאָנטראָלירן יעדן איינעם כדי פעסטצושטעלן צו איז ער אין אָרדענונג מיט זיינע פליכטן צום צושטעלן זיך צום מיליטער דינסט.

אין תל אביב, אין דער גרויסער אידישער שטאָט פון קרוב אַ פערטל מיליאָן אידן איז איינגעשטעלט געוואָרן „עוצר". פילע מיליטער אָפּטיילונ־גען האָבן פאַרשפּאַרט תל אביב אין אירע אַלע וועגן און ארויסגאַנגען און האָבן דורכגעקוקט יעדע הויז, יעדע גאַס און געסל. ישראל קאָנטראָלירט אירע איינוואוינער, אירע קינדער. מען צערעמאָניעט זיך ניט, מען האַלט ביי פרשה „פקודים".

דער שטילשטאַנד האָט זיך געענדיקט און די אידישע אַרמיי איז אי־בערגעגאַנגען אין אָפענסיווע. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געאָטעמט מיטן ריטם פון מלחמה און באַגער נאָך נצחון.

דער גורל פון אידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט, האָט זיך געלייגט אויפן וואָגשאָל פון מלחמה. איך ווייס ניט צי האָבן עס געפילט די אידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, צי האָבן זיי באַגריפן דעם פולן פאַרנעם, די ערנסטקייט און גורל'דיקייט, פון דער דעמאָלטדיקער סיטואַציע אין ישראל. דאָס איז געווען דער דעצידירנסטער און אַנטשיידנסטער קאַמף, וואָס אידן

האָבן געפּירט אין דער גאַנצער צייט פון זייער צוויי טויזנט יעריקן גלות.

דער ישוב האָט עס באַגריפן. דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין געאייניקטער געמיינדע. ניט געווען קיין הויז וואו איינער פון דער משפחה זאָל ניט זיין אין דער אַרמיי. ביי וועמען א זון, ביי וועמען א ברודער, א שוועסטער, צי אַ מאַן, אַ פאָטער פון קליינע קינדער, אָדער חתן און פריינט. די איבערגעבליבענע פרויען אין דער היים, פלעגן אין די פרייע שעה'ן העלפן אויספאַרטיקן קליידער פאַר זעלנער.

ביינאַכט איבער דעם וויגל פון א קליין קינד, פלעגט א פרוי ביים פאַרוויגן איר עופה'לע זינגען אין דער שטיל אַ ליד פול מיט בענקשאַפט נאָך איר מאַן, פאַר זיין גורל און פאַרן גורל פון גאַנצן לאַנד.

טרויעריקע ידיעות פלעגן, פון צייט צו צייט, אָנזאָגן וועמען עס איז, וועגן טויט פון זייער נאָענטן אין דער משפחה. מען האָט אָבער ניט געוויינט אויפן טויט פון אַן אייגענעם ווי אַמאָל אין די קליינע שטעטלעך. מען האָט ניט געיאָמערט. עס פלעגן טרערן אין דער שטיל אַראָפּגעשלונגען ווערן. דער ווייטאָק פלעגט זיך אריינרייסן טיף אין נשמה, אָן ווערטער.

עס זענען געפאַלן קרבנות פון אידישן צד, אָבער די אַרמיי האָט דערווייל זיך פאַרפעסטיקט און געוואָקסן אין כח, אָרגאַניזאַציע און מיליטערישער אויסשולונג און אויסשטאַטונג.

ס'איז אויסגעוואָקסן אַ מיליטערישער לופט פלאָט, וועלכער האָט אין זיינע ערשטע אַקציעס באַוויזן צו באָמבאַרדירן אמאַן, די הויפּט-שטאָט פון עבר-הירדן, און קאַירא-עגיפּטן. עס זענען פאַראיבער די ערשטע מלחמה-טעג ווען מען האָט פון איין עראָפּלאַן באַשאָסן די אַראַבישע פּאָזיציעס, און ווען מען האָט פון אַן עראָפּלאַן אַראָפּגעוואָרפן אויף די אַראַבישע פּאָזיציעס אַ פעסל מיט אויפרייס מאַטעריאַל אַנשטאָט אַ באָמבע. אָדער, ווען דער קריגס מיניסטער האָט פאַראָרדנט צו שיקן די געציילטע שווערע אַרטילעריע, נאָכן באַשיסן איין פּאָזיציע, צו אַ צווייטע פּאָזיציע, בכדי צו צייגן די אַראַבער, אַז די אידן האָבן אַרטילעריע אויף אַלע פראָנטן... דער מיליטערישער כוח פון דער אידישער אַרמיי האָט זיך געשטאַרקט און איז געוואָקסן. עס איז געלייגט געוואָרן אין דער שטיל דער היסטאָרישער בורמאַ וועג, בכדי צוצוקומען קיין ירושלים.

אַ באַזונדער העראָאיש קאַפּיטל פאַרנעמט דער אויסדויער פון די ירושלימער אידן. וואָכן און מאָנאַטן אָן וואַסער און אָן ברויט האָבן זיי אויסגעהאַלטן. דער בורמאַ וועג איז געלייגט געוואָרן לויט דעם פּלאַן פון

אומגעקומענעם געגערעל מארקום. אונטערן האָגל פון קוילן איז געטאָן גע־וואָרן די אַרבעט, בייטאָג און ביינאַכט.

איך בין געווען פון די ערשטע צו פאָרן אויף דעם בורמאַ וועג קיין ירושלים. אַ וואונדערבאַרע קאָמבינאַציע פון הערואָישקייט און טעכניק איז געוויזן געוואָרן ביים בויען דעם וועג. דורך בערג און טאָלן, משופּע־דיקע, שלענגלט זיך דער וועג. נאָר ספּעציאַליסטן שאָפערן האָבן געקענט אויף אַזאַ וועג פאָרן. לאַנגע קאַראַוואַנען פון עסנוואַרג, מעדיקאַמענטן, א. א. וו. פלעגן זיך ציען פאַר דער אויסגעמאַטערטער ירושלים. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיין באַזוך אין ירושלים. וואָס פאַראַ צויבערנדיקן איינדרוק עס מאַכט די שטאָט פון אונזער עבר און צוקונפט. העל און דורכ־זיכטיק איז די לופט דאָרט. אַ שטילקייט רוט אין אירע שמאָלע גאַסן און אויף די שפּאַצירנדע. אַ ירושלימער איד אונטערשיידט זיך אין זיין באַ־נעמונג, רעדן און ארט לעבן פון אַ אידן פון אַן אַנדער טייל ישראל. עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך צוגעפּאַסט צום אָרט וואו ער וואוינט, צו זיין ראוי צו טראָגן דעם נאָמען — ירושלימער.

ירושלים איז געווען דאָרשטיק נאָך וואַסער און אויסגעהונגערט נאָך ברויט. אין אַ ריי פלעגן ירושלימער שטיין מיט קרוגן אין די הענט צו באַ־קומען אויסגעטיילט וואַסער פון עטלעכע צענדליק ליטער, וואָס האָט גע־דאַרפט קלעקן צום טרינקען, וואַשן זיך און קאָכן.

ירושלים! דער סימבאָל פון הערואָישקייט און אָפּפערוויליקייט, קיינ־מאָל וועסטו ניט זיין אָפּגעטיילט פון מדינת ישראל!

# אין דער קאַוואַלעריע פון דער ישראל אַרמיי

די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך אין גאַנצן געביטן. די אידישע אַרמיי איז אויסגעוואָקסן צו אַ דעצידירנדיקן כוח. די אַראַבער האָבן שוין מער ניט געקלערט וועגן נייע אָפענסיוועס. זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אויף די ערטער, וואו זיי זענען געשטאַנען. זייער אַוויאַציע איז מער ניט געפלויגן פריי איבער די ישראל הימלען, ווייל זיי צו באַגעגענען איז געשטאַנען שטענדיק גרייט אַ מעכטיק אויסגעוואָקסענער ישראל לופט פלאָט, וואָס האָט באהערשט די ישראל הימלען. ס'איז אויסגעוואָקסן אַ ים פלאָט, וואָס האָט באַוואַכט די וואַסערן פון ישראל, און אַ יבשה אַרמיי, וואָס האָט געמאַכט פּלענער צו געבן דעם ענטגילטיקן קלאַפּ דעם שונא.

אַ דאַנק דער שתדלנות פון הויפּט שטאַב פון פּלמ"ח, וואָס האָט געשריבן אַ ספּעציעלע ביטע אין הויפּט קוואַרטיר פון דער אַרמיי בין איך איבערגעפירט געוואָרן אין פּלמ"ח.

פאַרן אוועקגיין פון מיין אָפּטיילונג, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין קאָמאַנדיר, אַן אונטער אָפיצער, אַ בולגאַרישער איד, מיט שוואַרצע גרויסע וואָנצן. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט: זאָל מען זיין דאָרט, וואוהין דו גייסט אַריבער, אַזוי מפסד פון דיר (צופרידן הייסט עס), ווי מפסד מיר זענען געווען פון דיר. זיינע ווערטער האָבן מיך געפרייט.

אַזוי ווי איך האָב נאָך אין פּוילן געדינט צוויי יאָר אַקטיוון מיליטער דינסט אין קאַוואַלעריע אָפּטיילונגען, האָב איך פאַרלאַנגט אריבערגעפירט צו ווערן אין אַ קאַוואַלעריע אָפּטיילונג. די אידישע קאַוואַלעריע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקום אין פּלמ"ח בין איך אָנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ קאַוואַלעריע אָפּטיילונג. אַראַבישע פערד, היים בלוטיקע, זאָטלען פון נייעם לעדער און די גאַנצע אויסשטאַטונג, וועלכע אַ קאַוואַלעריסט דאַרף האָבן פאַרמירט דעם אָנהויב פון די אידישע קאַוואַלעריע אָפּטיילונגען. די אָנפירער זענען געווען געאיבט אין ענין רייטן נאָך פון די יאָרן פון „השומר", אַ טייל אָנפירער דורך דינען אין די זעלבע אָפּטיילונגען אין אויסלענדישע אַרמייען.

איך האָב זיך איצט דערמאָנט די יאָרן פון מיין דינען אין פוילישן קאַ־וואַלעריע פּאָלק, אין דער שטאָט אסטראָלענקע, פּופּציק קילאָמעטער לעבן דער דייטשער מזרח־פּרייסישער גרענעץ.

איך בין אין פּוילן געבוירן געוואָרן, אַלס פּוילישער בירגער, צום אַקטיוון מיליטער דינסט. ווייט פון דער היים, פון פאַמיליע, אין אַ געגנט צווישן פּרעמדע מענטשן. איך האָב אָבער דאָן אַלס מענטש מיט דיסציפּלין און ווילן צוצופּאַסן זיך צו פאַרשיידענע באַדינגונגען אין לעבן, געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן און יוגנט ברען דערפילן טריי מיינע פליכטן. די אַטמאָספער אָבער אין פּוילישן מיליטער איז געווען אַ זעלנערישע אין פּולן זין פון וואָרט. די טאַקטיק פון דער פּוילישער אַרמיי איז געווען, צו פאַרבייטן, פאַר די צוויי יאָר צייט, דעם ציווילן אין אַ זעלנער, וואָס זאָל טראַכטן און פילן ווי אַ סאָלדאַט און פאַרגעסן דערביי אָן זיין גאַנצן מענטש־לעכן וועזן. און אויב זיי האָבן עס געטאָן צו די פּוילישע ציווילע האָבן זיי ספּעציעל עס געטאָן צו די אידן. די דערנידעריקונגען און סאַדיסטישע רדיפות, וואָס די אידישע זעלנער זענען זיך אויסגעשטאַנען, איז ניט צו באַשרייבן. „זשיד”, האָסטו געהערט אויף יעדן שריט און טריט. אַלע שמוציקע אַרבעטן, האָבן די אידן געדאַרפט אויספירן. אַ יונגער אָפיצער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, בשעת אַדורכמאַכן איבונגען, אָנווייזנדיק אויף אַ אידישן זעלנער, וואָס האָט ניט אזוי גיך באַהערשט די איבונגען: „ווען אידן וועלן האָבן אין „פּאַלעסטינע” אָן אייגענע מלוכה, וועלן זיי מאַכן אזוי די איבונגען, ווי ער מאַכט עס איצט, אָבער איר זייט פּוילישע זעל־נער און אַלס אַזעלכע מוזט איר די זאַך מאַכן בעסער”. אַליין איז דער דאָ־זיקער אַנטיסעמיטישער אָפיציר געווען דערביי באַזויפן און באַטרונקען. דאָס וואָס עס איז אויסגעקומען דאָן אויסצושטיין פאַר די צוויי יאָר מי־ליטער דינסט איז ניט צום באַשרייבן.

אין יאָר 1939 ווען דער דייטש־פּוילישער קריג האָט זיך אָנגעהויבן האָב איך צוגעזען מיט מיינע אויגן דעם פּאַנאַנדערפאַל פון דער דעמאָלסט־דיקער פּוילישער אַרמיי. איך האָב געזען דעם זעלבן אָפיציר, וועלכער האָט אזוי גערעדט מיט שוים אויף די ליפּן וועגן „זשי־דאָווסטוואָ”, ווי נעבעכדיק עס איז געווען זיין אויסזען. און אָט איז טאַקע אויפגעשטאַנען אַ אידישע אַרמיי און עס איז דאָ אידישע קאַוואַלעריע. ווייס איך ניט ווי וואָלט אויסגעזען אין די אויגן פון דעם אַנטיסעמיטישן אָפיציר, דער אופן פון איבונגען, וועלכע עס פירן אַדורך די אידישע קאַ־

וואַלעריע אָפּטיילונגען, אַ ב ע ר איך וויים, אַז ער איז אונטערגעגאַנגען מיט חרפּה, אָן קאַמף. און די „זשידאָווסקע" אַרמיי האָט באַזיגט די אַר־מייען פון זעקס אַראַבישע פעלקער...

איז אַט, נאָך יאָרן פון אַזוי פיל וואַנדערונגען און פּיין, ווען אידישע שטעט זענען אָפּגעמעקט געוואָרן און די שווידער־לעכסטע פּאַסירונגען זענען פאַרלאָפן דעם וועג איינע די אַנדערע, — שטייסטו איצט אין ישראל, אין באר יעקב,ביים פּלומפּ, און האַלטסט ביים צוים אַ פערד וואָס טרינקט פריש וואַסער. לעבן דיר נאָך פיל אידישע סאָלדאַטן, אידישע קאַוואַלעריסטן פון דער אידישער אַרמיי. אַרום ליגן צע־לייגט קיבוצים און עס ציען זיך פעלדער, פּרדסים באַלאָדענע מיט צייטיקע אַפּעלסינען, א י ד י ש ע מיידלעך אין סאָלדאַטן קליידער דרייען זיך אַרום דערנעבן, אויספילנדיק פאַרשיידענע מיליטערישע פונקציעס אין לאַגער. ווערסטו ממש פאַרכישופט פון דעם אַלעם, ווי פון גוטן וויין. ווילסט אויס־שרייען הויך דעם אויסגעשריי פון נצחון, פון טריאומף, פון באַזיגן דעם טויט!

# דער ענטגילטיקער נצחון

ווי מיר האָבן דערמאָנט, איז די ישראל אַרמיי איבערגעגאַנגען אין אָפּענסיווע. באַפרייט דאָן רמלה, לוד מיט דעם פלי פּלאַץ. עס איז פריי געוואָרן דער וועג צום נגב, און אויך ירושלים האָט אויסגעברייטערט איר צוטריט צו די אַרומיקע אידישע קאָלאָניעס.

די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך אין גאַנצן געביטן. די אידישע אַרמיי איז אויסגעוואַקסן צו אַ דעציזידירנדיקן כוח. די אַראַבער האָבן שוין מער ניט געקלערט וועגן נייע אָפּענסיוועס. זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אויף די ערטער, וואו זיי זענען געשטאַנען. זייער אַוויאַציע איז מער ניט געפלויגן פריי איבער די ישראל הימלען, ווייל עס איז געשטאַנען שוין גרייט אַן אויסגעוואַקסענער ישראל־לופט־פלאָט, און אידישע לופט־פליער, וואָס האָבן געהערשט איבער די הימלען פון ישראל.

דאַן קומט דער צווייטער שלום־איבעררייס. און ווידער הויבן זיך אָן אַקציעס פון באַפרייען שטיקער אידישע טעריטאָריע. שפּעטער קומט די אַקציע פון באַפרייען דעם נגב און די אידישע אַרמיי דרינגט אַריין אויף דער עגיפּטישער טעריטאָריע. דאַן איילט זיך שוין די „אָנו" אויסגלייכן די צדדים. און ווען זיי טוען ניט די געפעליקייט, וואָלט די אידישע העלדישע אַרמיי דערגאַנגען ביז די הויפּט־שטעט פון די אַראַבישע לענדער, וואו עס הערשט רויב און קאָרופּציע, אונטערדריקונג און אויסנוצעריי. די אידישע אַרמיי וואָלט אַריינגעטראָגן אַהין ליכט און קולטור. און עס וואָלט אפשר כדאי געווען עס צו טאָן, אָבער די פאַרמיטלער זענען רירעוודיק איצט. מען פאַרמיטלט, מען גלייכט אויס די צדדים.

עס איז שטיל געוואָרן אויף די פראָנטן, די האַרמאַטן און ביקסן קאַנאָנאַדע האָט אויפגעהערט. אָבער עס באַוואַכן די פאָלקן און בריגאַדעס טאָג און נאַכט די פּאָזיציעס. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פון פולשטענדיקער זיכערקייט. בענקען

כ ל ו ת נאָך זייערע באַשערטע. וועלכע טראָגן נאָך דעם זעלנער שינעל. קוקן מאַמעס אויס זייערע זין און טעכטער, וועלכע געפינען זיך אויף די פראָנטן און וועמען מען לאָזט נאָך ניט אַהיימקומען.

און פאַראַן מאַמעס און שוועסטער, ברידער און כלות וועלכע וועלן שוין קיינמאָל ניט זען זייערע אויסדערוויילטע. זיי זענען געפאַלן אויף די שלאַכט פעלדער, אויף דעם מזבח פון באַפרייאונגס קאַמף פאַר דער אידי־שער זעלבסטשטענדיקייט. ניט נאָר פאַר דער ישראל מדינה זענען זיי גע־פאַלן, נאָר פאַר דער שטאָלץ און פרייהייט פון אידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, פאַר מיר און פאַר דיר, פאַר אונז און פאַר אייך אַלעמען. לאָמיר מיט אַ הייליקן ציטער דערמאָנען זייערע נעמען.

בשעת דער מלחמה האָט אויף קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט דאָס אויפבוי אַרבעט אין דער אידישער מדינה. עס האָבן געדונערט די האַרמאַטן אויף די פראָנטן און איבער די ים'ען האָבן זיך געטראָגן שיפן מיט עולים. אין די הונדערטער טויזנטער זענען זיי אָנגעקומען אין צייט פון קריג. עס ווייס נאָך קיין לאַנד ניט פון אַזאַ ביישפיל, אַז אין צייט פון איר באַפרייאונגס קאַמף פאַר ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק י י ט ז אָ ל זי אויך פירן דעם קאַמף אין דער ריכטונג, פון פאַרגרעסערן כמעט נאָך אַמאָל אַזוי פיל איר צאָל מענטשן אין איר מדינה, פון אויפשטעלן נייע ישובים, פון בויען נייע בנינים, פון אויסברייטערן און פאַרגרעסערן איר פאַרנעם אין באָדן, די צאָל ישובים און מענטשן כח. און אפשר איז אין דעם באַשטאַנען דער כוח פון אונזער נצחון. דער דרוק און אימפעט, פון שפּאַרן אויף די ברעגן פון לאַנד, האָבן געשטופּט צום מאַרשירן פאָרויס, פריי צו מאַכן דעם וועג פאַר די ניי־אָנקומענדיקע. מיט דעם פאַרענדיקן זיגרייך די באַפרייאונגס־מלחמה, האָט, אין אַ קורצע צייט אַרום, דער ישוב געפייערט זיין ערשטן מיליאָן איינוואוינער אין מדינת ישראל.

# זאָרג פאַר די דעמאָביליזירטע אידישע סאָלדאַטן

ווי איך האָב דערמאָנט פריער איז געשלאָסן געוואָרן אַ צייטווייליקער וואפנשטילשטאַנד און ישראל האָט גלייכצייטיק געפייערט זיין ערשטן מיליאָן איינוואוינער. טיילן פון דער אַרמיי זענען דעמאָביליזירט געוואָרן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָפּטיילונג וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער איינאָרדענונג פון די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן. אַמשווערסטן איז געווען די זאָרג פאַר די ישראל סאָלדאַטן וואָס זענען תיכּף נאָכן אָנקום אין לאַנד מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער ישראל אַרמיי. דאָס זעלבע מיט די פרייוויליקע געקומענע פון אויסלאַנד. זיי האָט מען געמוזט געבן גלייך באַלדיקע דירות און אין דעם האָט זיך געפילט אַ מאַנגל, ווייל אַלע פוסטע דירות פון די אַראַביש פאַרלאָזטע שטעט זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די נייע עולים. דער פּראָבלעם פון זאָרג פאַר די דעמאָביליזירטע זעלנער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין זיין גאַנצער שאַרפקייט. די ישראל רעגירונג האָט דאָס אויפגענומען אין דער גאַנצער ערנסטקייט און האָט ליידער זיך אָנגעטראָפן מיט אומנאַטירלעכע שוועריקייטן ווייל עס זענען אויפגעשוואומען פיל אַנדערע נויטן אַחוץ דאָס איינאָרדענען די דעמאָביליזירטע זעלנער. פּאַראַלעל מיט דעם באַפרייאונגס קאַמף, האָבן אויך געשטראָמט הונדערטער טויזנטער נייע עולים, פאַר וועלכע מען האָט אויך געדאַרפט זאָרגן וועגן דירות און אַרבעט.

האָט זיך אָנגעהויבן מערן די צאָל פון אומצופרידענע, האָט מען געהערט פּראָטעסטן און טענות, ווי למשל: „איך האָב געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון מיין לאַנד און איצט בין איך אָן אַ וואוינונג און אָן אַרבעט", און ענלעכע רייד. אָבער עס איז קיין שולדיקער אין דעם ניט געווען. די פּראָבלעמען פאַר דער ניי אַנטשטאַנענער יונגער מלוכה, האָבן איבערגעוואָקסן אירע מעגלעכקייטן, איבערגעוואָקסן דעם נאַטירלעכן לעבנ'ס גאַנג, פון יעטווידער מלוכה, אפילו די רייכסטע.

עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה אויף די פראָנטן אָבער זי איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויפן עקאָנאָמישן געביט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה פאַר דורכברעכן די שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען זינט דעם זיג איבער די שונאים און זינט די מלוכה איז געשאַפן געוואָרן.

די זאָרג פאַר די באַפרייטע דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן איז אָנגעגאַנגען אין פולן זינען פון וואָרט. דער זעלנער האָט בעת דער דעמאָביליזירונג געקראָגן די ערשטע געלט פאַרזאָרגונג; ער האָט נאָך אַ ריי מאָנאַטן געקענט

געניסן פון די מעדיציניש פאַרזאָרגונגען פון דער אַרמיי; די אַרבעט׳ס ביוראָ האָט געגעבן פאַרצוג אין אַרבעט פאַר די באַפרייטע זעלנער; דער וואוינונגס דעפאַרטאַמענט האָט געגעבן די באַפרייטע זעלנער פאַרצוג אין באַקומען וואוינונגען. אויב דער דעמאָביליזירטער זעלנער איז נאָך אַ ריי מאָנאַטן געווען אָן אַרבעט, האָט זיין משפחה געקענט באַקומען די אונטער־שטיצונג וואָס זי האָט באַקומען בעת ער איז געווען אין דער אַרמיי.

פאַר די באַפרייטע זעלנער פון אויסלאַנד האָט געזאָרגט דער שטאַב פון מח״ל, (מטה כללי מתנדבי חוץ לארץ).

די פּראָבלעמען מיט די פרייוויליקע געקומענע זענען געווען גאַנץ שווערע. פיל פון זיי געקומענע בלויז צו העלפן אין דער מלחמה, האָבן זיך געדאַרפט אומקערן צו זייערע פאַמיליעס. פילע האָבן געוואָלט אויף אַ קורצער צייט אָפּפאָרן, בכדי צו ליקווידירן זייערע אינטערעסן אין די היי־מען און זיך אומקערן דערנאָך צוריק. פיל האָבן געוואָלט בלייבן און ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט און וואוינונג; פיל האָבן ניט געקענט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון שווערן ישראל לעבן. עס זענען געווען נאָך פילע ספּעציפישע פאַלן. און דאָס אַלץ איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם מטה כללי פון מח״ל.

בראש פון מח״ל איז געשטאַנען דער מאַיאָר עקיבא סקידל. אַ חבר פון אַ קיבוץ, אַ לאַנג יעריקער חלוץ, געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך ישראל מיט אַ צייט צוריק. זיין געהילף איז געווען דער קאַפּיטאַן גדעון ברץ, אַ זון פון דעם מיטגרינדער פון דער קבוצה דגניה ב׳, יוסף ברץ.

פיל דעמאָביליזירטע מח״ל׳ניקעס פון פאַרשיידענע לענדער זענען אַוועק אויף התישבות, געגרינדעט נייע מושבים און קיבוצים. פיל האָבן זיך אָר־גאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיוון. געווען פאַלן ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט די אידישע טעכטער געבוירענע אין ארץ ישראל, וואָס האָבן צוגעבונדן צו זיך די נייע געקומענע אידישע סאָלדאַטן, אין אַן אייביקן משפחה בונד און זיי זענען פאַרבליבן אין ישראל.

דאָס לאַנד האָט אָפּגעאָטעמט פון דעם מלחמה צושטאַנד, אָבער קיין אמתע רו איז ניט געקומען. דער ישוב איז געוואָקסן, עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייע אַרמיי, וועלכע האָט געדאַרפט פון טאָג צו טאָג פאַרפולקאָמט ווערן אין טעכנישער אויסשטאַטונג. די עליה איז אָנגעגאַנגען אין איר פולן טעמפּאָ, די אַראַבישע לענדער האָבן ניט אויפגעגעבן זייער נקמה וואונטש און דער צושטאַנד האָט איבערגעלאָזן ישראל אין אַ געשפּאַנטער לאַגע, וואָס האַלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאָג.

# נצחון פאַראַד פון דער ישראל אַרמיי

איך וועל איצט דערמאָנען דעם היסטאָרישן מאָמענט ווען די ערשטע אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן זענען אָנגעקומען קיין מדינת ישראל. דער ערשטער איז געווען דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר פּאַוועל יערשאָוו. איך בין געווען צווישן דעם עולם וואָס האָט געזען, ווי פּאַוועל יערשאָוו מיט זיין סוויטע זענען אין טעקסיס צוגעפאָרן צום האָטעל רמת־גן, אויף דער הירקון גאַס, אין תל אביב. טויזנטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אים צו באַגעגענען און מיט הייסע שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיי וואַרעם אויפגענומען די דעלעגאַציע. מיר זענען נאָך געווען פאַראייניזאַמט אין אונזער קאַמף און יעדע אויפריכטיקע פריינטשאַפט צו ישראל איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָנערקענונג.

יערשאָוו האָט געצויגן זיין צילינדער און עס האָט אויסגעזען ווי דאָס גרויסע רוסישע לאַנד האָט נאָך אַמאָל געגעבן איר אָנערקענונג דער ניי געשאַפענער אידישער מדינה.

דערנאָך איז אָנגעקומען דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער דער אידן פריינט מאַקדאָנאַלד. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים כבוד און פרייד דורך אַלע אידן אין ישראל און דער ישראל־רעגירונג בפרט.

די גרויסע מעכטיקע אַמעריקע האָט ענדלעך אָנערקענט דעם אידנשטאַט.

כ׳ תמוז האָב איך צוגעזען דעם גרויסן נצחון פּאַראַד פון דער אידישער אַרמיי, אויף די גאַסן פון תל אביב. טויזנטער, טויזנטער אויף די טראַטואַרן און דעכער, אויף באַלקאָנען האָבן נייגעריק צוגעקוקט צום פּאַראַדן מאַרש. אָט גייען זיי! צו ערשט ווערט געטראָגן די פאָן פון ישראל, דערנאָך די פענער פון יעדער בריגאַדע און פּאָלק באַזונדער, דאַן די באַזונדערע פאָרמאַציעס.

צו ערשט גייען די פוסגייער סאָלדאַטן, אויסגעוויקסט אין שוויים פון לאַנגן מאַרש, מיט ביקסן אויף די אַקסלען פון וועלכע עס בלישטשען באַגנעטן. עס מאַרשירן די פּלמ״ח אָפּטיילונגען, אויף וועמענס קאַסקעס

עס זענען זיך געפּלאָכטענע סעטקעס. עס קומען אָן די מאָטאָריזירטע אָפּ־טיילונגען, אַרטילעריע, שווערע האַרמאַטן, טאַנקען, רייטער און ווידער פוס גייער. עס גייען טאַנקען: לייכטע און פון שווערסטן קאַליבער. עס ציטערט די גאַס. עס ציטערן די שויבן פון די פענצטער. עס גייען אָפּטיילונגען פון די פּלוגות ה"ן, פרויען אין כאַקי קליידער; לאַנגע שורות פון סאַניטאַרער אָפּטיילונג, אין ווייסע כאַלאַטן. עס גאַלאָפּירן אָפּטיילונגען קאַוואַלעריע, אָפּטיילונגען מיט אויסשפּיר הינט, אָפּטיילונגען מיט געאיבטע מיליטער טויבן, אָפּטיילונגען מיט מויל־אייזלען פאַר מלחמה אין די בערג, אָפּטיילונ־גען פון מיליטער פּאָליציי, אָפּטיילונגען פון ציוויל פּאָליציי און ווייטער אָפּטיילונגען מאַטראָזן. דאָן אָפּטיילונגען פון די אַראַבישע דרוזן, וועלכע האָבן געקעמפט אויף דער זייט פון ישראל'ס אַרמיי און איבער די קעפּ פליען עסקאַדראָנען עראָפּלאַנען.

מאַמעס הויבן אונטער די קינדער: זעט, קוקט זיך צו, דאָס איז אונזער אַרמיי. זיי וועלן אייך פאַרטיידיקן, זיי וועלן אייך ניט לאָזן מער טשעפּען, איר זייט פון היינט אָן ניט הפקר. שעה'ן האָט זיך געצויגן דאָס אימפּאָזאַנ־טע בילד און עס האָבן געפרעגט די ישראל איינוואוינער: יע, מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר זענען שוין זעלבסטשטענדיק, מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר פאַרמאָגן שוין פיל, אָבער אזוי פיל... פון וואַנען נעמט זיך עס? און עס האָבן די סקעפּטיקער געטראַכט; אפשר איז טאַקע אַ נס געשען?...

אָבער עס זענען קיין ניסים ניט געשען. ווער עס האָט געזען דעם ישראל ישוב מיט די אויגן, ווער עס האָט באַזוכט די קיבוצים און די קאָלאָ־ניעס, ווער עס האָט געזען ווי אזוי זיי וואָרצלען זיך איין אין לאַנד, ווער עס האָט געזען דעם פּאַטריאָטיזם פון דעם „סאַבראַ" און ישראל מענטש, ווער עס האָט געזען די אַלטע אויסגעפּרואווטע ישראל אָנפירער וועמענס האָר זילבערן זיך פון אַרבעט און קאַמף — יענער ווייס, אַז קיין ניסים זענען ניט געשען.

מיט געלט און אָנשטרענגונג פון גאַנצן פאָלק איז געמאַכט געוואָרן די וואונדער זאַך. אָבער די פאַרווירקלעכער זענען געווען די שורות חלוצים, וואָס האָבן געשאַפן די קאָלאָניעס און שטעט, די דערפער און די קיבוצים, די בליענדע ישובים, וואו שפּעטער האָבן זיך געקענט אַנטוויקלען די קאַמפן פאַר פרייהייט. אָן אויפבויען צו ערשט דאָס ריזן ווערק, וואָלט ניט מעגלעך געווען צו פירן דערנאָך דעם פרייהייט'ס קאַמף, ווייל עס וואָלט ניט געווען פּשוט וואו צו פירן אים. דאָס זענען די דורות חלוצים, די שטילע הונדער־

מער טויזנטער חלוצים, וועלכע האָבן אויסגעביטן זייערע רייכע רואיקע היימען אויף געצעלטן. זייער אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט וואָס זיי האָבן אהער געבראַכט אין דעם פּוסטן לאַנד, האָבן אונז געגעבן די אידישע מלוכה.

:: :: ::

איך בין געווען ביי אַ זיצונג פון דער „כנסת", פון ערשטן אידישן פּאַרלאַמענט אין ישראל. עס זיצן אויסגעזעצט פאַרשיידענע פּראַקציעס. ביים פּרעזידיום טיש, — דער פּאָרזיצער וואָס האַלט דעם פּרעזידענטן האַמער אין האַנט. מען באַהאַנדלט פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון לאַנד. איך האָב זיך צוגעקוקט און אין האַרצן תפילה געטאָן: זאָל די „כנסת" זיין דער טעמפּל פאַר דער וועלט, פון וואַנען געזעצן פון ערלעכקייט און יושר זאָלן פליסן. זאָל דאָ געשמידט און געשאַפן ווערן אַ געזעץ סיסטעם, וואָס זאָל זיין אָריגינעל אין זיין אויפפּאַסונג פון יושר און גערעכטיקייט; פון ניט דערלאָזן, אַז אין אונזער לאַנד זאָל זיך געפינען אַ באַ'עוולה'טער און אַן אומרעכט זאָל אימיצן געטאָן ווערן. מיר, דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די געזעצן פון יושר און גערעכטיקייט, מיר, וואָס האָבן אַזויפיל געליטן פון אומרעכט און עוולות, טאָרן ניט דערלאָזן ס'זאָל עמיצער ביי אונז באַ'עוולה'ט ווערן, עס זאָל ביי אונז זיין אַ מענטש אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ שטיקל ברויט. מיר דאַרפן שטרעבן, אַז די מלוכה זאָל דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר וועלכער יעדער באַזוכער זאָל בויגן זיין קאָפּ און זאָל זאָגן: אָט דאָס איז דער שטאַט פון ישראל!

# שווערי͏קייטן אין דעם נאָך מלחמה פעריאָד

איך וועל פּרוואוון מאַכן אַן אויספיר איבער די דריי פראַגן:

1. צו זענען די שווערי͏קייטן אין ישראל אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אָדער אַ פּראָדוקט פון ניט ריכטיקן אָרדענונג און פאַרוואַלטונג׳ס סיסטעם?

2. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ישראל אין אַלגעמיין און ספּעציעל פאַר דעם אידישן פאָלק?

3. וואָס זענען די פליכטן פון פאָלק ישראל צו מדינת ישראל?

ענטפער צו דער פראַגע נומער 1.

עס ווייסן קינד און קייט, אַז אין ישראל זענען פאַראַן גרויסע שווערי͏קייטן. עס דערציילן וועגן דעם בריוו וועלכע קומען אָן פון דאָרט. עס שרייבן וועגן דעם די צייטונגען, אידישע און ניט אידישע, עס דערציילן וועגן דעם שליחים וועלכע קומען פון ישראל. די זאַך איז דערגאַנגען צו אַ טראַ־גישער ווירקלעכקייט, ווייל אין ישראל איז די לאַגע דערגאַנגען צו גרויסע שווערי͏קייטן, צוגלייך כמעט מיט דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן דערוואָרבן אונזער פרייהייט. און דער טראַגישער גורל וואָס באַגלייט דאָס אידישע פאָלק אויף זיין גאַנצן לעבנ׳ס וועג, האָט אויך זיין ביטערן חלק צוגעטראָגן אין דעם פייערלעכן מאָמענט בעתן דערווערבן אונזער פרייהייט.

מען זאָגט, אַ איד קען קיינמאָל ניט טרינקען ביז שכור ווערן, אַז אין אַ אידישער פרייד, איז שטענדיק דאָ אַ שמיץ טרויער און דאָס איז אויך געשען ביי דער גרויסער שמחה פון צוריק דערווערבן אונזער פרייהייט. שנעל האָבן מיר נעמוזט אויסטאָן אונזערע יום טוב׳דיקע קליידער און אָנטאָן די וואָ־כעדיקע. די פרייד פון דערווערבן אונזער פרייהייט נאָך דעם צוויי טויזנט יעריקן גלות, האָט זיך אויסגעמישט מיט זאָרג פון די גרויסע שווע־ריקייטן וואָס ישראל האָט אויף זיך גענומען נאָכן דערווערבן איר זעלבסט־שטענדיקייט. און עס פרעגט זיך פון וואַנען די שווערי͏קייטן און צו זענען זיי באַגרינדעט? פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף זיין אַ עקאָנאָמיסט בכדי מען זאָל אויף דער פראַגע געבן אַ ווירטשאַפטלעכע עקאָנאָמישע באַגרינדונג, אויסגערעכנט מיט ציפערן אין דיאַגראַמען. אָבער איך גלויב, אַז אפילו ניט קיין עקאָנאָמיסט קען אויך דאָס פּראָבלעם באַלויכטן.

ווער עס האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון אויסוואָרצלונג פון דער שארית הפליטה, ווער עס איז געווען אין ישראל בעת דער פרייהייט'ס מלחמה און דורכגעמאַכט דעם וועג פון וואַנדערונגען איבער אייראָפּע, בכדי צו דורכמאַכן די אַלע עטאַפּן פון וואָגלענישן, בכדי צו אָנקומען נאָך ישראל, ווייס מיט וואָס די אַלע ריזיקע אויפגאַבן זענען געווען פאַרבונדן. וויפל קאָסט אָפּ די אָרגאַניזירונג פון דער ארמיי? וויפל האָט אָפּגעקאָסט די עליה ביז איצט און איצט ווען מען פירט ארויס אידן פון לענדער אויף עראָפּלאַנען? וויפל קאָסטן אָפּ זאַכן וועגן וועלכע מען רעדט ניט און מען שרייבט ניט?...

איך מיין, אַז פונקט ווי דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז אַ פאָלק זאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, צוריק דערוואָרבן זיין פרייהייט, אזוי איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז אַ פאָלק זאָל נעמען אויף זיך אַזעלכע אויפגאַבן. אָבער מיר האָבן זיי גענומען, ווייל זיי זענען ארויסגעוואָקסן פון דעם נס: מדינת ישראל.

צו זענען פאַראַן ניט קיין געשולטע פאַרוואַלטער אין ישראל? שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע. דאָס איז אַ ענין פון איינעמס שטאַנדפּונקט און קוק אויף דעם געבוי פון אַ נייער מלוכה. אָבער אויב עס זענען דאָ לענ־דער וואו עס האָבן אַן אָרט פאַרשיידענע אידייען און ריכטונגען אין לעבן, און פּראָפּאַגאַנדיסטן וואָס פּרעדיקן די אידייען, איז ישראל די, וואָס גיט, אין איר טאָג טעגלעכן לעבן, קאָנקרעטע אַ מעגלעכקייט ניט נאָר צו פּראָפּאַ־גאַנדירן די פאַרשיידענע אָנשויאונגען נאָר צו בויען ממשות'דיק דעם לעבנ'ס שטייגער לויט די אנשויאונגען. אָט זעט איר אַ קיבוץ פון אַ הונדערט פּראָצענטיקער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט'ס סיסטעם און אָט איז אַ מושב עוב־דים פון קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט. און אָט האָט איר, אַ שטאָט מיט אַ דורכאויס פּריוואַטער ווירטשאַפט. אין איר לעבן זענען איינגעפלאָכטן די סיסטעמען פון אַ גרויסער אָרגאַניזירטער ארבעטער אָרגאַניזאַציע מיט איר קולטור - טעטיקייט וואָס פאַרמאָגט גלייכצייטיק אַ שפּרודלדיקע איבערגע־געבנקייט צום לאַנד.

אָט איז די פּריוואַטע איניציאַטיווע, מיט אירע גרויסע אויפטוען. און דערנעבן די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט. איך ווייס ניט, צי וואָלט געקענט ישראל זיך אויפבויען אָן דעם קאָלירפולן געמיש פון אירע ווירטשאַפט'ס סיסטעמען. דער קיבוץ, די קבוצה זענען ווי אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם געבוי פון לאַנד. דער מושב עובדים — דאָס זעלבע. די דער־גרייכונגען פון דער הסתדרות העובדים, זענען ניט קיין צופעליקע. דאָס

איז דער רעגענסאַנס פון אַרבעט, צוגעפּאַסט צו דעם סטאַנדאַרט פון לעבן פון אידן בכלל. צו קען ביי אונז געמאָלט זיין אַן אַרבעטערשאַפּט, וואָס זאָל ניט געניסן אַן אָנשטענדיק לעבן? צי דען וועט ישראל איצט די אידן פון תימן און איראַק לאָזן לאַנג ביי זייערע באַגרענעצטע לעבנ׳ס סטאַנדאַרטן?

א דאַנק דער קאָלירפולקייט פון ווירטשאַפט׳ס סיסטעם פון ישראל, האָט דאָס יונגע לאַנד געוויס אויסגעמיטן אומזיסטע רייבונגען אויפן סאָציאַלן און ווירטשאַפטלעכן געביט, וואָס וואָלט איר אויסגעקומען צו פירן ווען עס וואָלט ביי איר אַנדערש געווען.

:: :: ::

ענטפער צו דער פראַגע נומער צוויי:

מדינת ישראל איז היסטאָריש דאָס לאַנד פון אידישן פאָלק. זי איז אייך היסטאָריש פאַר דער גאַנצער וועלט. א פאַקט, אז די וועלט־רעליגעס האָבן געהאַט דאָ זייער געבורט, און זיי אָנערקענען די אידישע רעליגיע ווי דעם אָנהויב פון דעם מאָנאָטעאיזם. א חוץ דעם, האָט ישראל אויך געגעבן דער וועלט דעם איין און איינציקן ביישפיל: אומבאַגרענעצטע צוגעבונדנקייט פון א פאָלק צו זיין לאַנד, וואָס איז נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, צוריק דערוואָרבן געוואָרן.

ישראל איז אויך פאַר דער וועלט דאָס לאַנד פון נייע עקספּערימענטן, ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע; ישראל האָט אויך באַוויזן פאַר דער וועלט, אַז ניט נאָר כוח און מאַכט איז דער עיקר, נאָר אַז הויכע אידעאַלן באַגרינדעט מיט שטאַרקן ווילן און גערעכטיקייט קענען באַזיגן די שטאַרקסטע מאַכט. איין מלוכה׳לע — קעגן זיבן.

דער פאַקט וואָס א נאָר־וואָס אויפגעקומענע מדינה האָט זיך געשטעלט אַלס ציל דאָס צונויפזאַמלען די רעשטלעך פון די איבערגעבליבענע פון די נאַצי קרבנות, איז אַן אומפאַרגלייכלעכער ביישפיל פון העראָאיזם.

און אויב זיך אָפּשטעלן אויף דער באַדייטונג פון אידנשטאַט פאַר די שכנות׳דיקע אַראַבישע מלוכות, איז דאָך דאָס ספּעציעל פאַר זיי ווי א נייער וועג־ווייזער אויף זייער אָפּגעשטאַנענעם לעבנ׳ס וועג, וועלכער וועט זיי לערנען ווי אַזוי צו לעבן אַנדערש.

און פאַר דעם אידישן פאָלק איז מדינת ישראל אַלץ. אָן ישראל בלייבט אונז גאָרניט.

איך ווייס און וויל ניט פאַרמינערן די עקזיסטענץ פון אידישע ישובים אין גאָר דער וועלט, אָבער וואָלטן מיר ישראל ניט געהאַט נאָך אונזער

גרויסן אומגליק, ווייס איך ניט וואָס וואָלטן מיר שוין  יאָ געהאַט און  אויף וואָס וואָלטן מיר געקענט האָפן צו האָבן?

ענטפער אויף דער פראַגע נומער דריי:

עס איז אַ פראַגע ווי איינער פילט, וואו איינער לעבט און אין וואָס פאַרא סביבה ער פאַרקערט. ווייל פון דאַנען שאַפן זיך זיינע באַציאונגען און פאַרדערונגען צום אידנשטאַט. מען קען אָבער זאָגן, אַז צוליב דעם וואָס מיט אונז האָט געטראָפן אַזאַ גרויסער אומגליק, דער גרעסטער אין אונזער געשיכטע, האָבן אַלע אידן  אַ װענד געטאָן זייערע  אויגן צו מדינת ישראל!

דער אויפקום פון מדינת ישראל, האָט אַ וואַרעם געטאָן די הערצער און געפילן אפילו ביי די פאַרשיידענע „איסטן", וואָס זענען געשטאַנען ווייט פון געדאַנק פון מלכות ישראל.

דער פייערלעכער מאָמענט איז אַריבער און אָט שוין זעקס יאָר ווי די אידישע מלוכה עקזיסטירט, און ווידער ווערט אויפגעהויבן די דיסקוסיע: וואָס דאַרף זיין די באַציאונג פון פאָלק ישראל צו מדינת ישראל?

זיך ניט אריינלאָזנדיק צו טיף אין דער פראַגע, קען מען ענטפערן מיט איין וואָרט: יעדער איד, וואו ער זאָל ניט זיין, וואָס ער זאָל ניט דענקען, דאַרף און מוז שטיצן מדינת ישראל, טאָג טעגלעך און וויפל ער איז נאָר ביכולת.

פאַרוואָס? ווייל די געשיכטע אונזערע פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר איז פול מיט בלוט פלעקן. ניטאָ קיין לאַנד, ניטאָ קיין פּלאַץ וואו אידן זאָלן ניט האָבן געוועזן אויסגעשטאַנען דערגנידעריקנדע רדיפות, ספּעציעל אַלס אידן. דאָס האָט געפילט יעדער איד. דער קלאַפּ איז געוועזן פאַרשיידנאַרטיק יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים באַקומען — אָבער אַלעמאָל איז ער געוועזן געווענדעט צו אים אַלס איד און קודם כל דערפאַר ווייל ער איז געווען הפקרדיק, באָדנלאָז און שטאַטנלאָז. און אָט איז אויפגעקומען מדינת ישראל און מיר האָבן אַן אייגענעם שטאַט. איז לאָמיר מסכים זיין, אַז קיין פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון די גלות'ן וועט ניט זיין, אידן וועלן אויך בלייבן וואוינען אין פאַרשיידענע לענדער. אָבער בכדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער אידישער מלוכה, מוזן מיר דאָרט האָבן מינימום דריי ביז פינף מיליאָן אידן. מוז דערפאַר אָנגיין אַן עמיגראַציע. אידן וועלן האָפנטלעך אויך ווייטער עמיגרירן פון פוילן, רומעניע, אונגאַרן, מאַראָקאָ און די אַראַבישע לענדער. און אויב אַ גרויסע עמיגראַציע, וועלן זיך שאַפן במילא עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פאַרן שטאַט ישראל, וואָס זי

וועט ניט קענען אַליין ווירטשאַפטלעך לייזן, ווייל זיי איבערשטייגן יעדע ווירטשאַפטלעכע פּלאַנירונג פון וועלכן עס איז לאַנד, מוזן דערפאַר די אידן וואו זיי זאָלן ניט זיין, נעמען אויף זיך די לאַסט.

פּשוט גערעדט, זאָלן די אידן אומעטום שאַפן די גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דעם וואוקס פון ישראל זי זאָל זיך קענען אויסלעבן עקאָנאָמיש, ווירטשאַפטלעך און גייסטיק.

אָבער ביז דאַן, ביז דאַן?...

עס וועט פאַר דעם אידישן פאָלק פאַר א ריי יאָרן נאָך שטיין דאָס פּראָבלעם פון זיך מאָביליזירן פאַר ישראל. אידן פון גאַר דער וועלט וועלן מוזן שענקען זייער געלט, און זייער ליבשאַפט צו מדינת ישראל, און אַלץ אין וואָס ישראל נויטיקט זיך! אויב זיי דאַרטן האָבן איינגעפירט „צנע", וועט מוזן דאָס וועלט אידנטום עטוואָס „אָפּשפּאָרן" בכדי צו שאַפן פאַר ישראל, דאָס אין וואָס זי נויטיקט זיך. עס טאָר ניט אָנגעהאַלטן ווערן א גלייכגילטיקע שטעלונג צום איצטיקן צושטאַנד אין ישראל. איך זאָג גלייכגילטיקע, ווייל אויב אין ישראל גייט אָן אַן עקאָנאָמישע מלחמה, אין פולן זינען פון דעם וואָרט, וועלן אידן זיך מוזן מאָביליזירן, כדי צו העלפן ישראל געווינען די עקאָנאָמישע מלחמה.

אידן אין אַמעריקע וועלן מוזן אויסבאָרגן זייערע קינדער־ספּעציאַליסטן אין וועלכע ישראל נויטיקט זיך, בכדי אויפצובויען דאָרט די אַלע אונטערנעמונגען, וואָס זענען אַ נויטווענדיקייט. עס וועלן מוזן אידישע קאַפּיטאַליסטן אינוועסטירן אין ישראל אַ טייל פון זייער קפּיטאַל, מעג עס זיין אויף קלענערע פּראָפיט באַדינגונגען, ווי אין אַנדערע לענדער... עס וועלן מוזן מאָביליזירט ווערן מחנות חלוצים פון אַלע לענדער פאַר ישראל; דאָס וועלט אידנטום וועט זיך מוזן מאָביליזירן בכדי צו שאַפן אין ישראל דעם אידנשטאַט פון 3־5 מיליאָן בירגער, מיט א זעלבסטשטענדיקער ווירטשאַפט. און נאָך דעם, וועלן מיר פּילייכט קענען אָנהויבן די דיסקוסיע: וועלכע דאַרפן זיין די פליכטן און באַציאונגען פון פאָלק ישראל צו מדינת ישראל און פון מדינת ישראל צו פאָלק ישראל.

אידן דאַרפן איצט אָפּלייגן די דיסקוסיע אויף אַ שטיקל צייט, און מיט ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט, זיך מאָביליזירן אויף עטלעכע יאָר צו פאַרפעסטיקן אַן אָפּגעהאַלטענעם זיג, וואָס קומט ניט יעדן מאָל אין לעבן פון אַ פאָלק.

# ציוניסטישע טעמעם

(די ראָל פון ציוניזם האָט זיך נאָך ניט געענדיקט)

# טרוים, וויזיע אוןווירקלעכקייט

... די בענקשאַפט שאַפט דעם משיח. ניט דער יחיד, נאָר די אויפוואַכנ־דיקע פּערזענלעכקייט פון דעם פאָלק, זי וועט צוגרייטן דאָס גאולה ווערק.

... אין דעם אידישן לאַנד וועלן מיר אָנווענדן אַלע נייע עקספּערימענטן און זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. מיר וועלן פּרעזענטירן דאָס נייע לאַנד אַלס מוסטערהאַפטע לאַנד.

... אונזער פאָן וועט זיין אַ ווייס בלויע מיט 7 שטערנ׳ס וועלכע וועלן באַצייכענען דעם 7 שעה׳דיקן ארבעטס טאָג, ווייל דורך אַרבעט וועט זיך דאָס אידישע פאָלק אומקערן נאָך ציון.

... אויב מיר וועלן אויפשטעלן בנינים, ווילן מיר ניט בויען קיין נעבעכ־דיקע געביידעס, נאָר ווי מען בויט איצט און אין אַ פיל דרייסטערער און שע־נערער פאָרם.

(אזוי האָט הערצל געזאָגט)

∷ ∷ ∷

צו ערשט איז געווען דער געדאַנק און דערנאָך די מעשים. בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. צו אַלעם ערשטן האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל. דער הימל, דאָס אַבסטראַקטע איבער אונז, וואו עס געפינט זיך ניט קיין לעבן, נאָר די געטלעכקייט, דאָס איבערמענטשלעכע, דער סימבאָל פון גייסט. אַלזאָ צו אַלעם ערשטן קומט דער געדאַנק, דער טרוים וועלכער קען פאַרוואַנדלט ווערן אין וויזיע און דערנאָך אין רעאַלער ווירקלעכקייט.

געדאַנק, טרוים און וויזיע קענען אָבער פאַרוואַנדלט ווערן אין ווירקלעכ־קייט ווען זיי אַנטהאַלטן קודם כל אין זייער עיקר געדאַנקען וועלכע האָבן אַ אָנשפּאַר אויף זאַכן וועלכע זענען געווען, וואָלטן געקענט זיין, אָדער ליגן טיף פאַרבאַהאַלטן אין די פאַרבאָרגענישן פון דעם ארומרינגלענדן אונז לעבן און וועלכע דעם מענטשנ׳ס שכל האָט נאָך ניט אויסגעפונען.

אזוי ווי אין לעבן פון יחיד, אזוי אויך אין לעבן פון אַ פאָלק, זענען דאָ טרוימען, וויזיעס און ווירקלעכקייט.

זיי ווערן ארויסגעבראַכט דורך יחידים, וועלכע הויבן זיך ארויס מיט זייער געניאַליטעט און פורעמען אויס די באַגערן, ווילנ׳ס, דראַנגען און טרוימען פון אַ פאָלק. זיי פאָרמולירן עס אין געדאַנקען, אָפּהאַנדלונגען און שריפטן. צינדן אָן און שלעפּן מיט נאָך זיך די מאַסן וועלכע פאַרווירקלעכן עס דורך די פּראַקטישע אויספירער.

דאָס אידישע פאָלק האָט געטרוימט, און וויזיאָנירט איבער זיין מהות ווי אַ פאָלק, איבער זיין זעלבסטשטענדיקייט זייט דער צייט ווען ער האָט איר פאַרלאָרן.

דער רעליגיעזער טייל אידנטום האָט אָפּגעגרעניצט פאַר דעם צוועק דאָס פאָלק פון דער דרויסנדיקער וועלט דורך ספּעציעלע קליידונג, מנהגים, זיטן, תפילות דורך וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק די בענקשאַפט און טרוים פון שיבת ציון.

אַנדערע קרייזן האָבן עס פּרובירט טאָן דורך אַנדערע מיטלען און וועגן. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, איז דער געדאַנק און טרוים פון שיבת ציון קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן געוואָרן פון פאָלק.

דר. טעאָדאָר הערצל. — אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט זיין כוח, וואָס האָט ער אַנטפּלעקט פאַר אַ נייעס פאַר דעם אידישן פאָלק און וועלכע זענען די רעזולטאַטן?

דר. טעאָדאָר הערצל האָט ניט געשאַפן דאָס אידישע פאָלק, דר. טעאָ־דאָר הערצל האָט אפילו ניט געשאַפן דעם געדאַנק פון אומקער פון ישראל נאָך ציון, ווייל וואָלט ער געדאַרפט זיין אין זיינער צייט דער וועלכער זאָל עס פון דאָס ניי באַשאַפן, איז ווער וויים, ווי וואָלטן געוועזן זיך אַנטוויקלט די געשעענישן.

און דאָך, אין וואָס איז באַשטאַנען זיין כוח?

זיין כוח איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער ווי איינער פון די הונדער־טער וועלכע האָבן געטרוימט וועגן אַ זעלבסטשטענדיקן פרייען אידישן פאָלק אויף זיין ערד האָט באַהאַפטן זיינע געדאַנקען, אָדער בעסער געזאָגט, די געדאַנקען וועלכע האָבן באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק געטליעט אין די הערצער און מוחות פון אידישן פאָלק, אין אַ פּראַקטישער אויספאָר־מירונג פון אַ פּלאַן און קאָנקרעטע וועגן אויף וועלכע מ׳דאַרף גיין פאַר צוריקקריגן די פרייהייט.

וואָלט דאָס אידישע פאָלק געזעסן אויף זיין אייגענער ערד און דאָרט געדאַרפט צוריקקריגן זיין אוועקגערויבטע פרייהייט, וואָלט הערצל געדאַרפט

זיין דער, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דעם אונטערערדישן און דערנאָך אָפּענעם קאַמף פאַר דעראָבערן די פרייהייט. אזוי ווי דער אידישער פאָלק איז געווען ווייט פון זיין היימלאַנד, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט, האָט הערצל עס געטאָן אויף אַ אַנדער וועג, וועלכער איז געווען דער נאַטירלעכער פאַר דער לאַגע. ער האָט אָנגעצייכנט דעם סקיץ און די פּלענער פאַר אַ אידישער מלוכה אין שריפטלעכער פאָרמולירונג מיט אַלע איינצלהייטן פאַר דער צוקונפטיקער אויספאָרמירונג פון דער זאַך.

און ווי זאָגט הערצל: „די בענקשאַפט שאַפט דעם משיח. ניט דער יחיד, נאָר די אויפוואַכנדיקע פּערזענלעכקייט פון דעם פאָלק, זי וועט צוגרייטן דאָס גאולה ווערק". און ער אַליין הערצל איז געווען דער משיח געשאַפן דורך דער בענקשאַפט פון אידישן פאָלק נאָך ציון. ער האָט אָבער פאַרשטאַ־נען אַז די גאולה ווערק וועט צוגרייטן ניט דער יחיד, נאָר די אויפוואַכנדיקע פּערזענלעכקייט פון דעם פאָלק.

און ער האָט געבראַכט צו דער אויפוואַכנדער פּערזענלעכקייט פון פאָלק.

ער האָט פאָרמולירט דעם טרוים אין אַ וויזיע און די וויזיע פאָרמולירט אין אַ פּראַקטישער שריפטלעכער באַגרינדונג ווי דער „אידנשטאַט", וואו עס זענען געווען די פּלענער פאַר דער צוקונפטיקער אידישער מלוכה.

דאָרט רעדט ער איבער די אַלע פאָרמולירונגען און פּראַקטישע אָנווענ־דונגען, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן אין דער צוקונפט פאַר דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה. ער רעדט וועגן ערד, דערפער און שטעט. וועגן דער פאָן, מלוכה פאַרוואַלטונג און אַרבעט'ס טעג פון אידישן אַרבעטער, איבער פאָנדן און אַרמיי. מיט איין וואָרט, איבער די אַלע עלעמענטן וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ אידנשטאַט.

הערצל האָט אויפגעבויט די אידישע מלוכה צו ערשט אין דעם ערשטן עטאַפּ פון ווירקלעכקייט דורך זיין „אידנשטאַט". ער האָט איינגעשפּאַנט דעם געדאַנקען גאַנג, די טרוימען און וויזיעס פון פאָלק, צו דענקען אין די פּראַקטישע טערמינען פון פאָלק, היימלאַנד, רעגירונג, באָדן און אַלע אַנ־דערע עלעמענטן וועלכע פאָרמירן אַ אייגן לאַנד און פרייען פאָלק. ער האָט איבערגעפירט דעם אַבסטראַקטן געדאַנקען־גאַנג וועגן אידישער מלוכה אויף פּראַקטישן געדאַנקען־גאַנג פון דענקען אין מלוכה טערמינען. די נייע באַ־וועגונג וועלכע שאַפט זיך און שפּרייט זיך אויס גייט ניט מער אויפ'ן וועג פון טרוים און וויזיע. די באַוועגונג רעדט דירעקט און הויבט אָן שאַפן דאָס נויטיקע פאַר דעם צוקונפטיקן אידנשטאַט.

דאָס גיין שתדלנות בעטן ביי סולטאַנס, קעניגן, פּראָטעקציע פאַר ערד קויפן, דערלויבעניש פאַר עמיגראַציע נאָך ישראל, איז שוין דער אָנהויב פאַר דער פּראַקטישער רעאַליזירונג פון דעם טרוים און וויזיע.

דאָס גיין בעטן ביי אידישע גבירים געלט נויטיקע פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון די פּלענער איז דער וועג דערצו. עס פאַרפּלאַנצט זיך דער ניי־ער וועגוויז פון הערצל'ס תורה. ער דערוועקט די אַלע געדאַנקען, זעלישע און ראַציאָנעלע פאַקטאָרן, וועלכע רופן ארויס די מעכטיקע דערוואַכונג פון פאָלק פאַר פּראַקטישן געדאַנקען־גאַנג און פּראַקטישע מעשים.

גרויסע טיילן פון פאָלק הויבן אָן דענקען און טאָן אין דעם גייסט.

עס וואַקסן אויס די מנהיגים, וועלכע פּאָפּולאַריזירן, באַגרינדן און קלערן אויף פאַר די ברייטע מאַסן דעם נייעם וועג אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין און דאָס איז דער וועג פון „אידנשטאַט“.

זאַמלען פאָנדן, אויסלייזן ערד, באַאַרבעטן איר, שאַפן ישובים, שאַפן די אונטערערדישע הגנה, שאַפן קאַדרען חלוצים, ווי עטאַפּן און עלעמענטן פאַר שאַפן די מדינה.

הערצל זאָגט: „דער טרוים איז נישט אזוי פאַרשיידן פון דעם טאַט — ווי א סך מיינען“ און מען קען צוגעבן: דער טאַט איז דער פּועל יוצא פון דעם טרוים, אויב עס געפינען זיך די וועלכע ווילן פאַרווירקלעכן דעם טרוים.

הערצל האָט זיין טרוים פאַרגעלייגט אין טאַט. און דורך טאַט האָט די גרויסע פאָלקס באַוועגונג, ווי ציוניזם, פאַרווירקלעכט דעם אָנהויב טאַט פון הערצלען און אַלס פּועל יוצא איז אויפגעקומען די פרייע מדינת ישראל.

## תל אביב נעמט אויף פּרעזידענט חיים ווייצמאַן ז"ל

איך האָב אים געזען אין ישראל!

איך האָב אים געזען, דעם גרויסן איד, דעם גרויסן ציוניסטישן פירער, דעם גרויסן אידישן מנהיג, דעם ערשטן פּרעזידענט פון מדינת ישראל חיים ווייצמאַן ז"ל. דאָס איז געווען אַ מיטן וואָכעדיקער טאָג, ווען אויף די גאַסן פון דער רוישיקער שטאָט פון ישראל, אין דער שיינער תל אביב, האָבן זיך פאַרזאַמלט די אייגוואוינער צו באַגריסן דעם ערשטן פּרעזידענט פון ישראל.

תל אביב האָט זיך אויסגעשפּאַנט פון איר הו־האַ. תל אביב האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן איר וואָכעדיקייט. לאָדנס פון געשעפטן האָבן זיך צוגעמאַכט; ווארשטאַטן האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן; ביוראָס האָבן זיך געשלאָסן; הייזער זענען אויסגעליידיקט געוואָרן. די גאַסן זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט מאַסן שטראָמנדיקע. אַלט און יונג, קינד און קייט, האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די טראָטוארן, כדי אים צו זען פאַרבייפאָרן.

איז וואָס האָט היינט פּאַסירט? וואָס האָט די מענטשן צונויפגעפּרעסט צו שטיין אונטער די שטראַלן פון דער ברענענדער הייסער ישראל זון און וואַרטן?

אָט זענען דאָך אפילו קליינע קינדער ארויסגעפירט געוואָרן. די באַלקאָנען זענען באַלאָדן. די דעכער זענען איבערפולט. די פּאָליציי טראָגט ווייסע הענטשקעס. איבעראַל הענגען וויים בלויע פאָנען. רעגימענטן מיליטער אין פּאַראַד באַוואָפענונג שטייען גרייט צום באַגעגענען. איז וואָס זשע דאַרף פּאָרקומען?

תל אביב לעבט איבער היינט אַ גרויסן יום טוב. דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, דר. חיים ווייצמאַן, באַערט היינט דער אידישער שטאָט מיט אַ וויזיט.

די מענטשן וואַרטן מיט אומגעדולד. און אָט קומט דער מאָמענט ווען ער באַווייזט זיך אויף דער גאַס. עס ווערט שטיל. מענטשן הויבן זיך אונטער אויף די שפּיץ פינגער, צו גרייכן מיט זייערע בליקן צום פּונקט, וואו עס באַווייזט זיך דער פּרעזידענט.

אין אָנהויב פון דער שורה זיצט ער. ער איז אין גאַנצן גרוי. זיין האַנט האַלט דעם האַרטן שוואַרצן צילינדער אויפגעהויבן צום באַגריסן זיינע בירגער. עס פּליאסקען הענט אין אַ הילכיקער פּאַטשעריי. די בירגער פון תּל אביב באַגעגענען פריידיק, מיט כבוד און ליבע דעם ערשטן פּרעזידענט פון ישראל.

צוויי טויזנט יאָר זענען מיר געווען אָפּגעריסן פון דער אייגענער ערד, אייגענער רעגירונג און אייגענעם פּרעזידענט. אָבער דורך די צוויי טויזנט יאָר, האָט דאָס אידישע פאָלק ניט אויפגעגעבן זיין ווילן, כדי דעם דאָזיקן חלום צו פאַרווירקלעכן.

און אָט איז דער חלום מקוים געוואָרן! ווייצמאַן איז פּרעזידענט ניט פון היינט, ניט פון נעכטן. ער איז פּרעזידענט שוין לאַנגע יאָרן. ער איז פּרעזידענט פון די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. און די ציוניסטישע קאָנגרעסן זענען דאָך געווען אונזער פּאַרלאַמענט, די דעלעגאַטן — אונזערע דעפּוטאַטן. די אַגענטור מיטגלידער — אונזערע מיניסטאָרן און ער — דער פּרעזידענט פון דער נאָך ניט עקזיסטירנדער מלוכה; די מלוכה אונטערוועגנס.

ווייצמאַן איז ניט ניי אויף זיין פּרעזידענטן־שטול. ער פירט די פּרעזידענטשאַפט שוין פון לאַנג. און ווי צוגעפּאַסט און ראוי ער איז צו דעם. די טאָג טעגלעכע אַרבעט פירן די אינגערע. די שווערע דיסקוסיעס און קאַבינעט באַראַטונגען פירן די מיניסטאָרן. ווייצמאַן באַשיינט און באַדעקט מיט דעם אַרעאַל פון זיין גרויסער פּערזענלעכקייט דעם מיניסטאָרן קאַבינעט, דעם פּאַרלאַמענט, דאָס פאָלק, דאָס לאַנד.

ווייצמאַן איז אַ גרויסער איד, אַ גרויסער געלערנטער, אַ מענטש פון דער אַזוי גערופענער ציוניסטישער אַלטער גוואַרדיע, וועלכע גלויבן אין די הומאַניטאַרע, גרויסע פאָלקס אידעאַלן פון שלום, דעמאָקראַטיע, מענטשן־ליבע און פריינטלעכקייט. ווייצמאַן גלויבט אַז נצח ישראל לא ישקר. ער ציט זיין יניקה פון דער קליין שטעטעלע מאָטעלע, ביי פּינסק. ווייצמאַן האָט ניט אויפגעגעבן זיין יניקה אפילו זייענדיק אין די הויכע ספערן פון די ענגלישע געלערנטע קרייזן, וועלכע האָבן אים, אַ דאַנק זיינע גרויסע עקספּערימענטן און ערפינדונגען, געשטעלט אין די רייען פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע און געלערנטע. פאַר אים עפענען זיך ברייט די טירן אריינצוגיין אין דער גוישער וועלט. ער זאָגט זיך ניט אָפּ עס צו טאָן. ער בלייבט אָבער דערביי אַ איד, אַ איד אין אויסזען, אַ איד אין רעדן, אַ איד

אין גלויבן. נאָך מער, ער טײלט זײַן רעפּוטאַציע, זײַן רום צום קאַמף וואָס דאָס אידישע פאָלק פירט פאַר זײַן רענעסאַנס.

ער איז אַ גרויסער איד, אַ גרויסער אידישער געלערנטער און אַ גרויסער ציוניסט. און דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אין אים די גרויסע פּערזענלעכקייט. ער רײַסט זיך ניט אָפּ פון שורש. ער מאַכט אַ סינטעז פון אידישקייט, וועלט־לעכקייט און קאַמף פאַר אויסלייזונג.

דר. ווייצמאַן איז געבליבן צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם אידישן פאָלק, מיט זײַן שטעטעלע מאָטעלע און מיט דעם תנ"ך און ארץ ישראל. האָט ער דעריבער זוכה געווען צו דעם גרויסן, גרויסן כבוד צו זײַן דער מאָדערנער מלך פונעם יונגן ישראל.

תל אביב האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם ערשטן פּרעזידענט פון ישראל. מאַמעס האָבן אונטערגעהויבן זייערע קינדער אויף די הענט, זיי זאָלן אים זען. אַלע, אַלע האָבן אים געזען און ער האָט אַלעמען געזען.

לאַנגזאַם האָט זיך געגליטשט די שורה פון לומיזינעס. לאַנגזאַם, לאַנג־זאַם האָט דער ערשטער פּרעזידענט פון ישראל באַגריסט מיט זײַן הוט דעם עולם, די אידישע בירגער פון זײַן לאַנד. לאַנגזאַם האָבן טויזנטער אויגן אים באַגלייט. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָבן זיך געשפּונען די געדאַנקען ביי די פאַרזאַמלטע: צעזייט און צעשפּרייט, צעטראָטן און דערנידעריקט במשך פון טויזנטער יאָרן, האָבן מיר זוכה געווען צום גרויסן טאָג פון זען אונזער ערשטן פּרעזידענט. ער האָט ניט קיין גיטער און קיין קנעכט, קיין רײַכטום און קיין לוסט נאָך דעם. ער איז אַ איד פון מאָטעלע, אַ גרויסער געלערנ־טער פון לאָנדאָן, אַ גרויסער וועלט ערפינדער און דאָך — פאַרבלייבט ער אַלץ דער גרויסער איד.

דר. חיים ווייצמאַן ז"ל, איז געווען גאָר אַנדערש פון אַנדערע פּרעזי־דענטן. און דעריבער האָבן מיר זיך געגרויסט אַזוי שטאַרק מיט אים און זײַן אָנדענק וועט בלייבן אייביק אין געדעכעניש פון פאָלק.

# חיים — דער אייביקער קוואַל פון לעבן

גלייך נאָך דר. חיים ווייצמאַנ׳ס פּטירה, האָט פּרעמיער דוד בן גוריון דערקלערט:

„זינט דר. הערצל׳ן האָבן מיר ניט געהאַט זיינס גלייכן. ווייצמאַן האָט געטראָגן אויף זיך צוויי קרוינען: כתר תורה און כתר מלכות. די צוויי געביטן זענען ניט געווען אָפּגעשיידט אין דר. ווייצמאַנ׳ס אַקטיוויטעטן".

די רבנות הראשית האָט ארויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אין דעם אל מלא רחמים פאַר ווייצמאַנ׳ס נשמה זאָל מען צוגעבן „אשר מסר נפשו על תקומת העם והמדינה" (ער האָט מקריב געווען זיין נפש פאַר דער אויפלעבונג פון זיין פאָלק און לאַנד). דער אל מלא רחמים ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „יצרור בצרור החיים את נשמתו עם נשמות מלכי בית דוד ונשיאי ישראל".

רב אלוף יאדין, דער הויפּט פון מיליטערישן שטאַב, האָט ארויסגעגעבן אַ באַזונדערן טאָג אָרדענונג (פּקודת יום). אין דעם טאָג אָרדענונג זאָגט דער הויפּט פון גענעראַל שטאַב: „די אַרמיי פון ישראל שטייט אין סאַלוט. די פאָנען פון דער אַרמיי׳ס אָפּטיילונג און בריגאַדעס זענען ארונטערגעצויגן. ישראל׳ס אַרמיי סאַלוטירט אין אַ הייליקן ציטער אין אָנדענק פון דעם פּרעזידענט".

אין די זיבן טעג פון טרויער, זענען די פאָנען אין אַלע מיליטער קעמפּס געווען אראָפּגעלאָזן. לעבן זיי האָט געברענט אַ גרויסער נר תמיד. אַן ערן וואַך פון סאָלדאַטן האָט געהיט די ערטער.

אַ פערטל מיליאָן איינוואוינער פון ישראל, אידן, מוסולמענער, קריסטן און דרוזן זענען ארומגעגאַנגען אַרום ארון און האָבן אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד צום פאַרשטאָרבענעם מנהיג פון אידישן פאָלק, דעם פּרעזידענט פון דער אידישער מדינה.

נאָך דעם ווי דער מיליטערישער חזן, האָט געזאָגט דעם ספּעציעלן אל מלא רחמים און נאָכן קדיש פון הרב הראשי עוזיאל האָבן זעקס סגני אלופים פון דער ישראל אַרמיי און צוויי הויכע אָפיציערן פון דער ישראל פּאָליציי אויפגעהויבן דעם ארון אויף זייערע אַקסלען און די לויה, — באַגלייט פון אַן ערן־וואַך פון אַכט אלופים פון דער ישראל אַרמיי, — האָט זיך גענומען רוקן צום אָרט פון דער קבורה. פון שטוב ביז׳ן קבר זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין טאָפּלטע שורות סאָלדאַטן פון אַלע ישראל אַרמיי פאָרמאַציעס.

בשעת דער קערפּער איז ארונטערגעלאָזן געוואָרן אין קבר, האָבן 21 קאַנאָנען אויסגעשאָסן צום אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט.

דר. ווייצמאַנ׳ס טויט האָט טיף אויפגערודערט אַלע אידישע קהילות איבער דער גאַנצער וועלט. אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע, סאָציאַלע, קולטורעלע האָבן ארויסגעגעבן טרויער פּראָקלאַמאַציעס.

גלייך ווי די ידיעה וועגן דר. ווייצמאַנ׳ס טויט איז באַקאַנט געוואָרן, האָט דער גענעראַל סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע פעלקער מר. טריגווי לי געשיקט אַן אויסדרוק פון טרויער צו ישראל׳ס אויסערן מיניסטער משה שרת.

מאָנטיק אין דער פרי, ווען די פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער זיבעטער אַסעמבלי, האָט געעפנט איר זיצונג, האָט דער פאָרזיצער קאַרלאָס מוניץ, דער אַמבאַסאַדאָר פון בראַזיל, אויסגעדריקט טרויער מיטגעפיל צו דער ישראל דעלעגאַציע.

מאָנטיק נאָכמיטאָג ווען די גענעראַל אַסעמבלי, איז זיך צונויפגעקומען האָט דער פּרעזידענט פון דער אַסעמבלי לעסטער פּירסאָן, געבעטן אַלע מיטגלידער פון דער אַסעמבלי זיך אויפצושטעלן ווי אַן אויסדרוק פון רעספּעקט אין אָנדענק פון דר. חיים ווייצמאַן. מר. פּירסאָן האָט אויסגעדריקט די סימפּאַטיע פון די פאַראייניקטע פעלקער אויפן טויט פון דר. ווייצמאַן.

דינסטיק, דער טאָג, פון דר. ווייצמאַנ׳ס לויה, זענען די פאָנען פון אַלע פעלקער ביים אריינגאַנג צו דער גרויסער געביידע פון די פאַראייניקטע פעלקער, ניט אויפגעהאַנגען געוואָרן. עס איז געהאַנגען בלויז איין איינציקע פאָן, פון די יונייטעד ניישאָנס, אַראָפּגעלאָזט אויף האַלבן מאַסט.

פאַר אַ געפאַקטן זאַל און אין אַבסאָלוטער שטילקייט האָט אַמבאַסאַדאָר איבען געדאַנקט מר. פּירסאָן פאַר זיינע רייד מיט אַ טאָג פריער.

פּרעזידענט טרומאַן שרייבט אין זיין טרויער אויסדרוק: „די מענטשהייט האָט פאַרלאָרן אַ גרויסן פירער“.

דער קומענדיקער פּרעזידענט אייזנהאַואר שרייבט אין זיין טרויער אויסדרוק:

„די פרייע רעפּובליק פון ישראל האָט געליטן אַן אומפאַרגלייכלעכן פאַרלוסט אין דעם טויט פון איר ערשטן בירגער דר. חיים ווייצמאַן. צוזאַמען מיט אַלע אַמעריקאַנער און אַלע פעלקער פון גוטן ווילן איבער דער גאַנצער וועלט, טרויער איך אויף זיין טויט.“

ווינסטאָן טשוירטשיל שרייבט אין זיין טרויער אויסדרוק: „די וועלט האָט פאַרלאָרן אַן אויסערגעוויינלעכן בירגער און ישראל האָט פאַרלאָרן אַן איבערגעגעבענעם זון“.

דער אל מלא רחמים נאָך דר. ווייצמאַן ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „זאָל זיין נשמה זיין פאַרבונדן מיט די נשמות פון די מלכים פון בית דוד און די הארן פון ישראל."

נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, איז געשטאָרבן דער ערשטער נייער מלך פון ישראל — דער מאָדערנער מלך, דער מאָדערנער פּרעזידענט — דר. חיים ווייצמאַן.

דר. חיים ווייצמאַן האָט פאַרבונדן זיין לעבן מיט דער אויפלעבונג פון מלכות ישראל און האָט דעריבער זוכה געווען מיט זיין טויט צו ברענגען צום העכסטן אויסדרוק די דערגרייכטע אויפלעבונג פון מדינת ישראל.

אין טעג פון טרויער, האָט דאָס לעבן זיך געריסן פון אַלע ווינקלעך. דער אייביקער בטחון אין דער אומשטערבלעכקייט פון אידישן פאָלק און אין מלכות ישראל איז נאָך קיין מאָל אזוי שטאַרק ניט געווען. יעדער קרעכץ, יעדער טרער, יעדער אויסדרוק פון טרויער, יעדער מיטגעפיל אויסדרוק פון אידן און ניט אידן, האָבן געמאָלן בילדער פון אויפגעוואַכטן לעבן פון דער אידישער מלוכה.

— חיים — דער אייביקער קוואַל פון לעבן.

יעדע אַראָפּגעלאָזטע פאָן פון ישראל און חוץ לארץ — האָט געפינקלט מיט דעם גרויסן גלאַנץ פון אייביקן שפּרודלדיקן קוואַל פון לעבן.

דער גרויסער פּרעזידענט האָט בלויז צוגעמאַכט זיינע אויגן — זיך אונטערגעבנדיק דעם אייביקן געזעץ פון איבעררייסן מיט דער טאָג טעגלעכ־קייט — פון דעם ערדישן לעבן. ער האָט אָבער אָנגעצונדן נאָך זיין טויט דעם פאקל אין דעם ווייטערדיקן מאַרש פאָרויס אין לעבן פון אונזער פאָלק.

ווייצמאַן האָט מיט זיין טויט באַוואויזן, אַז די אידישע מדינה זאָל נאָך אַמאָל איבערלעבן און ברענגען צום אויסדרוק דעם גרויסן מאָמענט פון איר פרייהייט און עקזיסטענץ. דורך זיין טויט האָט ישראל ווידער דערפילט דעם שטאָלץ פון זיין נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט.

ווייצמאַן האָט מיט זיין טויט באַוואויזן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל נאָך אַמאָל דערזען פאַר זיך די שיין פון דער אויפגעקומענער מלכות ישראל און זאָל געדענקען, אַז ישראל האָט אויפגעוואַכט צום לעבן.

געשטאָרבן איז דר. חיים ווייצמאַן אין גוף בלויז, זיין נשמה אָבער לעבט אייביק! און זיין ליכטיקער נאָמען וועט ווייטער זיין אַ טרייסט און אַ דערמאָנונג טריי צו בלייבן אונזער הייליקן אידעאַל דאָס ניי־אַלטע — מלכות ישראל!

# ירושלים — די אייביקע הויפּטשטאָט פון ישראל

ירושלים איז באַלאַגערט! ירושלים איז דאָרשטיק! ירושלים הונגערט! אַזעלכע זענען געווען די טאָג־טעגלעכע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער הייליקער שטאָט. די הערצער פון ישוב האָבן געקלאַפּט מיט די הערצער פון די באַלאַגערטע אידן פון ירושלים.

אַלע האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז ירושלים וועט זיך ניט אונטערגעבן, ירושלים וועט ניט פאַלן.

דער גלויבן איז געפלאָסן פון דער זיכערקייט, אַז ירושלימער אידן וועלן זיך ניט אונטערגעבן.

ווי נאָר עס איז אויפגעבויט געוואָרן דער נייער וועג נאָך ירושלים, דער בורמאַ וועג — ווי מען האָט דעם הויפּט־וועג, אַ נאָמען געגעבן — האָב איך זיך געווענדעט צו דער מיליטער מאַכט אין תל אביב וועגן אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן נאָך ירושלים. שווער געווען צו קריגן אַזאַ דערלויבעניש, נאָר פאַר אויסדערוויילטע גיט מען אַזעלכע.

איך דערציי׳ל אַז איך קום פון קובאַ און דאָס האָט געהאָלפן. איך באַקום די דערלויבעניש, אַ פּלאַץ אין אַן אויטאָבוס, און איך פאָר קיין ירושלים. איך קוק זיך ארום. ווער זענען די מיט־פאָרער? דאָס זענען ירושלימער אידן, וואָס זענען ארויסגעפירט געוואָרן אין צייט פון באַלאַגערונגס צושטאַנד; מאַמעס און קינדער, קראַנקע און ד. גל. ביי דער ערשטער געלעגנהייט קערן זיי זיך אום צוריק. די לאַגע איז טאַקע דאָרטן נאָך ניט נאָרמאַליזירט, אָבער אַ ירושלימ׳ער קען ניט וואוינען ערגעץ אַנדערש וואו.

דער שאָפער, אין קורצע כאַקי הייזלעך, מאָביליזירט ביי דער צבא ההגנה לישראל, מאַכט אָרדענונג אין אויטאָבוס, צעלייגט די פּעקלעך וואָס יעדערער פירט מיט. יעדער פּאַסאַזשיר האָט אַ פּעקעלע מיט שפּייז, גרינסן פאַר די ירושלימער פריינט זיינע. אין ירושלים פעלט נאָך עסן, גרינסן און אַנדערע עלעמענטאַרע זאַכן פאַר דעם טאָג טעגלעכן געברויך.

איך פיר אויך מיט אַ פּעקעלע שפּייז. דוכט זיך עס איז ניט צו פריי־לעך. אָבער דאָך איז דאָ עפּעס פריידיקס אין דעם פאַקט: מ'פירט שפּייז פאַר דער אויסגעהונגערטער שטאָט, אָבער ניט פאַר דערהאַלטן דאָס לעבן פון באַזיגטע. שפּייז פאַר דער העראָאישער אידישער שטאָט. און אויב עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז אשרי שזכינו לכך!

אונזער אויטאָבוס קרייזט לאַנגזאַם איבער דעם פּראָוויזאָריש געלייגטן וועג.

אין פילע פאַלן דערגרייכט דער אויטאָבוס צו משופּע'דיקע הויכן. בשעת'ן פאָרן דוכט זיך דיך, אַז דער אויטאָבוס פאַלט באַלד אַראָפּ. דער שטויב דערהויבט זיך הויך און באַדעקט דעם אויטאָבוס, די פּאַסאַזשירן, די שפּייז פּעקלעך, אַלץ ארום. עס ציען זיך קאַראַוואַנען מיט אויטאָבוסן, וועלכע פירן עסנוואַרג, וואַסער, נאַפט פאַר ירושלים. אָט בלייבט שטיין אַן אויטאָבוס אין וועג, גלייך רינגלען אים אים ארום די שאָפערן און פּאַסאַזשירן פון די איבעריקע אויטאָבוסן און טראָגן אים כמעט ווי אויף די הענט.

די זון נויגט זיך צום אונטערגאַנג. ירושלים איז ארומגערינגלט מיט בערג. די בערג ארום ברענגען ארויס בולטער די היסטאָרישע שיינקייט פון דער שטאָט. מיר דערנענטערן זיך צו ירושלים. עס איז שוין טונקל. מיר ווערן אָפּט אָפּגעשטעלט פון דער קאָנטראָל פּאָליציי וואָס רעווידירט אַלץ. דער אריינפאָר קיין ירושלים ווערט שטרענג קאָנטראָלירט.

עס בלאַנקען קליינע פינקלדיקע פייערלעך אין די פענצטער פון די היי־זער פון ירושלים'ער איינוואוינער.

איך בין אין ירושלים!

מיד און פאַרשטויבט פון וועג, דערפרישט די ירושלים'ער קילקייט. די לופט דאָ איז קיל און דורכזיכטיק. איך האָב גענעכטיקט אין מיין ברו־דער'ס הויז, וועלכן איך האָב ניט געזען 15 יאָר.

פון אַ באַלקאָן פון פינפטן שטאָק, האָב איך אַראָפּגעקוקט צו דער שטאָט, וואָס איז איינגעהילט אין בלויקייט. עס זעען זיך די שפּיצן פון קלויסטער'ס. וואָס געפינען זיך אַ סך אין ירושלים.

איך גיי איבער ירושלים'ער גאַסן. זיי ציען זיך אָפטמאָל באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ. איך זע אידן מיט בערד און פאות אויף די גאַסן. אָט זיצט אויף אַ ראָג אַ ירושלמי, אין באָרד און פאות, פאַר'דבקה'ט און איז מתפלל, זיינע ליפּן באַוועגן זיך, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן שאָקלט ער זיך און זיינע ליפּן מורמלען. איך קוק אויף דעם דאָזיקן זקן און מיר דוכט זיך, אַז ער פאַרקערפּערט די הייליקייט פון ירושלים. ער זיצט דאָ ווי אַ

לעבעדיקער סימבאָל אירער... אויף די גאַסן גייט אָן אַ שטאָטישער הו־הא. איך שטיי שפּעטער מיט מיין ברודער אין אַ ריי נאָך וואַסער. ירושלימ׳ער אידן מיט קרוגן אין די הענט, שטייען אין ריי צו באַקומען די פּאָרציע וואַסער. עס שטייט ביים פּלומפּ אַ הדרת פּנימ׳דיקער איד, וואָס באַגריסט זיך מיט יעדן איינעם און שמייכלט האַרציק. לכבוד דעם גאַסט טיילט ער אויס מיין ברודער, נאָך אַ פּאָרציע וואַסער... ירושלים איז גאַסטפריינט־לעך אפילו אין צייט פון דאָרשט...

מיין ברודער ווייזט מיר די בן־יהודה גאַס, וואו די ענגלענדער האָבן דורכגעפירט דעם טייוולאָנישן אויפרייס פּלאַן. זי איז זייער צעשטערט. די פענצטער פון די הויפּט־געשעפטן פאַרמויערט.

די שפּורן פון מלחמה מערקן זיך אויף יעדן שריט און טריט. צע־שמעטערונגען, אָפּצוימונגען פון דראָט, באַריקאַדן, סקעלעטן פון פאַרברענ־טע מויערן, איינגעפאַלענע הייזער, גריבער פון באָמבעס.

איבער די גאַסן ווייזן זיך פּאָליציי און מיליטער פּאַטרולן. עס קלינ־גען אָפּ די פעסטע טריט פון די שומרי־ירושלים.

ירושלים זעט אויס ווי נאָך אַ שווערן קריג. זי זעט אויס אָפּגעמאַ־טערט. דאָס מערקט זיך אויף די פּנימ׳ער פון ירושלימ׳ער. שטיל איז ארום.

אַ מאָדנע רואיקייט באַהערשט דיר ווען דו קומסט אָן אין דער הייליקער שטאָט. פון די שפּורן פון מלחמה חורבן, שפּרודלט ארויס דער הייליקער גייסט פון נצחון.

ירושלים, דו ביסט הייליק! איך פיל עס אויף יעדן טראָט.

דאָס בלויע ליכט פון די רעקלאַמעס שיינט דאָ אַנדערש ווי אין וועל־כער עס איז שטאָט. די ירושלימ׳ער, זעען אויס מאַיעסטעטיש ווען זיי באַוועגן זיך אין גאַס.

איז דאָס פאַנטאַזיע? אָ, ניין! דאָס איז רעאַלע ווירקלעכקייט. פילסט די הייליקייט פון ירושלים אויף יעדן שריט און טריט.

ירושלים, ביזט איינגעקריצט אין זכרון פון יעדן איד און ספּעציעל ביי די וואָס האָבן דיך מיט די אויגן געזען.

דו ביסט הייליק ירושלים! אייביקע הויפּט שטאָט פון ישראל!

# ציוניזם, מדינת ישראל און דער „קרן היסוד" — ישראל קאַמפּיין

ווען מענטשן זאָלן זיין קאָנסעקווענט אין לעבן און מאַכן לאָגישע אויספירן פון געשעענישן, און לערנען פו היסטאָרישע פאַקטן, וואָלטן פיל פּראָבלעמען געלייזט געוואָרן אויף זייער ריכטיקן אופן. פּיל איבעריקע דיס־קוסיעס, סתם ריידעריי און איבעריקע טינט, וואָלטן איינגעשפּאָרט געוואָרן.

און ספּעציעל וואָלט געדאַרפט די דערשיינונג זיין אָנגענומען, ווי אַן אַקסיאָמע, אויף דער אידישער גאַס, ווייל ווער־ווער, נאָר מיר האָבן געווים געדאַרפט לערנען פון געשעענישן און פון אונזער בלוטיקן עבר.

געוועזן צייטן, — און מיר אַלע געדענקען זיי, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט היימלאָזיקייט, באָדנלאָזיקייט און איז געווען אויסגע־שטעלט אויף הפקר. זײַט דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין אומאָפּ־הענגיקייט, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים יאָרן פון פּיין און בלוט. ווען מען זאָל וועלן ציען אַן אַנאַלאָגיע פון די צייטן פון אונזער חורבן ביים פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט, וועט זיך, ווי אַ רויטער שנור, דורכציען די ליידן, רדיפות, פּאָגראָמען, דיסקרימינאַציעס, פּאָליטישע און גייסטיקע פאַרפאָלגונגען קעגן אידישן פאָלק.

אונזער קונסט און ליטעראַטור איז ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלעם, פאַרפולט מיט איכה לידער, מיט קלאָגעריי, אויף אונזער אומבאַהאָלפנקייט. אונזערע שרייבער האָבן אָפּגעשפּיגלט די אומבאַהאָלפנקייט, די אומזיכער־קייט פון אונזער פאָלק. אין אונזערע תפילות האָט זיך אויסגעגאָסן דער השתפכות הנפש און בענקשאַפט נאָך ציון און דער וויי געשריי צום רבונו של עולם אויף אונזערע ליידן.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל די ווערק פון שלום עליכם, און מענדעלע'ן וואָס לאַכן מיט „יאַשטשערקעס" איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט, אייגנאַרטי־קייט און אומבאַהאָלפנקייט פון אידישן פאָלק.

שפּעטער קומט דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק און ער שרייט אויס אין איינער פון זיינע פּאָעמעס די אומבאַהאָלפנקייט פון אידישן פאָלק, וואָס לאָזט זיך פּאָגראָמירן, ניט שטעלנדיק קיין ווידערשטאַנד; ווי ער שרייבט עס אין דער פּאָעמע „בעיר ההרגה", נאָך דעם פּאָגראָם אין קישעניעוו.

דאָס זענען אָבער געווען נאָר אַרויסגעבראַכטע ווייגעשרייען, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דאָס אידישע פאָלק, אַרויסברענגענדיק זיין טראַגעדיע אין פאָרם פון ווייגעשרייען דורך אָפּשפּיגלען עס אין דער ליטעראַטור.

אַ נייע עראַ קומט אויף דער אידישער גאַס מיט דעם מאָמענט פון אַנטשטייאונג פון ציוניזם און פון חלוציזם, וואָס שטעלן פאַר זיך אַלס ציל אַ סוף צו מאַכן מיט דער באָדנלאָזיקייט פון אידישן פאָלק, מיט זיין אומבאַהאָלפנקייט און מיט זיין נוצלאָזער דיסקוסיע איבער זיין גורל, ניט מאַכנדיק קיינע פּראַקטישע אויספירן דערביי. דער ציוניזם, דער חלוציזם זאָגט קאָנקרעט: מיר זענען הפקר, ווייל מיר זענען אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אַ פאָלק אָן באָדן און אָן אַ רעגירונג, אָן אייגענער אַדמיניסטראַציע און אָן אייגענעם מיליטער. איז אויב דאָס איז די סיבה פון אונזער לאַגע, מוזן מיר, בכדי צו פאַרמיידן עס אויף ווייטער, זיך אָנשטרענגען צו באַשאַפן די אַלע זאַכן.

וויפל רדיפות, אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס און אידעאָלאָגישע שטיין וואַרפעריי האָבן דאַן אַריינגעכאַפּט דער ציוניזם און דער חלוציזם אויף דער אידישער גאַס! איך וויל ניט באַגאַטעליזירן די דאַן ענטשטאַנענע קעגנערשאַפט, דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא, פון אידישן געראַנגל, אַ פּועל יוצא פון ניט זיין פּאָליטיש רייף, און ניט האָבן די וויזיע צו קענען נאָך אַ 2 טויזנט יעריקן גלות גלויבן אין אַ אידעאַל פון ציוניזם, פון צוריק באַקומען גלייכהייט און פאָלק'ס פרייהייט...

מ'קען אַלץ מוחל זיין די קעגנער פון ציוניזם, אָבער מען קען ניט פאַרגעסן דעם גרויסן שאָדן וואָס זיי האָבן געבראַכט דאָס אידישע פאָלק, ביז דעם מאָמענט ווען די ציוניסטישע אידייע האָט געזיגט, און די גרויסע זעאונג פון הערצל, גורדון, אחד העם, מאַקס נאָרדוי, אוסישקין און, יבדל לחיים בן גוריון און אַנדערע, איז מקים געוואָרן. געווען אויך אין ציוניזם פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע מיינונגס פאַרשיידנהייטן, אָבער דאָס איז שוין געווען ווי אַ ווייטערדיקער שפּרונג, פון נאָכטראַכטן וועגן דער געשטאַלטונג פון דער צוקונפטיקער אידישער מלוכה. די פירער פון ציוניזם האָבן איין ציל געהאַט פאַר זיך, אין וועלכן זיי זענען געווען איייניק, דאָס איז, אַז די מלוכה, די פרייהייט דאַרף געשאַפן ווערן. דער עצם געדאַנק פון גיין בויען,

שאַפן און פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון ושבו בנים לגבולם, איז געווען רייף און אַקטועל ביי יעדער גרופע.

און עס איז געווען אַ געזונטע דערשיינונג, וואָס אין ציוניזם גופא זע־נען געווען אידעאָלאָגישע מיינונגס פאַרשידנהייטן. ווען די מלוכה איז געשאַפן געוואָרן, האָט דער אידנשטאַט ניט געדאַרפט אָנהויבן פון בראשית, ווי יעדער נייַ אַנטשטאַנענע מלוכה דאַרף אָנהויבן, זי איז גלייך אויף מאָרגן נאָך דער דעראָבערטער פרייהייט, געוואָרן אַ מאָ־דערנער שטאָט, מיט אַ פייאיקן מלוכה אַפּאַראַט, מיט אידעאָלאָגישע פּאַרטיי ריכטונגען און אַנשויאונגען, אָבער וועלכע האָבן וויטער פאַר זיך נאָר איין ציל: בויען, גרעסער מאַכן, שטאַרק מאַכן די אידישע מלוכה.

איך האָב ספּעציעל ארויסגעבראַכט דעם אידייען געראַנגל אויף דער ציוניסטישער גאַס, בכדי צו אונטערשטרייכן דעם אונטערשייד פון די ציו־ניסטישע אידייען גרופּן ביז די קעגנער גרופּן פון ציוניזם.

אויב מען קען מוחל זיין די קעגנערישע פּאַרטייען זייער קעגנערשאַפט צום ציוניזם, ביז דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מלוכה, קען מען אָבער זיי ניט מוחל זיין די קאַלטע באַצאונג צו דער אידישער מלוכה נאָך איר אַנט־שטייאונג.

אַנשטאַט אָנערקענען, אַז דער ציוניזם, דער חלוציזם זענען געווען די, וואָס האָבן פאַרזייט די קערנדלעך פון די פרייהייטס־געדאַנקען ביים אידישן פאָלק און האָבן געבראַכט צום זיג דורך דעראָבערן זיין פרייהייט, קומען זיי שוין איצט, נאָך אַזאַ קורצער צייט עקזיסטענץ פון מלכות ישראל, מיט נייע פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע צוגאַנגען, אויספירונגען, א. ד. ג.

איך וויל ניט זאָגן, אַז ישראל, איז אַ זאַך נאָר פאַר ציוניסטן. ניין, ישראל איז אַן ענין פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק, אַ ראיה האָט איר, אַז נאָך ישראל פאָרן הונדערטער, טויזנטער אידן פון גאָר דער וועלט. צווישן זיי געוועזענע בונדיסטן, אגודה'ניקעס און אַנדערע באַקעמפער פון ציוניזם. אָבער מען מוז דאָך אנערקענען, אַז די ציוניסטישע אידייע איז געווען די, וואָס האָט פאַרזייט דאָס קערנדל פון פרייהייט. זי האָט אָנגעצונדן אין די מוחות און הערצער פון פאָלק ישראל דעם פּראַקטישן געדאַנק פון לאָמיר גיין און אויסלייזן אונזער פאָלק דורך שאַפן די אידישע מלוכה.

איז וואָס איז איצט די לאַגע נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מלוכה? צו איז געענדיקט די ראָל פון ציוניזם, ווי עס ווילן באַהויפּטן די, וואָס האָבן שוין אָפּגעטאַנצט אויף דער שמחה?

אָ, ניין, און ניין!

ערשט איצט דארף אָנגעהויבן ווערן די גרויסע אויפקלערונגס אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן פון גאָר דער וועלט, אַז אין ישראל איז נאָר גע־שאַפן געוואָרן דער אָנהויב, און דאָס איבעריקע דארף נאָך געשאַפן ווערן. מען דאַרף ווייטער אָנגיין מיט דער גרויסער אויפבוי אַרבעט. עס וועלן שטראָמען הונדערטער טויזנטער נייעם עולים און אפשר מיליאָנען. (מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל!) דאָס אַלץ וועט דאַרפן צוגרייטן די אַל־וועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. עס בלייבט אַלזאָ דער אויספיר, אַז די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דאַרף ווייטער אָנגיין, ווי זי א״ז אָנגעגאַנגען מיט איר אומדערמידלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, ווייל עס איז פשוט ניטאָ ווער עס זאָל די אַרבעט אויף ווייטער פירן.

פריינט האָבן מיר פיל, וואָס דערקלערן זיך אין ליבע צו ישראל יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אָבער די באַלדיקע אַרבעט דאַרף ווייטער געמאַכט ווערן דורך דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער מחנה, אויפקלערנדיק די אי־דישע פאָלקס־מאַסן אומעטום, אַז מיר האַלטן נאָך ביי בראשית. איך וויל ניט פ א ר מ י נ ע ר ן די הילף וואָס אידן גיבן פאַר ישראל. אָבער צו אָרגאַני־זירן די גרויסע אַרבעט און שלעפן דעם וואָגן, איז די אויפגאַבע פון דער צי־י־ניסטישער מחנה. און ווער עס וויל זיך איינשפאַנען אין איר וואָגן דאַרף אויפגענומען ווערן מיט אָפענע אָרעמס, מעג ער האָבן וועלכע עס איז ניט אידעאָלאָגיע פאַר זיך, אבי נאָר ער אנערקענט מלכות ישראל און איז מסכים אַז איצט איז די צייט אונזער מדינה צו באַפעסטיקן.

געווינס דאַרף דער ציוניזם אין אָנבליק פון דער געשאַפענער לאַגע, וואָס מיר האָבן אַן אייגענע מלוכה, פיל רעווידירן אין זיינע מעטאָדן פון דער ביז איצטיקער אַרבעט, און זיך צופאַסן צו דער ניי געשאַפענער לאַגע.

אין ציוניזם גופא זענען דאָ פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע גרופן פון עקס־טרעם רעכטע ביז עקסטרעם לינקע. לינקע, וואָס האָבן די וויזיע פון אַ סאָ־ציאַליסטישער הערשאַפט אין דערווירטשאַפט׳ס סיסטעם פון אידישן לאַנד. אָבער דער הויפט ציל איז ביי זיי דער ציוניזם, פאַר וועלכן זיי האָבן די ב ע ס ט ע כ ו ח ו ת א ו ו ע ק ג ע ג ע ב ן. אַזאַ איז דער וועג פון די, וואָס האָבן געגלויבט און גלויבן אין מלכות ישראל. און איך וויל מאַכן אַן אויס־פיר פון מיינע שורות: אויב די אויפבוי אַרבעט פון ישראל דאַרף אָנגיין ווײַ־טער מיט איר שטאַרקער טעמפּאָ; אויב מען דאַרף אויפנעמען ווייטערע הונדערטער טויזנטער נייע עולים, ווייטער פאַרוואַנדלען מדבריות אין בליענדע ישובים, מוזן די קאַדרען חלוצים ווייטער אָרגאַניזירט ווערן און די נאַציאָנאַלע פאָנדן מוזן ווייטער שאַפן זייער וואונדער אין ישראל.

דער הויפּט פֿאָנד אין איצטיקן אויפֿבוי פֿון ישראל, איז, ווי פֿריער, פֿאַרבליבן דער קרן היסוד — ישראל קאַמפּיין.

לויט דעם באַשלוס פֿון 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלן די ישראל קאַמפּיינען איצט הייסן קרן היסוד — המגבית המאוחדת לישראל און וועלן זיין דער פֿינאַנץ אינסטרומענט פֿון דער אידישער אַגענטור. דורך דעם פֿאָנד וועט פֿינאַנסירט ווערן די עליה, קאָלאָניזאַציע, איינוואָרצלונג פֿון עליה און די התישבות.

דער פֿאָנד איז אַן אומפּאַרטייאישער. דורך דעם פֿאָנד וועלן אָנקומען נאָך ישראל אידן פֿון גאָר דער וועלט און אַלע קאָלאָניזאַציע פּלענער, גרינדונג פֿון קיבוצים, קבוצות, מושבי עובדים און אַנדערע וועלן דורך דעם פֿאָנד פֿי־נאַנסירט ווערן.

אויך וועט דער פֿאָנד זאָרגן פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער זיכערקייט פֿון ישראל. ווייל די עליה און קאָלאָניזאַציע זעלבסט איז אַ דעצידירנדיקער שריט אין דער ריכטונג פֿון זיכערקייט פֿון ישראל. אָבער אויך דירעקט וועלן דורך דעם פֿינאַנץ־אינסטרומענט אויסגעפֿירט ווערן זיכערהייט׳ס אַר־בעטן אין די שוין געגרינדעטע ישובים און אין די נייע צוגעקומענע. עס וועלן באַזעצט ווערן די פּלעצער ביי די גרעניצן, בכדי צו פֿאַרזיכערן זייער מיליטערישע זיכערהייט. עס וועט אין עקאָנאָמישן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן הינזיכט געזאָרגט ווערן פֿאַר דער עקאָנאָמיש ווירטשאַפֿטלעכער אומאָפּהענ־גיקייט פֿון ישראל דורך גרינדן נייע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּונקטן.

דורך דעם וועלן אויך געגעבן ווערן מעגלעכקייטן פֿאַר דער אינדוס־טריעלער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד. ווייל דאָרט וואו עס שטראָמט די עליה פֿון נייע עולים, און עס ווערן געשאַפֿן נייע קאָלאָניעס, דאָרטן מוזן אויך וואַקסן די שטעט, מיט געוויסנדער פֿאַבריקאַציע פֿאַר דער אינדוסטריעלער פֿאַרזאָרגונג פֿון לאַנד.

ווי מיר זעען איז דער „קרן היסוד" — המגבית המאוחדת לישראל פֿאָנד, דער פֿונדאַמענט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אונזער לאַנד. אַזוי איז געווען אויך ביז איצט און נאָך מער וועט זיין ראָל אחריות׳דיק ביים אָנצייכענען די פּלענער פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אונזער מדינה.

# קרן קימת לישראל

דריי פאַקטאָרן דאָמינירן פאַר דעם קיום און אויפהאַלט פון אַ פאָלק:

1. דער באָדן אויף וועלכן ער געפינט זיך.
2. זיין שפּראַך.
3. קולטור, היסטאָריע, זיין פאַרגאַנגענהייט מיט דער ירושה פון אי־בערגייענדע טראַדיציעס און מנהגים.

דער הויפּט פונדאַמענט פון דער פאָלקס זעלבסטשטענדיקייט איז דער באָדן אויף וועלכן ער קאָנצענטרירט זיך און אָרדנט איין זיין לעבן.

אַ פאָלק, וואָס לעבט לאַנג אויף זיין באָדן באַטראַכט עס ווי זיין מו־טער און ער איז גרייט עס שטענדיק צו פאַרטיידיקן מיט זיין בלוט און לעבן. ווייל נעמט צו ביי אַ פאָלק זיין באָדן פון אונטער די פיס, דאַן פאַרלירט ער זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין יסוד און פונדאַמענט. אַזאַ טראַגעדיע האָט פּאַסירט מיט דעם אידישן פאָלק, וועלכער האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צו־ריק פאַרלאָרן זיין באָדן, אַוועקגעטריבן געוואָרן אין גלות, און געוואָרן צעזייט אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. דורך אָנהאַלטן זיין שפּראַך, שאַפנדיק אַ גרויסע ליטעראַטור און קונסט, דורך די רעליגיעזע געפילן און טראַדיציעס, פון שפּינען די קייט פון עוד לא נתקה השלשלת, האָט דאָס פאָלק ישראל באַוויזן, פאַר דער צייט פון זיין צעשפּרייטונג, דאָך אָנהאַלטן זיך אַלס פאָלק און ניט אויסגעמישט ווערן דורך די כסדר'דיקע גייסטיקע און פיזישע פאַר־ניכטונגס פּרואוון, וואָס זענען אויף אים געמאַכט געוואָרן.

צוריק אָבער אויפלעבן און אויפשטיין אַלס זעלבסטשטענדיקע איינהייט ווי אַ פרייע מלוכה'שע קערפּערשאַפט האָט דאָס פאָלק ניט געקענט, ווייל זיין באָדן, די ערד, איז ארויסגעריסן געוואָרן פון אונטער זיינע פיס.

דעריבער האָט פאַרשטאַנען דער ציוניזם, אַז בכדי צו אַנטוויקלען זיין פּראָגראַם פאַרן קאַמף פון זעלבסטשטענדיקייט און רענעסאַנס, מוז ער דעם באָדן אָנהויבן צוריקבאַקומען. דעם באָדן, אויף וועלכן ער זאָל שטעלן זיינע טריט און גרייכן צום ציל פון פאַנאַנדערוויקלען און אויפהויבן די פּראָגראַמ־טעטיקייט פון ושבו בנים לגבולם.

אונזער ספּעציפישע לאַגע פון זיין אָפּגעריסן פון אונזער ערד אין ישראל, זייענדיק פאַרוואָרפן טויזנטער, טויזנטער מיילן ווייט פון איר, האָט גע־

צוואונגען דעם ציוניזם פירן זיין קאמף פאר רענעסאנס, אויסלייזן דעם באָדן, דורך פאָלקס זאמלונגען, דורך די נאציאָנאַלע פאָנדן, דורך דעם ק ר ן קימת לישראל.

עס האָט אמאָל געזאָגט דער גרויסער אוסישקין ז"ל, אַז בכדי אַ מענטש, ווען ער גייט ארויף אויף אַ שפּוע פון אַ באַרג זאָל זיך פילן זיכער אויף אַ מאָמענט ווען ער וועט אומפאַלן, מוז ער האָבן זיך ארום אזוי פיל באָדן, וואס זאָל גענוגענען פאר זיין גאַנצער גרויס. און דאָס זעלבע איז מיט אַ פאָלק. בכדי ער זאָל זיך פילן זיכער מוז ער האָבן אזוי פיל באָדן, וואָס זאָל פארזיכערן זיין קיום.

און דער קרן קימת לישראל האָט אויסגעלייזט, געשאַפן און צוגעגרייט דעם באָדן אויף וועלכן עס פלעגן זיך באַזעצן די עולים וואָס האָבן געשאַפן דעם אוואַנגאַרד פאר לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער צוקונפטיקער אידישער מלוכה.

דער קרן קימת לישראל האָט שפּאַן נאָך שפּאַן אויסגעלייזט די ערד און עס איבערגעגעבן אין רשות פון פאָלק. ער האָט אויך דעם באָדן פרוכטבאַר געמאַכט, געפלאַנצטביימער, באַוואַסערט און אריינגעגעבן רוח החיים אין טויטן פוסטן מדבר.

אַמאָל וויל מען אַריבערשפּרינגען דעם לאַנגזאַמען שווערן וועג פון זאַמלען די גראָשנס פאַר דעם נאַציאָנאַלן פאָנד קרן קימת. אָבער מען קען ניט אַנדערש. ווייל אפילו ווען דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל זאָל שטראָמען אָן אויפהער נאָך ישראל, מוז דער קרן קימת זיין אַרבעט טאָן לאַנגזאַם, טראַט נאָך טראָט, אָן איבעררייס, ווייל דעם באָדן וועלכן דער קרן קימת לייזט אויס און שטעלט צו, צו דער התישבות, וועט פּריוואַט־קאַפּיטאַל קיינמאָל ניט אויסלייזן און וועט אַהין ניט גיין.

און איצט, נאָך דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, בלייבן די גרויסע אויפגאַבן פאַר דעם קרן קימת די זעלבע ווי געווען. פיל באָדן קען מען נאָך אויסלייזן. די אויסגעוואַנדערטע אַראַבער, אין צייט פון קריג, זענען גרייט פיל פון דעם באָדן — וועלכן זיי האָבן איבערגעלאָזט — צו פאַרקויפן. פיל אַראַבער פון די שכנות'דיקע לענדער זענען גרייט באָדן צו פאַרקויפן.

די באַוואַלדערונג, באַוואַסערונג און אויפלעבונג פון פיל באָדן וועט ווייטער מוזן געמאַכט ווערן דורך דעם קרן קימת לישראל.

דער אויספיר איז: אַז דער קרן קימת לישראל איז אַ נויטווענדיקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער מדינה.

# די הסתדרות

די הסתדרות אין ישראל — וואָס איז זי?

ווען זי וואָלט ניט געווען, וואָלט מען איר ערשט געדאַרפט שאַפן. אָבער ווען מען זאָל איר ערשט דאַרפן שאַפן, וואָלט עס געווען ווי אַ פועל־יוצא פון דעם קאַמף וואָס די אַרבעטערשאַפט פירט פאַר אירע רעכט און פרייהייט און זי וואָלט דאַן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ ריין, פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

די „הסתדרות העובדים" — אַלגעמיינע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין ישראל איז שוין אָבער פון לאַנג געשאַפן געוואָרן. די „הסתדרות" הויבט אָן איר געשיכטע אין די ערשטע טעג פון דער ארץ ישראלדיקער אויפבוי־אַרבעט. שוין דאַן, איז געווען דער פּראָגראַם פון דער הסתדרות העובדים, צו זאָרגן פאַר דעם אַרבעטער'ס רעכט אויף אַרבעט און פרייהייט, גלייכצייטיק פאַר־שטאַרקט די „הסתדרות" דעם גייסט פון חלוציזם.

אין דעם באַשטייט דער כוח פון דער הסתדרות, וואָס איז ניט בלויז אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד פון אַרבעטער.

די „הסתדרות" — ווערט צוזאַמענגעשטעלט אין איר אָנהויב דורך די ערשטע חלוצים וואָס זענען באַצילט געווען מיט די העכסטע אידעאַלן פון אויפריכטן דאָס פאָלק אויף זיין אייגענער ערד — דורך אַרבעט.

עס זענען דאַן ניט געשטאַנען פאַר זיי די פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דעם אַרבעטער אומעטום, צו קעמפן פאַר זיין רעכט. דער חלוץ איז ניט געגאַנגען צוליב לוין זוכעריי, פּראָפיטן אָדער אויסבעסערן זיין עקאָנאָמישן שטאַנד. דער חלוץ איז געגאַנגען בכדי צו אויפריכטן דאָס לעבן פון אַ פאָלק אין זיין לאַנד, וואָס ער האָט זייט 2,000 יאָר פאַרלאָרן.

דעם אידישן אַרבעטער איז אויסגעקומען צו פירן קאַמפן פון פּראָפע־סיאָנעלן כאַראַקטער ווי פאַר לוין העכערונג, פון אריינדרינגען און פאַרנעמען אַרבעט'ס פּאָזיציעס א. ד. ג. ער האָט דאָס געטאָן אָבער, ניט נאָר בכדי צו

אויסבעסערן זיין לעבנ'ס שטייגער, נאָר גלייכצייטיק בכדי צו אויסטרעטן דעם וועג פאַר דעם אויפקום פון דעם אידנשטאַט. פאַרקערט — אָפטמאָל זענען די ישראל'דיקע אַרבעטער גראָדע געגאַנגען אין אַזעלכע אַרבעטס פלעצער, וואו עס איז געווען ווייניקער צו פאַרדינען, אָבער מען האָט דאָרט געדאַרפט גיין בכדי צו דעראָבערן די אַרבעט, וואָס איז געווען פון גרויסער באַדייטונג, כדי צו שטאַרקן דעם אידישן איינפלוס אין פונקטן פון וויכטיקן ווירטשאַפטלעכן, סטראַטעגישן און פאָליטישן סעקטאָר פון לעבן אין לאַנד אונטער דער מאַנדאַטן הערשאַפט. דאָס לעבן איז געגאַנגען פאָרויס, דער ישוב האָט זיך אויסגעברייטערט, די אַרבעטערשאַפט איז געוואָקסן. דער פאַרנעם פון ווירטשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן האָט אָנגעהויבן אָננעמען ברייטערע פאָרמען און די ישראל'דיקע אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן אויך אויפנעמען פראָבלעמען פון ריין פראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, ווי: קאַמף פאַר לוין העכערונג, אויסבעסערונג פון אַרבעט'ס באַדינגונגען, מעדיצינישע פאַרזאָרגונג, אורלויבן א. א. וו.. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט האָט אויפגענומען די דאָזיקע פראָבלעמען, אָבער אַלעמאָל מיט דעם צוגאַנג פון אַ סעקטאָר פון לאַנד, וואָס האָט געזען זיין לאַנד געבויט דורך אידישע הענט. דעריבער האָט זיין קאַמף קיינמאָל ניט געטראָגן קיין כאַראַקטער פון בלויז אַ ריינעם קלאַסן אָדער עקאָנאָמישן קאַמף. דער אידישער ארץ ישראל אַרבעטער האָט די פראָבלעמען אויסגעקעמפט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן.

די „הסתדרות העובדים", האָט אויף אַ וואונדערבאַרן אופן צוגעגרייט די פאַרזאָרגונג און דאגה פאַר דעם וואויל פון דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל. זי האָט געבויט דאָס לאַנד און במילא האָט זי זיך ניט געקענט באַגרענעצן אין די ענגע ראַמען פון דאגה'ן און אָרגאַניזירן די אַרבעטערשאַפט נאָר פאַרן קאַמף פון בעסערע לעבנ'ס לוינען.

ווייל קענן ווען האָט די הסתדרות געדאַרפט קעמפן ווען זי אַליין האָט דאָס לאַנד געבויט, ווען זי אַליין האָט רעקרוטירט די בעסטע זין און טעכטער פון אידישן פאָלק?

די „הסתדרות" האָט אַנטוויקלט גרויסע פלענער און פראָגראַמען פון בויען און שאַפן פאַר דעם אַרבעטער די אַלע ווערטן, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט אין אַלע מאָדערן איינגעריכטעטע לענדער ווי: מעדיצין־פאַרזאָרגונג, אָפרו און קולטור הייזער, פרעסע אויסגאַבעס, טעאַטערס, שולן, כאָרן פאַראַנשטאַלטונגען פאַר טעכנישער און פראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, קאָ־

אַפּעראַטיוון, לייַ־קאַסעס, בענק און נאָך, און נאָך. די „הסתדרות" האָט גע־שאַפן אומעטום און דערבײַ באַוויזן צו מאָביליזירן די סימפּאַטיע פון אי־דישן פאָלק, וואָס האָט מיט גרויסע געלט מיטלען, געשטיצט דער ישראל'־דיקער אַרבעטערשאַפט צו שאַפן די אַלע נויטיקע פאַרזאָרגונגען.

די „הסתדרות העובדים" איז אַלזאָ קאָנסעקווענט געשטאַנען, פּאַראַ־לעל מיט אירע אויפגאַבן פאַר מאָביליזירן דער אַרבעטערשאַפט פאַרן אויפ־בוי פון לאַנד, אויך פאַר דער דאגה פון שאַפן די גינסטיקע באַדינגונגען פון זיין וואוילזיין און פאַר אָפּהיטן און ניט דערלאָזן צו אויסנוצעריי, לוין אַראָפּ־נידעריקעריי א. ד. ג. אַז אַזעלכע זאַכן זענען פאָרגעקומען און קומען פאָר אויך אין אונזער לאַנד, גלויב איך איז פאַר אַלעמען קלאָר. ווייל לאָמיר זיך ניט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז צוליב דעם וואָס אין ישראל זענען מיר אַלע אידן, האָבן מיר ניט די זעלבע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אַן אַר־בעטער קלאַס, אַ בירגערלעכן און שטאַרק רייכן קלאַס, פּונקט ווי אין אַנ־דערע לענדער...

ווייט פאָרויס זעעוודיק איז געווען די „הסתדרות" אין דעם אַלעם. אָט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די אַלע פּרואוון וואָס זי האָט געמאַכט זענען תחילת ניט אונטערגענומען געוואָרן. וואָלט אויסגעקומען, אַז דער ישוב וואָלט שפּעטער, ביים אויפנעמען אַ גרויסע אַרבעטער מחנה, ערשט געדאַרפט אויפנעמען דעם קאַמף וועלכן די אַרבעטערשאַפט וואָלט אָנגעהויבן פאַר העכערע אַרבעט'ס לוינען, מעדיצין פאַרזאָרגונג, קולטורעלע באַדינונג א. א. וו. איז וואָלט עס די יונגע מדינה געקענט אַלע פּראָבלעמען לייזן? עס וואָלטן אויפגעשוואומען אויף דעם באָדן פּראָ־בלעמען שווערע וואָס וואָלטן ניט איינמאָל געפירט צו גרויסע שטרייט פראַגן. די „הסתדרות" האָט אָבער די זאַכן ניט פאַרנאַכלעסיקט. זי האָט גע'דאגה'ט פאַר זייער שאַפונג און האָט במילא, אַ דאַנק איר אַר־בעט, דערוואָרבן שטאַרקע פּאָזיציעס. די הסתדרות איז דעריבער מער ווי סתם אַן „אַרבעטער פאַרבאַנד". זי איז די חוט השדרה פון דער מדינה, מיט גרויסע קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען.

די „הסתדרות העובדים" האָט באַוויזן צו קאָנצענטרירן אין אירע רייען דעם גרעסטן טייל אַרבעטער פון לאַנד, דעם רוב מנין ורוב בנין פון ישראל ישוב. אין אירע רייען קאָנצענטרירן זיך שיכטן סיי פון לינקע אָריענטאַציעס, סיי פון רעכטע, גרופּן פרייַדענקער און רעליגיעז געשטימטע.

מען האָט אָפּט טענות צו דער „הסתדרות העובדים" אַז זי איז לינק און דאגה'ט בלויז האָבנדיק אין זינען נאָר די אינטערעסן פון אַרבעטער. אפשר וועלן מיר עס פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס גראדע אין דער „הסתדרות" וואַרפן איר פאָר אָפּט טיילן פון אירע אַרבעטער, אַז זי שטייט ניט גענוג אויפן שטאַנדפּונקט פון פאַרטיידיקן די אַרבעטער רעכט און האָט אין זינען נאָר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון לאַנד אויפבוי...

וואָלט די „הסתדרות העובדים" ניט געווען, וואָלט דאָס לעבן גע־צוואונגען אַזעלכעס איצט צו שאַפן, אָבער זי וואָלט געבאָרן געוואָרן איצט אין ווייען פון קאַמפן, שטרייטן א. ד. ג. און וואָלט בלויז געטראָגן אַ כאַ־ראַקטער פון אַן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס קעמפט פאַר זיין רעכט. צום גליק האָט ישראל אויסגעמיטן דעם פּראָצעס און איר אַרבעטערשאַפט דער־שיינט דורך דער „הסתדרות העובדים" ווי דער וויכטיקסטער שעפעריש־קאָנסטרוקטיווער טייל פון אונזער יונגער מדינה.

# די „וויצאָ“ אין ישראל

בעת מיין זיין אין ישראל איז מיר אויסגעקומען צו זיך פאַראינטערעסירן אין דער אַרבעט פון דער „וויצאָ“ און איר חלק אין דעם אויפבוי און שאַפונג פון דער ישראל־מדינה. ניט איבערטרייבנדיק, קען מען זאָגן, אַז די אַרבעטן און טעטיקייטן פון דער אַלוועלטלעכער „וויצאָ“ אָרגאַניזאַציע פלעכטן זיך אַריין ווי אַ שטאַרקער רינג אין קייט פון דער טאָג טעגלעכער אויפבוי אַרבעט פון דער אידישער היים אין ישראל.

איך וואָלט געזאָגט, אַז די „וויצאָ“ פילט אויס מיט איר אַרבעט די ראָל פון אַ מוטער אין משפחה לעבן, וועמענס פליכט עס איז אַריינטראָגן וואַרעמקייט, היימלעכקייט און מוטערלעכע זאָרג פאַר דער פאַמיליע, אין דער צייט ווען דער פאָטער איז דער האַרבער פאַרזאָרגער פון די שווערע לאַסטן און זאָרגן אין משפחה לעבן. און אזוי פלעכטן זיך אַריין, ווי מוטערלעכע פאַרזאָרגונגען, די אויפטוען און שאַפונגען פון דער „וויצאָ“, אין ישראל אויפבוי.

אויף דער אסתר המלכה גאַס, ניט ווייט פון דער רוישיקער אַלענבי גאַס אין תל אביב, אין אַ שטיל באַשיידן 2 שטאָקיק הויז, געפינט זיך די וועלט צענטראַלע פון דער אַלוועלטלעכער „וויצאָ“ אָרגאַניזאַציע. אַז מען גייט אַריין איז ווי איר וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ „ווייבערישער“ מלוכה... די אינפאָרמאַטאָרין איז אַ פרוי מיט באַזילבערטע האָר, וואָס גיט אייך גענויע אינפאָרמאַציע וועגן געבוי פון דער צענטראַלע, אירע אָפּטיילונגען און אַלע אירע אָפּצווייגונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

די „וויצאָ“ האָט פאַר דער צייט פון איר עקזיסטענץ, געשאַפן אין ישראל גרויסע ווערטן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן און מיטגעווירקט צום אויפבוי פון לאַנד.

איינוואָרצלונג, אויסבילדונג, פאַרפולקאָמונג פון דעם נייעם אימיגראַציע שטראָם פון פרויען און קינדער — דאָס איז דער פראָגראַם פון אַרבעט, פון דער „וויצאָ“.

גאָר שטאַרק איז געווען איר טעטיקייט אין צייט פון דער לעצטער גרויסער מלחמה איבערן גאַנצן לאַנד, אין יעדער שטאָט און דאָרף, האָבן זיך אויסגעשפּרייט די אַנשטאַלטן פון דער „וויצאָ". גלייך ביי דעם אַראָפּגיין פון שיף, אַלס נייער עולה, באַמערקסטו די פאָרשטייערינס פון „וויצאָ", וועלכע קומען אייך באַגריסן, מיטברענגענדיק אָפּט זיסוואַרג און שפּילצייג פאַר די קינדער. די אָנגעקומענע פרויען באַקומען דורך די „וויצאָ" פאָרשטייערינס די געהעריקע עצות אין ראַט און טאַט.

אין בית עולים, — דער עמיגראַנטן־דורכגאַנגס־פּלאַץ פאַר נייע עולים, — זאָרגט די „וויצאָ" פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון קינד און פרוי, פאַר דער צייט פון זייער געפינען זיך דאָרטן.

צענדליקער אַנשטאַלטן פאַרמאָגט די „וויצאָ", וואו עס געפינען פּלאַץ היימלאָזע קינדער, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע עלטערן, אָדער וועמענס עלטערן זענען פאַראומגליקט געוואָרן דורך אַנדערע סיבות. פיל אַנשטאַלטן אין די שטעט פאַר די נייע אָנגעקומענע עולים, ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער „וויצאָ".

צו הילף די נייע עמיגראַנטינס, אָרגאַניזירט די „וויצאָ" פיל בתי חלוצות. דאָס זענען אַזעלכע גרויסע בשותפות׳דיקע וואוין פּלעצער, וואו די נייע עולה קריגט אַ פּלאַץ צום וואוינען, ביז זי באַקומט פאַר זיך אַ צימער.

די בתי חלוצות זענען איינגעאָרדנט מאָדערן, היגיעניש און מיט באַק־וועמלעכקייטן. פאַרשיידענע קורסן פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון אויס־לערנען זיך שנעל אַ פאַך, וואָס איז נויטיק פאַר דעם לאַנד, קען די נייע עולה באַקומען דורך דער „וויצאָ". אַזעלכע בתי עולות און פאַך־קורסן עק־זיסטירן אומעטום אין לאַנד; אין תל אביב, ירושלים, חיפה, נתניה, הרצליה און אין פיל אַנדערע מושבות.

אין צייט פון קריג פאַר אונזער זעלבסטשטענדיקייט האָט די „וויצאָ" ארויסגעוויזן אַ גאָר גרויסע אַקטיוויטעט. דער ישראל סאָלדאַט איז ארומ־גערינגלט געוואָרן מיט זאָרג און סימפּאַטיע דורך די „וויצאָ" טוערינס.

איבערן גאַנצן לאַנד האָבן זיך אויסגעשפּרייט ספּעציעלע מאָדערן איינגעאָרדנטע „סאָלדאַטן קלובן", וואו די פרויען פון „וויצאָ" פלעגן אויס־פירן אַלע ארבעטן דאָרט, מאָביליזירנדיק פאַר דעם די פרויען פון גאַנצן ישוב. אין אַזאַ קלוב, פלעגן די ישראל־סאָלדאַטן אין צייט פון זייער אור־

ליב, קענען פיזיש און גייסטיק זיך אָפּרוען. אַזעלכע קלובן האָבן זיך געפּו־נען אין אַלע גרעסערע פּונקטן פון לאַנד. אין אַזאַ קלוב, פלעגט דער סאָל־דאַט קריגן צו לייענען די פרעסע פון לאַנד און פון אויסלאַנד. אויך ראַדיאָ, מוזיק, אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען א. ד. ג. ווי אויך אַ געשמאַקן נאַר־האַפטן מאַלצייט און אַנדערע שפּייזן. די באַדינונג פאַר די זעלנער, פלעגט געמאַכט ווערן דורך אַ פרייוויליקן דיזשור פון די „וויצאָ" מאָביליזירטע.

אין די שפּיטעלער און אָפּרו הייזער פאַר די פאַרוואונדעטע, קראַנקע אָדער אָפּגעשוואַכטע סאָלדאַטן, פלעגן די פרויען פון דער „וויצאָ", זאָרגן פאַר זייער גוטן פילן זיך.

די פרויען פון „וויצאָ" פלעגן טאָן זייער אַרבעט, דורך דעם ועד למען החייל, דאָס הייסט, קאָמיטעט פאַרן ישראל־סאָלדאַט.

איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען די פיל אַנשטאַלטן, וואָס די „וויצאָ" האָט געשאַפן אין אונזער לאַנד, ווייל עס וועט פאַרנעמען פיל פּלאַץ. איך וועל נאָר פאַרענדיקן מיט דער באַשרייבונג פון קינדער־מוסד פון „וויצאָ", וואָס געפינט זיך אויף דעם העכסטן פּונקט אין חיפה, אויף דער „אחוזה".

פאָרנדיק פון דער אונטערשטער טייל שטאָט אין חיפה, קלעטערט דער אויטאָבוס אַרויף צום הר הכרמל, פון וואַנען עס פאַרנעמט זיך דער שאָסיי אַרויף צום העכסטן פּונקט פון חיפה, צו דער אַזוי גערופענער „אחוזה". וואָס ליגט עטלעכע הונדערט מעטער הויך איבערן ים אויבערפלאַך. די לופט איז דאָרט קיל און דורכזיכטיק. דאָ איז איינער פון די שענסטע און באַקוועמסטע פלעצער אין חיפה און ישראל בכלל. פון דאָרט ווען די בליקסט אַראָפּ נידעריקער, זעסטו דעם ים, וואָס שפּרייט זיך אויס צופוסנ'ס דער שטאָט חיפה. ווען דו בליקסט אַראָפּ, כאַפּט דאָס אויג אַרום די צע־שפּרייטע אַרבעטער קאָלאָניעס און דעם מפרץ חיפה. ביינאַכט איז דאָס בילד גאָר פאַרכאַפּנד, טויזנטער, טויזנטער עלעקטרישע ליכטעלעך, פון פאַר־שיידענע קאָלירן, פינקלען אַרום און עס דוכט זיך ווי גאַנץ חיפה איז אויס־געזעצט אין פילע, פילע קאָלירפולע דימענטן.

דאָ אויף דער „אחוזה" אָן אַ זייט פון שאָסיי, צווישן גרינע בוימער און גראָז, האָט זיך צעלייגט דער „מוסד ילדים" (קינדער אַנשטאַלט), פון „וויצאָ". די געביידע איז מאָדערן איינגעריכטעט, מיט אַ גרויסן באַקוועמען עס זאַל, לייען זאַל, שפּיל זאַל און אָרט פאַרן צוזאַמענקום פון דער הנהלה (אָנפירערשאַפט). אַרום געפינען זיך די וואוינונגען פון די קינדער.

אַ ריי מדריכים (דערציער) און אַ ספּעציעלער פּערסאָנאַל פאַרנעמט זיך מיט דער דערציאונג פון די קינדער. די באַקוועמלעכקייט דאָרט איז אזוי געאָרדנט ווי אין אַן אָפּרו הויז.

אַזעלכע אַנשטאַלטן זענען דאָ זייער פיל. ארויסגייענדיק פון אַ באַזוך פון דעם מוסד, האָב איך געטראַכט, ווי געבענטשט דאַרפן זיין די הענט פון די פרויען, וועלכע האָבן איינגעאָרדנט און געשאַפן אַזעלכע ווינקעלעך. וואָס איז דער גרעסטער אויפטו אין לעבן, אויב ניט מיטווירקן מיט אַרבעט צום גליק און וואוילזיין פון מענטשן? און אויב אַזעלכע אַנשטאַלטן פאַרן קינד — צוקונפטיקן בירגער פון לאַנד — זענען געמאַכט און געאָרדנט דורך דער „וויצאָ" — איז וואָס קען נאָך זיין אַ בעסערער ביישפּיל, פאַר זייערע הויכע פליכטן וואָס זיי פילן אויס?

## די ראָל פון ציוניזם איז נאָך ניט פאַרענדיקט...

אידן טראַכטן אָפט: אַ אידישע מלוכה האָבן מיר שוין אויסגעקעמפט. אַלץ קלאַפּט נאָרמאַל; אַ אידישער פּרעזידענט, אידישע מיניסטאָרן, אידישע פּאָליציי, אַ אידישע אַרמיי, אַלץ, אַלץ וואָס אַ נאָרמאַל פּאָלק דאַרף האָבן, איז ביי אונז שוין דאָ. איז, הייסט עס לעבן מיר אין משיח'ס צייטן. אַלץ איז „אָל רייט". מען קען שוין כאַפּן אַ רואיקן דרעמל, נאָך די פילע אָנשטרענ־גונגען, פון הערן תמיד ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פון כסדר געבן פאַר נאַ־ציאָנאַלע פאָנדן און אַנדערע פליכטן.

מיר האָבן זיך שנעל צוגעוואוינט צו די טערמינען און באַגריפן: ווי אייגענער שטאַט, אייגענע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק, אַרויסטריט פון אונ־זערע פאַרשטייער אין דער „אָנו" וכדומה.

פאָרן איצט אידן נאָך ישראל, מיט אַ אידישער וויזע, וואָס זיי באַקומען פון דעם אידישן קאָנסול. פיל פאָרן נאָר כאַפּן אַ קוק אויף דעם אידישן שטאַט. קומענדיק אַהין, גייט מען באַטראַכטן אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן ביז איצט מיטן אויג פון אַ טוריסט, וואָס זוכט שטענדיק לייכטע, אינטערעסאַנטע זאַכן צום זען, וואָס זאָל פאַרשאַפן פאַרגעניגן און לוסט זיין אויג און נשמה.

קוקן זיך צו די באַזוכער און מעסטן און פאַרגלייכן אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין ישראל, מיט די אַנדערע לענדער און שיינע פלעצער אין דער וועלט.

מען גיט איבער דערנאָך באַריכטן — אומקערנדיק זיך אַהיים, דער־ביי קריטיקירט מען אָפט; מען האָט ניט גוט אויפגענומען, וויניק כבוד באַקומען — ווייל צופעליק איז דער באַזוכער אַ פאַרדינסטפולער ציוניסט און ער האָט געהאַלטן, אַז אים קומט פיל כבוד און אפילו גרויסע הנחות ביים וועלן איינאָרדענען ביזנעס... דערציילט דערביי וועגן „עוולות" וועל־כע מ'איז קעגן אים באַגאַנגען בעת'ן באַזוך און נאָך וועלכע ער האָט געזען און זענען אים ניט געפעלן געוואָרן.

איז כדאי דאָ עפּעס קלאָר מאַכן: די אידישע מדינה איז ניט אַנטשטאַ־נען אַ דאַנק דער אָפּשטימונג אין „אָנו" און אפילו ניט בלויז אַ דאַנק דער

געוואונענער מלחמה. דאָס זענען נאָר עטאַפּן, נאַטירלעך דעצידירנדע אין דער פאַרווירקלעכונג פון מדינת ישראל. אָבער די אַרבעט און קאַמף פאַר ישראל׳ס זעלבסטשטענדיקייט, ציט זיך שוין זינט צענדליקער יאָרן. די חלוצים, האָבן געמאַכט אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן, אין די ארץ ישראל מדבריות, שאַפנדיק אַ קאָלאָניע, נאָך אַ קאָלאָניע, פלאַנצנדיק אַ בוים נאָך אַ בוים. דער־ביי האָט אויך דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל, אריינקומענדיק, האַנט ביי האַנט, געהאָלפן אַנטוויקלען און בויען דאָס ריזן ווערק.

צענדליקער יאָרן פון קאַמף קעגן העצער און שטערער אין דער גרעסער וועלט און אין לאַנד גופא.

און אזוי האָט עקזיסטירט די גאַנצע צייט אַן אונטערערדישע מלוכה אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן לעבן פון לאַנד, קירעווענדיק דעם אויפבוי פּראָצעס אין דער ריכטונג, כדי צו שאַפן אַ אידישן זעלבסטשטענ־דיקן שטאַט.

האָט זיך דאָך אונזער רענעסאַנס און באַפרייאונגס קאַמף אונטערשיי־דעט פון די קאַמפן פון אַנדערע פעלקער פאַר זעלבסטשטענדיקייט, מיט דעם, וואָס מיר זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גרעסער וועלט און מיר האָבן געדאַרפט פאָרן טויזנטער מײַלן ווייט, בכדי צוצוקומען צום פּלאַץ פון אונזער ציל. מיר האָבן געדאַרפט ברעכן גרענעצן און שטאַרק באַ־וואַכטע ברעגן. מיר האָבן געדאַרפט פירן אין „וואַליזקעס" געפּאַקט אונזער קולטור, זיטן און מנהגים צו איבערפלאַנצן זיי אויף אונזער ערד, וועלכע האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון דעם ענגלישן אונטעריאָכער.

זענען געווען דאָן היץ קעפּ וואָס האָבן געזאָגט: לאָמיר מיט שווערד תיכף אויסקעמפן אונזער זעלבסטשטענדיקייט. אָבער זיי האָבן פאַרגעסן דערביי, אַז בכדי צו קעמפן מוז מען צו ערשט זייען פעלדער, בויען שטעט, קאָלאָניעס און דערפער אין וועלכע מען זאָל קענען דערנאָך פירן אַ קאַמף. און דאָס האָט געטאָן דער „קליין ציוניזם" — ווי אַנדערע האָבן גע־פּרוּווט פאַרשרייען די אויפטוען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

און די פּראַקטיק האָט געוויזן, אַז דאָרט וואו אַ פּונקט איז געשאַפן געוואָרן, איז ער דערנאָך אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער אידישער מדינה. צום ביישפּיל, דער נגב. צו ערשט האָבן אַהין אַרויפגעטראָטן די חלוצישע פּיאָנערן און דאַן איז שוין געשלאָסן געוואָרן דער אייביקער בונד, צווישן דעם מדבר און די איבעריקע ישובים אין ארץ ישראל.

נייע טיפן אידן פון אַרבעט אין פעלד און ווירטשאַפט, אין פאַבריק און וואַרשטאַט, האָט דערצויגן די ציוניסטישע חלוצישע־פּיאָנערן־באַוועגונג און אַזוי זענען אויפגעקומען נייע טיפּן ישראל אידן.

דער ציל פון דער ציוניסטישער אידייע איז געווען ניט נאָר שאַפן אַ פּלאַץ פון אַ גרעסערן קאָמפּאַקטן ישוב אין ארץ ישראל, נאָר פון שאַפן און דערציען די אַלע עלעמענטן, וואָס אַ געזונט נאָרמאַל פאָלק דאַרף האָבן.

דאַרף מען דעריבער פאַרשטיין, בעת מען פאָרט אויף אַ לוסט־רייזע קיין ישראל, אַז מען טאָר ניט מעסטן דאָס לאַנד לויט דער גרויס און שיינקייט פון די קאַפּייען פון תל אביב, אָדער באַקוועמלעכקייטן און קאָמפאָרטן אין די האָטעלן. איך וויל ניט זאָגן, אַז דאָס איז ניט נויטיק, אַ נאָרמאַל פאָלק, מיט אַ נאָרמאַל לעבן דאַרף עס אויך. הלואי זאָל זיך עס מערן און אונזער לעבן זאָל אָננעמען אַלע פאָרמען פון אַ נאָרמאַל פאָלק. אָבער ישראל איז דאָך דער פּלאַץ, וואו אַ ניי אידיש לעבן שאַפט זיך, פון נייע טיפּן אידן, און מוסטער מענטשן. ישראל דאַרף זיין, אפילו ווערנדיק אַ גרויסער שטאַט — דער גרויסער מרכז רוחני דער גייסטיקער צענטער, וואָס זאָל שיינען ווי אַ לייכט טורעם פאַר זיך, פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק.

און ישראל וועט ניט קענען בויען און אויסברייטערן זיך, אין דעם גייסט, אויב עס וועט חלילה אָפּגעשטעלט ווערן די ווייטערדיקע הילף. די גרויסע ציוניסטישע וויזיע מוז אינגאַנצן מקוים ווערן!

צוריק מוזן באַנייט ווערן די חלוצישע שטרעמונגען; פון שאַפן חלוצישע קאַדרען פאַרן לאַנד; פאַרצווייגן די גרויסע פאָלקס זאַמלונגען פאַרן קרן היסוד, קרן קימת און בויען, שאַפן אין לאַנד באַזיסן פאַר דער גרויסער עמיגראַציע וואָס וועט שטראָמען אָן אויפהער קיין ישראל.

שאַפן די נויטיקע סומען פאַר בויען גרויסע קולטור צענטערן, שולן, אוניווערזיטעטן, ביבליאָטעקן, מוזעאומס און אַלע אַנדערע קולטור צענטערן, וואו דער אידישער זשעני זאָל קענען אַנטוויקלען זיין טעטיקייט פאַרן לאַנד. די ישראל רעגירונג, וועט עס ניט קענען מאַכן אַליין מיט אייגענע מיטלען ווייל אירע פליכטן אַלס אַ רעגירונג, דאַרף לייזן גרויסע פּראָבלעמען, ארויסגערופענע דורך די מלחמה יאָרן. מדינת ישראל דאַרף שאַפן אַ מאָדערנע, טעכניש געשולטע און באַוואָפנטע אַרמיי. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז די אידישע מדינה וועט קיינמאָל ניט קענען אָפּשליסן די טויערן פון לאַנד פאַר אימיגראַציע מיטן מאָטיוו פון ניט אויפנאַמס פייאיקייט, צוליב שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי עס טוען אַנדערע מלוכות. און דאָ הויבט זיך אָן די ווייט ניט פאַרענדיקטע ראָל פון אַרבעט פאַר דער ציוניסטישער אידייע.

עס ליגט אויך דער הייליקער חוב אויף דער ישראל רעגירונג און דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו שאַפן די געהעריקע פאַר־שטענדיקונג און געבן די מעגלעכקייט דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל צו קומען קיין ישראל. נאָך מער: פאַראינטערעסירן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל און לאָזן אים אינוועסטירן זיינע געלטער כדי צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז ישראל איז ניט קיין פּלאַץ וואו מען קען מאַכן גרויסע פּראָפיטן אויפן חשבון פון פאָלק.

דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל דאַרף געפינען דעם וועג פון באַפרידיקן זיינע אייגענע אינטערעסן, דורך דינען דערביי אויך די אינטערעסן פון לאַנד, פון זיין אייגן לאַנד. פאַרפאַלן, קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. פון ווייניקער ריווח, זאָגט מען, ווערט מען ניט בדלות. אָבער דער אידישער קאַפּיטאַליסט קען זיין זיכער אַז די ישראל אַרמיי וועט באַוואַכן די גרענעצן פון לאַנד... און ער וועט ניט זיין אויסגעשטעלט אויפן חסד פון דעם אָדער יענעם מושל אין דער מדינה וואו ער וואוינט.

מיט דער ערנסטקייט דאַרפן מיר דעריבער צוגיין צום ענין אידישע מלוכה. לאָמיר אונזער לאַנד ניט אָפּשאַצן מיטן אויג פון אַ סוחרישן שטאַנד־פּונקט אָדער אַ צופעליקן טוריסט.

ישראל איז אונזער אידעאַל און טרוים, אונזער ספּעציפישע לאַגע — אפילו היינט, נאָך דער אַנטשטייאונג פון ישראל — צווינגט אונז צו האָבן אינגאַנצן אַן אַנדער קוק און צוגאַנג צו אונזער לאַנד.

דער ציוניזם האָט זיין ראָל נאָך ניט פאַרענדיקט מיט דער אַנטשטייאונג פון מלכות ישראל.

מיטן אויפקום פון דער אידישער מדינה דאַרף דער ציוניזם ערשט אָנ־הויבן אַנטוויקלען זיין שטאַרקע פאַרצווייגטע טעטיקייט און דערפילן זיין היסטאָרישע ראָל, אין דער גאָלדענער תקופה וואָס מיר אַלע האָבן די זכיה צו לעבן.

# אינהאַלט:

זייט

## פּוילן

איך זוך אין ניו יאָרק מיינע לאַנדסלייט ..................... 11
אַ באַגעגעניש מיט מיינע לאַנדסלייט ..................... 15
מיין געבורטס שטעטל ביטען ..................... 19
דאָס אידישע לעבן אין ביטען ..................... 23
מיין טאַטע ע״ה ..................... 29
שבת און יום־טוב אין שטעטל ..................... 33
אויף דער טייך שטשארא ..................... 37
ראָמאַנטיק און ליבע ..................... 41
עמיגראַציע אין דער גרויסער וועלט און נאָך ישראל ..................... 45
ביטען נאָך דער נאַצישער באַפרייאונג ..................... 49

## אוראַל

איך האָב מיין היים מער קיינמאָל ניט געזען... ..................... 55
אין דעם ווייטן, קאַלטן אוראַל ..................... 59
די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן ..................... 63
סווערדלאווסק — די הויפּט שטאָט פון אוראל ..................... 67
די אָנגעשטרענגטע אַרבעט איז ניט געגאַנגען לאיבוד ..................... 71
עס ברענט די ערד אונטער דעם נאַצישן אָקופּאַנט ..................... 75
קען מען פאַרהיילן די וואונדן?... ..................... 79
צוריק נאָך פּוילן אָבער ניט אַהיים... ..................... 83

## גלות דייטשלאַנד

אויפן וועג קיין דייטשלאַנד ........ 87
די דייטשן האָבן ניט קיין חרטה ........ 93
די לאַגערן פון דער שארית הפליטה אין בייערן ........ 97
דער כוח פון די לאַגער־אידן ........ 103
אין דייטשלאַנד טאָר ניט בלייבן קיין איין איד! ........ 107

## קובאַ

פּאַריז ........ 113
אויפן ים ........ 117
קובאַ ........ 121

## מדינת ישראל

ישראל אַלס לייכט־טורעם פאַר דעם נאָענטן מזרח ........ 131
מיט דער גריכישער שיף „נעא־העלאס" קיין איטאַליע ........ 135
מיט דער שיף „קאמפּידאליא" קיין חיפה ........ 139
אין בית עולים אין חדרה ........ 143
מיט אַ „טרעמפּ" קיין קרית חיים ........ 145
אין „קרית חיים" ביי דער שוועסטער ........ 149
אין מיליטער לאַגער פון בית־ליד ........ 153
עס פאָרמירט זיך די אידישע אַרמיי — די „צבא ההגנה לישראל" ........ 157
אין גרויסן טראַנזיט לאַגער פון קרית־מאיר ........ 159
טאָג טעגלעכע פּראָבלעמען פון דער ישראל ארמיי ........ 163
ישראל — איין גרויסער מיליטערישער לאַגער ........ 167
פּלמח און צבא ההגנה לישראל ........ 171
אין דער אויסגעליידיקטער יפו ........ 173
מיט דער בורמאַ וועג קיין ירושלים ........ 177

אין דער קאַוואַלעריע פון דער ישראל אַרמיי ........ 181
דער ענטגילטיקער נצחון ........ 185
זאָרג פאַר די דעמאָביליזירטע אידישע סאָלדאַטן ........ 187
נצחון פאַראַד פון דער ישראל אַרמיי ........ 189
שוועריקייטן אין דעם נאָך מלחמה פעריאָד ........ 193

## ציוניסטישע טעמעס

טרוים, וויזיע אוןווירקלעכקייט ........ 201
תל אביב נעמט אויף פּרעזידענט חיים ווייצמאַן ז״ל ........ 205
חיים — דער אייביקער קוואַל פון לעבן ........ 209
ירושלים — די אייביקע הויפּטשטאָט פון ישראל ........ 213
ציוניזם, מדינת ישראל און דער „קרן היסוד״־ישראל קאַמפּיין ........ 217
קרן קימת לישראל ........ 223
די הסתדרות ........ 225
די „וויצאָ״ אין ישראל ........ 229
די ראָל פון ציוניזם איז נאָך ניט פאַרענדיקט... ........ 233

הילע — פון שמחה גלעזער

אַדרעס פון מחבר:
GERSZON MINKOWICZ
c/o Szaya Winograd
Calle Muralla 256, Habana, Cuba

UNIVERSITY OF FLORIDA LIBRARIES

## אַנדערע שריפטן פון זעלבן מחבר:

ב י כ ע ר :

פון גלות דייטשלאַנד ביז מדינת ישראל
האוואַנאַ, 1952.

ב י ט ע ן
האוואַנאַ, 1954.

ב ר אָ ש ו ר ן :

גלויבנדיק אין אויפקום פון מדינת ישראל
האוואַנאַ, 1952

געזאַמלטע נאָוועלן
האוואַנאַ, 1952

ציפערן און פאַקטן וועגן אידישן ישוב
אין קובאַ
האוואַנאַ, 1952

קובאַנער טעמעס (אין שפּאַניש)
האוואַנאַ, 1954

אָפּרופן וועגן די שריפטן
האוואַנאַ, 1954

G
463
.M67x

JUDAICA
LIBRARY